STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03600

YOSIF VISARIANOVITSH STALIN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!

מאַרקס — ענגעלס — לענין - אינסטיטוט בײַם צק אלקפּ(ב)

אַ ג י ז
מלוכה-פֿאַרלאַג „דער אמת“

יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש

סטאַלין

קורצע ביאָגראַפיע

צווייטע אויפלאַגע,
אויסגעבעסערטע און דערגאַנצטע

צונויפשטעלער:
אלעקסאַנדראָוו ג. פ., גאַלאַקטיאָנאָוו מ. ר.,
קרוזשקאָוו וו. ס., מיטין מ. ב.,
מאָטשאַלאָוו וו. ד., פּאָספּעלאָוו פּ. נ.

מאָסקווע — 1947



И. Сталин.

I

סטאַלין (דזשוגאַשווילי), יאָסיף ווּיסאַריאָנאָוויטש, איז געבוירן געוואָרן דעם 21 דעצעמבער 1879 יאָר אין דער שטאָט גאָרי, טיפליסער גובערניע. דער פאָטער זײַנער — ווּיסאַריאָן איוואַנאָוויטש, לויט דער נאַציאָנאַליטעט א גרוזינער, שטאַמט פון פויערים פונעם דאָרף דידי-לילאָ, טיפליסער גובערניע, לויט דער פּראָפעסיע א שוסטער, שפּעטער — אַן אַרבעטער פון אַדעלכאַנאָווס שוך-פאַבריק אין טיפליס. די מוטער — יעקאַטערינאַ געאָרגיעוונאַ — שטאַמט פון דער משפּחה פונעם לײַב-אייגענעם פויער געלאַדזע פונעם דאָרף גאַמבאַרעולי.

אין הארבסט 1888 יאָר איז סטאַלין אָנגעקומען אין דער גאָרי׳ער גײַסטלעכער שול. אין 1894 יאָר האָט סטאַלין די שול געענדיקט און איז אינעם זעלבן יאָר אָנגעקומען אין דער טיפליסער פּראַוואָסלאַוונער גײַסטלעכער סעמינאַריע.

אין יענע יאָרן האָט זיך אין רוסלאַנד אויפן באָדן פון דער אַנטוויקלונג פונעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם און פונעם

וואוקס פון דער ארבעטער-באוועגונג אָנגעהויבן ברייט פאר-שפרייטן דער מארקסיזם. דער פעטערבורגער „פארבאנד פון קאמף פאר דער באפרײַאונג פונעם ארבעטער-קלאס“, וואָס לענין האָט אים געשאפן און מיט אים אָנגעפירט, האָט געגעבן א מעכטיקן שטויס דער אנטוויקלונג פון דער סאָציאַל-דעמאָ-קראטישער באוועגונג אינעם גאנצן לאנד. די כוואליעס פון דער ארבעטער-באוועגונג האָבן זיך דערקײַקלט אויך צו טראנס-קאווקאז, וואוהין עס האָט שוין געהאט ארײַנגעדרונגען דער קאפיטאליזם און וואו ס'איז שטארק געווען דער נאציאָנאל-קאָלאָניאלער יאָך. טראנסקאווקאז איז געווען א טיפישע קאָ-לאָניע פונעם רוסלענדישן צאריזם, אן עקאָנאָמיש אָפּגעשטא-נען, אגראר לאנד, וואו עס האָבן זיך נאָך פעסט געהאלטן די רעשטן פון לײַב-אייגנטום, א לאנד, וואָס איז באפעלקערט מיט א סך נאציאָנאליטעטן, וועלכע לעבן אויסגעמישט, פארפלאָכטן איינס אין אנדערן.

אינעם לעצטן פערטל פון XIX יאָרהונדערט האָט זיך אין טראנסקאווקאז דער קאפיטאליזם גענומען שנעל אנטוויקלען, רויבעריש עקספּלואטירנדיק די ארבעטער און פויערים, פאר-שטארקנדיק דעם נאציאָנאל-קאָלאָניאלן יאָך. באזונדערס שנעל האָט זיך אנטוויקלט די בארג-אינדוסטריע, דער ארויסבאקום און די באארבעטונג פון נאפט, וואו די גרונט-פּאָזיציעס האָט פארכאפּט דער אויסלענדישער קאפיטאל. „דער רוסישער קאַ-פּיטאליזם, — האָט לענין געשריבן, — האָט אזוי-ארום גענו-מען ארײַנציען קאווקאז אין דעם אלוועלטלעכן סחורה-פאר-קער, ניוועלירן זײַנע אָרטיקע ספּעציפישקײַטן — דעם רעשט פון דער פארצײַטיקער פּאטריארכאלער אײַנגעשלאָסנקײַט, —

י. וו. סטאלין.

פאָטאָ 1894 י.

האָט גענומען שאַפן זיך אַ מאַרק פאַר זײַנע פאַבריקן. דאָס לאַנד, וואָס אין אָנהייב פון דעם נאָכרעפאָרם־פּעריאָד איז עס געווען קנאַפּ באַפעלקערט אָדער באַפעלקערט מיט באַרג־לײַט, וועלכע זײַנען געשטאַנען אָן אַ זײַט פון דער וועלט־ווירטשאַפט און אַפילו אָן אַ זײַט פון דער געשיכטע, האָט אָנגעהויבן פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ לאַנד פון נאַפט־אינדוסטריעלער, פון ווײַן־הענדלער, פון ווייץ־ און טאַבאַק־פאַבריקאַנטן...״[1]. מיטן אויפ־קום פון די אײַזנבאַנען און פון די ערשטע פאַבריקן און זאַוואָדן איז אויף קאַווקאַז אויפגעקומען אויך אַן אַרבעטער־קלאַס. באַ־זונדערס שנעל האָט זיך אַנטוויקלט די נאַפט־שטאָט באַקו, — אָט דער גרויסער אינדוסטריע־ און אַרבעטער־צענטער אויף קאַווקאַז.

די אַנטוויקלונג פונעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם איז באַ־גלייט געוואָרן מיט אַ וואוקס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין די 90־ער יאָרן האָבן אין טראַנסקאַווקאַז געפירט אַ רעוואָלו־ציאָנערע אַרבעט די רוסישע מאַרקסיסטן, וואָס זײַנען אַהין פאַרשיקט געווען. אין טראַנסקאַווקאַז האָט זיך אָנגעהויבן די פּראָפּאַגאַנדע פונעם מאַרקסיזם. די טיפליסער פּראַוואָסלאַווע סעמינאַריע איז דאַן געווען אַ נעסט, פון וואַנען עס זײַנען פאַר־שפּרייט געוואָרן אַלערליי באַפרײַאונגס־אידייען צווישן דער יוגנט, סײַ פאָלקיסטיש־נאַציאָנאַליסטישע, סײַ מאַרקסיסטיש־אינטערנאַציאָנאַליסטישע; זי איז פול געווען מיט פאַרשיידענע געהיימע קרײַזלעך. דער יעזויִטישער רעזשים, וואָס האָט גע־הערשט אין דער סעמינאַריע, האָט געוועקט אין סטאַלינען אַ שטורמישן פּראָטעסט, האָט גענערט און געשטאַרקט אין אים

[1] וו. אי. לענין, ווערק, ב. III, 3־טע אויפלאַגע, ז. 464.

רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. צו 15 יאָר ווערט סטאלין א רעוואָלוציאָנער.

„אין דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, — זאָגט סטאלין, — בין איך אריינגעטראָטן צו 15 יאָר, בעת איך האָב זיך פארבונדן מיט די אומלעגאלע גרופעס רוסישע מארקסיסטן, וואָס האָבן דאן געוואוינט אין טראנסקאווקאז. די דאָזיקע גרופעס האָבן אויף מיר געהאט א גרויסן איינפלוס און האָבן מיר אריינגעגעבן דעם חשק צו אומלעגאלער מארקסיסטישער ליטעראטור“ [1].

אין די יאָרן 1896—1897 שטייט סטאלין בראש פון די מארקסיסטישע קרייזלעך אין דער סעמינאריע. אין אויגוסט 1898 יאָר טרעט ער אויך פאָרמעל אריין אין דער טיפליסער אָרגאניזאציע פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראטישער ארבעטער-פארטיי. סטאלין ווערט א מיטגליד פון דער גרופע „מעסאמע-דאסי“ — די ערשטע גרוזינישע סאָציאַל-דעמאָקראטישע אָרגאניזאציע, וואָס האָט אין די יאָרן 1893—1898 געשפילט א געוויסע פאָזיטיווע ראָליע אין פרט פון פארשפרייטן די אידייען פונעם מארקסיזם. „מעסאמע-דאסי“ איז ניט געווען פאָליטיש איינארטיק — די מערהייט אירע איז געשטאנען אויף די פאָזיציעס פונעם „לעגאלן מארקסיזם“ און איז געווען גענייגט צום בורזשואזן נאציאָנאליזם. סטאלין, קעצכאָוועלי, צולוקידזע זיינען אין „מעסאמע-דאסי“ געווען דער אָנפירנדיקער קערן פון דער רעוואָלוציאָנערער מארקסיסטישער מינדערהייט, וועלכע איז געוואָרן דער עמבריאָן פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראטיע אין גרוזיע.

---

[1] י. סטאלין. שמועס מיטן דײַטשישן שרײַבער עמיל לודוויג, 1939 י., ז. 9.

סטאלין ארבעט פיל און עקשנותדיק איבער זיך. ער שטודירט מארקס׳ „קאפיטאל“, דעם „מאניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי“ און אנדערע ווערק פון מארקס און ענגעלס, ער באקענט זיך מיט לענינס ווערק, וואָס זיינען געווענדט קעגן דעם פאָלקיזם, קעגן דעם „לעגאלן מארקסיזם“ און „עקאָנאָמיזם“. שוין דאן האָבן לענינס ווערק געמאכט אויף סטאלינען א טיפן איינדרוק. „איך מוז אים אומבאדינגט זען“, — האָט סטאלין געזאָגט נאָך דעם, ווי ער האָט דורכגעלייענט טולינס (לענינס) א ווערק, — דערציילט אין זיינע דערינערונגען איינער פון די חברים, וואָס האָבן דעמלט נאָענט געקענט סטאלינען[1]. דער קרייז פון סטאלינס טעאָרעטישע אינטערעסן איז אויסערגעוויינלעך ברייט — ער שטודירט פילאָסאָפיע, פאָליטישע עקאָנאָמיע, געשיכטע, נאטורוויסנשאפט, לייענט די קלאסיקער פון דער קינסטלערישער ליטעראטור. סטאלין ווערט א געבילדעטער מארקסיסט.

סטאלין פירט צו יענער צייט אן אינטענסיווע פראָפאגאנדיסטישע ארבעט אין ארבעטער-קרייזלעך, באטייליקט זיך אין אומלעגאלע ארבעטער-פארזאמלונגען, שרייבט פלוגבלעטלעך, אָרגאניזירט שטרייקן. דאָס איז געווען די ערשטע שול פון רעוואָלוציאָנערער פראקטישער ארבעט, וואָס סטאלין האָט דורכגעמאכט צווישן די פאָרגעשריטענע פראָלעטאריער פון טיפלים.

„איך דערמאָן זיך, — האָט סטאלין געזאָגט, — דאָס יאָר 1898, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל באקומען א קרייזל פון

[1] „דערציילונגען פון אלטע ארבעטער פון טראנסקאווקאז וועגן דעם גרויסן סטאלין“. דערינערונגען פונעם ח׳ פ. קאפאנאדזע. אויסגאבע פון „מאָלאָדאיא גווארדיא“, 1937 י., ז. 26.

ארבעטער פון די אײַזנבאַן־װאַרשטאַטן... דאָ, אין דער סביבה פון די דאָזיקע חברים, האָב איך דאַן באַקומען מײַן ערשטע רעװאָלוציאָנערע קאַמפּס־טױפונג... די ערשטע לערער מײַנע זײַנען געװען די טיפליסער ארבעטער"[1].

אין די טיפליסער מאַרקסיסטישע ארבעטער־קרײַזלעך האָט מען זיך געלערנט לויט דער פּראָגראַם, װאָס צונױפגעשטעלט האָט זי סטאַלין.

אין דער סעמינאַריע, װאו מען האָט שטרענג נאָכגעשפּירט נאָך די „פּאַרדעכטיקע", הײבט מען זיך אָן אָנשטויסן װעגן סטאַלינס אומלעגאַלער רעװאָלוציאָנערער ארבעט. דעם 29 מײַ 1899 יאָר װערט ער פון דער סעמינאַריע אױסגעשלאָסן פאַר פּראָפּאַגאַנדירן מאַרקסיזם. א געװיסע צײַט שלאָגט זיך סטאַלין דורך מיט געבן שטונדן, און נאָכדעם (אין דעצעמבער 1899 י.) קומט ער אָן ארבעטן אין דער טיפליסער פיזישער אָבסערװאַ־טאָריע אלס א רעכענער א באַאָבאַכטער. ער רײַסט אָבער אויף קײן אײן מינוט ניט איבער זײַן רעװאָלוציאָנערע טעטיקײַט.

שוין דעמלט איז סטאַלין אײנער פון די סאַמע ענערגישע און אָנגעזעענע טוער פון דער טיפליסער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער אָרגאַניזאַציע. „אינעם פּעריאָד פון די יאָרן 1898—1900 האָט זיך אױסגעבילדעט און אױסגעפורעמט די אָנפירנדיקע צענטראַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע פון דער טיפליסער אָרגאַניזאַציע... די טיפליסער צענטראַלע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע גרופּע האָט דורכגעפירט א קאָלאָסאַלע רעװאָלוציאָנער־פּראָפּאַגאַנדיסטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע ארבעט אויפן גע־

[1] „פּראַװדאַ" נומ. 136, 16 יוני 1926 י.

בים פון שאפן אן אומלעגאלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע"[1]. סטאַלין שטייט בראש פון דער דאָזיקער גרופּע. דער לענינישער „פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פונעם אַרבעטער-קלאַס" איז געווען דער מוסטער, וואָס לויט אים האָבן כסדר געפירט זייער אַרבעט די טיפליסער רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל-דעמאָקראַטן. אונטער דער אָנפירונג פון דער רעוואָלוציאָנערער מינדערהייט פון „מעסאַמע-דאַסי" (סטאַלין, קעצכאָוועלי, צולוקידזע) הייבט אָן צו יענער צייט די אַרבעטער-באַוועגונג אין טיפליס אַרויסגיין פון די ראַמען פון דער אַלטער, ריין פראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט מיט „אויסדערוויילטע יחי-דים" פון צווישן די אַרבעטער. דאָס לעבן רוקט אַרויס אין פאָדערגרונט די אַגיטאַציע אין די מאַסן דורך אַרויסלאָזן פלוג-בלעטלעך אויף אַקטועלע טעמעס, דורך פלוג-מיטינגען און פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס קעגן דעם צאַריזם.

די אָפּאָרטוניסטישע מערהייט פון „מעסאַמע-דאַסי", וואָס איז געווען געניינגט צום „עקאָנאָמיזם", האָט געוויַיכט פון רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן און איז געווען קעגן פּאָליטישן „גאַסן"-קאַמף מיט דער זעלבסט-הערשונג, — האָט אויפגענומען די נייַע טאַקטיק אויף מעסערס. סטאַלין, די רעוואָלוציאָנערע מינדער-הייט פון „מעסאַמע-דאַסי" פירן אַ פאַרביטערטן און אומקאָמ-פּראָמיסלעכן קאַמף קעגן די אָפּאָרטוניסטן פאַר דורכפירן די נייַע טאַקטיק, די טאַקטיק פון פּאָליטישער מאַסן-אַגיטאַציע. זיי געפינען הייסע שטיצע ביי די פאָרגעשריטענע אַרבעטער פון טיפליס.

[1] ל. בעריאַ. צו דער פראַגע וועגן דער געשיכטע פון די באָלשעוויס-טישע אָרגאַניזאַציעס אין טראַנסקאַווקאַז, 1941 ז, ז. 17.

דערין, וואָס די טיפליסער סאָציאַל-דעמאָקראַטן זײַנען אַריבער צו נײַע מעטאָדן פון ארבעט, האָט אָן אָנגעזעענע ראָליע געשפּילט וויקטאָר קורנאַטאָווסקי — א געבילדעטער מארקסיסט, לענינס אן איבערצײַגטער אָנהענגער און נאָענטסטער מיטקעמפער, דער פארשפרייטער פון די לענינישע אידייען אין טראַנסקאַווקאַז. געקומען קיין טיפליס זומער 1900 יאָר, פארקניפּט ער ענגע באציאונגען מיט סטאלינען און מיט דער רעוואָלוציאָנערער מינדערהײַט פון „מעסאמע-דאסי“ און ווערט סטאלינס א נאָענטסטער פרײַנט און מיטקעמפער.

פון דעקאבער 1900 יאָר, ווען ס'האָט אָנגעהויבן דערשײַנען די לענינישע „איסקרא“, האָט זיך סטאלין אינגאנצן געשטעלט אויף די פּאָזיציעס פון דער „איסקרא“. סטאלין האָט גלײַך אײַנגעזען אין לענינען דעם שעפער פון דער עכטער מארקסיסטישער פארטיי, א פירער און א לערער.

„די באקאנטשאפט מיט לענינס רעוואָלוציאָנערער טעטיקײַט פונעם סוף 90-ער יאָרן אָן און באזונדערס נאָכן 1901 יאָר, נאָך דעם, ווי ס'האָט אָנגעהויבן דערשײַנען די „איסקרא“, — זאָגט סטאלין, — האָט מיך געבראכט צו דער איבערצײַגונג, אז אין לענינס פערזאָן האָבן מיר א מענטשן אן אויסערגעוויינלעכן. ער איז דאן אין מײַנע אויגן געווען ניט קיין פּשוטער אָנפירער פון דער פארטיי, ער איז געווען איר פאקטישער באשאפער, ווײַל ער איינער האָט פארשטאנען דעם אינערלעכן מהות און די דרינגענדיקע באדערפענישן פון אונדזער פארטיי. אז איך פלעג אים פארגלײַכן מיט די איבעריקע אָנפירער פון אונדזער פארטיי, פלעגט זיך מיר די גאנצע צײַט דאכטן, אז די מיטקעמפער לענינס — פלעכאנאָוו, מארטאָוו, אקסעלראָד און

י. וו. סטאלין.

פאָטאָ 1900 י'.

אנדערע — שטייען מיט א גאנצן קאָפּ נידעריקער פון לענינען, אז לענין איז אין פארגלייך מיט זיי ניט פשוט איינער פון די אָנפירער, נאָר אן אָנפירער פון א העכערן טיפּ, א בארג-אָדלער, וואָס ווייסט ניט פון קיין שרעק אין קאמף און פירט די פארטיי דרייסט פאָראויס איבער די ניט-אויסגעפּאָרשטע וועגן פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג"[1].

סטאלין איז דורכגעדרונגען געוואָרן מיט גרענעצלאָזן גלויבן אין לענינס רעוואָלוציאָנערן געני און האָט זיך געלאָזט גיין מיט לענינס וועג. ער האָט קיינמאָל ניט אָפּגעקערט פון דעם דאָזיקן וועג, און נאָך לענינס טויט פירט ער דרייסט און זיכער ווייטער לענינס ארבעט.

אין די יאָרן 1900—1901 הייבט זיך אָן אן עקאָנאָמישער קריזיס; אין די דאָזיקע אומשטענדן, אונטערן איינפלוס פון דער ארבעטער-באוועגונג אין רוסלאנד און אין רעזולטאַט פון דער טעטיקייט פון די סאָציאל-דעמאָקראטן, הייבט זיך אויף אין טיפליס א כוואליע עקאָנאָמישע שטרייקן, וואָס ווארפן זיך אריבער פון איין אונטערנעמונג אין דער אנדערער. אין אויגוסט 1900 יאָר קומט פאָר דער גראנדיעזער שטרייק פון די ארבעטער פון די אייזנבאן-ווארשטאטן און פון דעפּאָ. אין דעם דאָזיקן שטרייק נעמט אן אקטיוון אָנטייל מ. אי. קאלינין, וועלכער איז געווען ארויסגעשיקט פון פּעטערבורג אויף קאווקאז. דעם 22 אפּריל 1901 יאָר ווערט אין צענטער פון טיפליס אָרגאני-זירט אן ערשט-מייאיקע דעמאָנסטראציע. סטאלין איז דער אָר-גאניזאטאָר און אָנפירער פון דער דאָזיקער דעמאָנסטראציע. די דאָזיקע דעמאָנסטראציע האָט די לענינישע „איסקרא" אָפּגע-

[1] י. סטאלין, וועגן לענינען, 1945 י., ז. 20—21.

שאַצט אלס א היסטאָריש־באדײַטונגספולע געשעעניש פאר גאנץ קאווקאז; איר ווירקונג אויף דער גאנצער ווײַטערדיקער ארבעטער־באוועגונג אויף קאווקאז איז געווען אויסערגעוויינלעך גרויס.

אָט אזוי איז אין די דאָזיקע יאָרן אונטער דער אָנפירונג פון דער רעוואָלוציאָנערער מינדערהײַט פון „מעסאמע־דאסי" בראש מיט סטאלינען פארווירקלעכט געוואָרן דער אריבערגאנג פון דער ארבעטער־באוועגונג אין גרוזיע פון שמאָלער קרײַזל־פראָפּאגאנדע צו פּאָליטישער מאסן־אגיטאציע. דערמיט גופא האָט אויך אויף קאווקאז גענומען פארווירקלעכט ווערן די פאר־אייניקונג פונעם סאָציאליזם מיט דער ארבעטער־באוועגונג, פונקט ווי דאָס האָט מיט עטלעכע יאָר פאר דעם גלענצנדיק גענומען פארווירקלעכן דער פּעטערבורגער „פארבאנד פון קאמף", אָנגעפירט פון לענינען.

באאומרואיקט פונעם וואוקס פונעם רעוואָלוציאָנערן קאמף פונעם טראנסקאווקאזער פּראָלעטאריאט, פארשטארקט די צאַרישע רעגירונג די רעפּרעסיעס, מיינענדיק אויף אזא אופן אָפּצושטעלן די באוועגונג. דעם 21 מערץ 1901 יאָר האָט די פּאָליציי געמאכט אן אונטערזוכונג אין דער פיזישער אָבסערוואטאָריע, וואו ס'האָט געוואוינט און געארבעט סטאלין. די אונטערזוכונג און די פאראָרדענונג פון דער אָכראנקע צו ארעסטירן סטאלינען, וועגן וועלכער מען האָט זיך נאָכדעם דערוואוסט, צווינגען סטאלינען אריבערצוגיין אויף אן אומלעגאלער לאגע. פון דעם מאָמענט אָן און סאמע ביז דער פעברואר־רעוואָלוציע פון 1917 יאָר פירט ער אין אומלעגאלע באדינגונגען אן אָנגעשטרענגט, הערא̇יש לעבן פון א פּראָפעסיאָנעלן רעוואָלוציאָנער פון דער לענינישער שול.

דעם קייסערס סאטראפּן זײַנען געווען אָנמעכטיק קעגן דער שטײַגנדיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. פון סעפּטעמבער 1901 יאָר האָט לויט דער איניציאַטיוו פון סטאַלינען און קעצ־כאָוועלין אָנגעהויבן דערשײַנען די „ברדזאָלא" („דער קאַמף") — די ערשטע אומלעגאַלע גרוזינישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צײַ־טונג, וואָס האָט קאָנסעקווענט דורכגעפירט די אידייען פון דער לענינישער „איסקרא". די „ברדזאָלא" איז געווען די בעסטע נאָך דער „איסקרא" מאַרקסיסטישע צײַטונג אין רוסלאַנד.

דעם לייטאַרטיקל פונעם ערשטן נומער „ברדזאָלא" (סעפּ־טעמבער 1901 י.) אונטערן נאָמען „פון דער רעדאַקציע" האָט אָנגעשריבן סטאַלין. פאָרמולירנדיק די אויפגאַבן פון דער צײַ־טונג, האָט סטאַלין געשריבן: „די גרוזינישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע צײַטונג דאַרף געבן אַ קלאָרן ענטפער אויף אַלע פראַגן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, אויפקלערן די פּרינציפּיעלע פראַגן, אויפקלערן טעאָרעטיש די ראָליע פונעם אַרבעטער־קלאַס אין קאַמף און באַלײַכטן מיט דער שײַן פונעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם יעטווידע דערשײַנונג, מיט וועלכער דער אַרבעטער שטויסט זיך צונויף"[1].

סטאַלין האָט אינעם לייטאַרטיקל אָנגעוויזן, אַז די צײַטונג דאַרף שטיין בראָש פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, זי דאַרף זיך שטעלן ווי ווײַט מעגלעך נעענטער צו דער אַרבעטער־מאַסע, זי דאַרף האָבן די מעגלעכקײַט שטענדיק אויף איר צו ווירקן, זײַן איר באַוואוסטזיניקער און אָנפירנדיקער צענטער.

אינעם אַנדערן נומער „ברדזאָלא" (נאָוועמבער—דעצעמבער) איז פאַרעפנטלעכט געווען סטאַלינס וויכטיקער אַרטיקל — „די

[1] י. וו. סטאַלין, ווערק, ב. 1, ז. 9.

רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און אירע נאָ־ענטסטע אויפגאַבן". אין דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט סטאַלין באַטאָנט די נייטיקייט צו פאַראייניקן דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם מיט דער סטיכישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט אָנגעוויזן אויף דער אָנפירנדיקער ראָליע פונעם אַרבעטער־קלאַס אין דער דעמאָקראַטישער באַפרייאונגס־באַוועגונג און אַרויסגעשטעלט די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשטענ־דיקע פּאָליטישע פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט.

ברייטע מאַסשטאַבן נעמט אָן אויך דאָס אַרויסגעבן פלוג־בלעטלעך אויף פאַרשיידענע שפּראַכן פונעם פילנאַציאָנאַלן טראַנסקאַווקאַז. „אויסגעצייכנט אָנגעשריבענע פּראָקלאַמאַציעס זיינען דערשינען אויף דער רוסישער, גרוזינישער און אַרמעני־שער שפּראַכן און האָבן פאַרפולט אַלע קוואַרטאַלן פון טיפ־ליס", — האָט די לענינישע „איסקראַ" געשריבן וועגן דער טעטיקייט פון די טיפליסער סאָציאַל־דעמאָקראַטן [1]. סטאַלינס נאָענטסטער מיטקעמפער לאַדאָ קעצכאָוועלי שאַפט אין באַקו אַ קאָמיטעט פון דער לעניניש־איסקרישער ריכטונג און אָרגאַ־ניזירט אַן אומלעגאַלע דרוקעריי. דעם 11 נאָוועמבער 1901 יאָר איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון דער טיפליסער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, וואו עס איז אויסגעוויילט גע־וואָרן דער טיפליסער קאָמיטעט פון דער רסדאפּ. אין קאָמיטעט איז אַריין סטאַלין. ער פאַרבלייבט אָבער אין טיפליס זייער אַ קורצע צייט. סוף נאָוועמבער פאָרט סטאַלין אַריבער, לויטן אויפטראָג פונעם טיפליסער קאָמיטעט, קיין באַטום, דעם דריטן

[1] „איסקראַ" נומ׳ 25, 15 סעפּטעמבער, 1902 יו׳

לויט דער גריים (נאָך באקו און טיפליס) פראָלעטארישן צענ־טער אויף קאווקאז, כדי צו שאפן דאָרט א סאָציאל־דעמאָקראַ־טישע אָרגאניזאציע.

אין באטום אנטוויקלט סטאלין א ברייטע רעוואָלוציאָנערע ארבעט: ער קניפט אָן פארבינדונגען מיט די פאָרגעשריטענע ארבעטער, שאפט סאָציאל־דעמאָקראטישע קרײַזלעך, פירט אליין א ריי קרײַזלעך, אָרגאניזירט אן אומלעגאלע דרוקערײַ, שרײַבט פלאמיקע פלוגבלעטלעך, דרוקט זיי און פארשפרייט זיי, פירט אָן מיטן קאמף פון די ארבעטער אויף ראָטשילדס און מאנטאשאָווס זאוואָדן, אָרגאניזירט די רעוואָלוציאָנערע פראָ־פאגאנדע אין דאָרף. סטאלין שאפט אין באטום א סאָציאל־דע־מאָקראטישע אָרגאניזאציע, גרינדעט דעם באטומער קאָמיטעט פון דער רסדאפ, פירט אָן מיט שטרײַקן אין די זאוואָדן. דעם 9 מערץ 1902 יאָר האָט סטאלין אָרגאניזירט די באוואוסטע פאָליטישע דעמאָנסטראציע פון די באטומער ארבעטער, וואָס ער האָט מיט איר אָנגעפירט און איז געגאנגען בראש פון איר. דאָ האָט סטאלין פראקטיש פארווירקלעכט די פאראייניקונג פון א שטרײַק מיט א פאָליטישער דעמאָנסטראציע.

אָט אזוי האָט זיך אין דעם דאָזיקן פעריאָד, אין אנטשיידע־נעם און אומקאָמפּראָמיסלעכן קאמף קעגן אָפּאָרטוניזם, אויסגע־בילדעט און איז אויסגעוואקסן די לעניניש־איסקרישע אָרגאני־זאציע אין טראנסקאווקאז. איר אָנגעזעענסטער אָרגאניזאטאָר און אָנפירער איז געווען סטאלין, וועמען די באטומער ארבע־טער האָבן שוין דאן גערופן — לערער פון די ארבעטער. די לעניניש־איסקרישע אָרגאניזאציע אין טראנסקאווקאז איז גע־בויט געוואָרן אויף די פעסטע יסודות פון פּראָלעטארישן

52—2

אינטערנאציאָנאַליזם — זי האָט פאַראייניקט אין אירע רייען די פאַרגעשריטענע פּראָלעטאַריער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן — גרוזינער, אַרמענער, אַזערבײַדזשאַנער, רוסן. לענין האָט שפּעטער ניט איין מאָל געבראַכט די טראַנסקאַווקאַזער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אַלס מוסטער פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם.

דער אויפשטײַג פונעם קאַמף פון די אַרבעטער אין באַטום האָט ערנסט באַאומרואיקט די רעגירונג. די פּאָליציייִשע שפּיקעס זוכן פלײַסיק אַרום די איניציאַטאָרן. דעם 5 אַפּריל 1902 יאָר ווערט סטאַלין אַרעסטירט. אָבער אויך אין טורמע (פריער אין דער באַטומער, דערנאָך — פון דעם 19 אַפּריל 1903 יאָר — אין דער קוטאַיִסער, וואָס איז באַרימט געווען מיט איר שווערן רעזשים, נאָכדעם ווידער אין דער באַטומער) רײַסט סטאַלין ניט איבער זײַנע פאַרבינדונגען מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

אָנהייב מערץ 1903 יאָר קומט פאָר דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די קאַווקאַזער ס.־ד. אָרגאַניזאַציעס, וואָס אויף אים ווערט אויסגעפורעמט דער קאַווקאַזער פאַרבאַנד פון דער רסדאַפּ. סטאַלין, וועלכער איז געזעסן אין תפיסה, ווערט הינטער די אויגן אויסגעוויילט אין באַשטאַנד פונעם קאַווקאַזער פאַרבאַנדישן קאָמיטעט פון דער רסדאַפּ. זיצנדיק אין טורמע, דערוויסט זיך סטאַלין פון די חברים, וואָס זײַנען געקומען צו פאָרן פון II פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וועגן די ביז גאָר ערנסטע מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן צווישן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס. סטאַלין שטעלט זיך אַנטשיידן אויף דער זײַט פון לענינען, פון די באָלשעוויקעס.

אין הארבסט 1903 יאָר ווערט סטאַלין ארויסגעשיקט אויף דריי יאָר קיין מזרח־סיביר, אין באלאגאנער אויעזד, אירקוטסקער גובערניע, אין דעם דאָרף נאָוואיא אודא. דעם 27 נאָוועמבער 1903 קומט סטאַלין אויפן אָרט, וואוהין ער איז געווען פארשיקט. אין פארשיקונג באקומט ער א בריוו פון לענינען.

„צום ערשטן מאָל האָב איך זיך באקאַנט מיט לענינען אין 1903 יאָר, — זאָגט סטאַלין. — אמת, די דאָזיקע באקאַנטשאַפט איז געווען ניט קיין פערזענלעכע, נאָר א הינטער־אויגיקע, דורך א קאָרעספּאָנדענץ. זי האָט אָבער ביי מיר איבערגעלאָזט אן אומפארגעסלעכן איינדרוק, וואָס האָט מיך ניט פארלאָזן די גאַנצע צייט פון מיין ארבעט אין דער פארטיי. איך האָב זיך דאַן געפונען אין סיביר, אין פארשיקונג... לענינס בריוול איז געווען פארהעלטניסמעסיק א קליינס, עס האָט אָבער געגעבן א דרייסטע, שרעקלאָזע קריטיק פון דער פראַקטיק פון אונדזער פארטיי און האָט מערקווירדיק קלאָר און געפרעסט פאָרמולירט דעם גאַנצן פּלאַן פון דער ארבעט פון דער פארטיי אויפן נאָענטסטן פעריאָד“ [1].

אין פארשיקונג איז סטאַלין פארבליבן ניט לאַנג. ער האָט זיך געריסן וואָס גיכער צו זיין אויף דער פריי, כדי נעמען זיך צום רעאליזירן דעם לענינישן פּלאַן פון בויען די באָלשעוויסטישע פארטיי. דעם 5 יאַנואַר 1904 יאָר אנטלויפט סטאַלין פון פארשיקונג. אין פעברואַר 1904 יאָר איז סטאַלין ווידער אויף קאווקאַז, אפריער אין באַטום, דערנאָך אין טיפליס.

★

[1] י. סטאַלין, וועגן לענינען, 1945 יו, ז. 20—21.

II

כמעט צוויי יאָר איז סטאלין אָפּגעווען אין טורמע און אין פארשיקונג. דאָס זיַינען געווען יאָרן פון וויַיטערדיקן אָנוואוקס פונעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטיַיג אין לאנד. פאר דער דאָזיקער ציַיט איז צו שטאנד געקומען דער II צוזאַמענפאָר פון דער רסדאפּ, וועלכער האָט פארפעסטיקט דעם זיג פונעם מארקסיזם איבערן „עקאָנאָמיזם“. אָבער אָנשטאָט די אלטע אָפּאָרטוניסטן, די „עקאָנאָמיסטן“, וואָס די פארטיי האָט זיי צעקלאפּט, — טרעטן ארויס נײַע אָפּאָרטוניסטן, די מענשעוויקעס. נאָכן צוזאמענפאָר צעפלאקערט זיך א פארביטערטער קאמף פון לענינען, פון די באָלשעוויקעס קעגן די מענשעוויקעס, קעגן זייערע אָפּאָרטוניסטישע אידייען, קעגן זייערע שפּאלטערישע און דעזאָרגאניזאטאָרישע מעשים. די רוסיש-יאפּאָנישע מלחמה, וואָס איז אויסגעבראָכן, און די דערנעענטערונג פון דער רעוואָלוציע פארשארפן נאָך מער דעם דאָזיקן קאמף. אן אויסוועג פון דעם פארטיי-קריזיס, וואָס האָט זיך געשאפן, זעט לענין

איַין אין צונויפרופן דעם III צוזאַמענפאָר. דער קאַמף פאַרן צוזאַמענפאָר איז געוואָרן די צענטראַלע אויפגאַבע פון אַלע באָלשעוויקעס.

א זיכערע שטיצע לענינס אין דעם דאָזיקן קאַמף איז אויף קאווקאַז געווען סטאַלין, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון די טראַנסקאַווקאַזער באָלשעוויקעס. סטאַלינס אַרבעט אין דעם דאָזיקן פעריאָד גייט דורך אונטערן צייכן פון פאַרביטערטן קאַמף קעגן דעם מענשעוויזם. סטאַלין איז א מיטגליד פונעם קאַווקאַזער פאַרבאַנדישן קאָמיטעט פון דער רסדאַפּ, און צוזאַמען מיטן ח׳ צכאַקאַיא פירט ער אָן מיט זיַין אַרבעט. סטאַלין איז אומדערמידלעך: ער פאָרט אַרום סיסטעמאַטיש איבער די ראַיאָנען פון טראַנסקאַווקאַז (באַטום, טשיאַטורי, קוטאַיִס, טיפליס, באַקו, די פויערשע ראַיאָנען פון מערב-גרוזיע), פאַרפעסטיקט די אַלטע און שאַפט נייַע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס; ער באַטייליקט זיך אין די פאַרביטערטע געראַנגלען מיט די מענשעוויקעס און די אַנדערע שונאים פונעם מאַרקסיזם אויף פובליקע דיסקוסיעס, — ער פאַרטיידיקט ענערגיש די באָלשעוויסטישע פּאָזיציעס, דעמאַסקירט די פּאָליטיקאַנעריַי און דעם אָפּאָרטוניזם פון די מענשעוויקעס און פון די, וואָס זיַינען טאָלעראַנט צו זיי.

אונטער סטאַלינס און דזשאַפּארידזעס אָנפירונג איז „אין דעצעמבער 1904 י. דורכגעפירט געוואָרן א גראַנדיעזער שטריַיק פון די באַקוער אַרבעטער, וואָס האָט געדויערט פונעם 13 ביזן 31 דעצעמבער און האָט זיך פאַרענדיקט מיטן שליסן דעם ערשטן אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין רוסלאַנד קאָלעקטיוון אָפּמאַך מיט די נאַפט-אינדוסטריעלער.

דער באקוער שטרײַק איז געווען דער אָנהייב פונעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטײַג אין טראנסקאווקאז.

דער באקוער שטרײַק האָט געדינט אלס „סיגנאל צו די רומפולע יאנואר־פעברואר־ארויסטרעטונגען אין גאנץ רוסלאנד" (ס ט א ל י ן)" [1].

דער דאָזיקער שטרײַק, — ווערט געזאָגט אינעם „קורצן קורס געשיכטע פון דער אלקפּ(ב)", — איז געווען ווי א בליץ פאר א געוויטער ערב דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן שטורעם אין רוסלאנד.

סטאלין פירט עקשנותדיק דורך לענינס דירעקטיוון, ער אנטוויקלט און פארטיידיקט פאר די מאסן די באָלשעוויסטישע אידייען, ער אָרגאניזירט דעם קאמף פאר דעם III פארטיי־צוזאמענפאָר. צווישן לענינען און דעם קאווקאזער פארבאנדישן קאָמיטעט איז כסדר אונטערגעהאלטן געוואָרן אן ענגע פאר־בינדונג. סטאלין איז געשטאנען בראש פון דעם גאנצן אידייאיש־פאָליטישן קאמף פון די קאווקאזער באָלשעוויקעס קעגן די מענשעוויקעס, עסערן, נאציאָנאליסטן, אנארכיסטן אין די יאָרן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. דאָס שטארקסטע געווער פון די באָלשעוויקעס אין דעם דאָזיקן קאמף איז געווען די פארטייאישע ליטעראטור. סטאלין איז געווען דער אָרגאניזאטאָר און דער איניציאטאָר כמעט פון אלע באָלשעוויסטישע אויסגאבעס אויף קאווקאז. סטאלין האָט אָרגאניזירט דאָס ארויסגעבן אומלעגאלע ביכער, צײַטונגען, בראָשורן און פראָקלאמאציעס אין א מאסשטאב, אן אומגעזעענעם פאר די באַדינגונגען פונעם צארישן רוסלאנד.

[1] ל. ב ע ר י א. צו דער פראגע וועגן דער געשיכטע פון די באָלשעוויסטישע אָרגאניזאציעס אין טראנסקאווקאז, 1941 י., ז. 48.

א מערקווירדיק דרייסטע אונטערנעמונג פונעם קאווקאזער פארבאנד פון דער רסדאפּ און אן אויסגעצייכנטער מוסטער פון באָלשעוויסטישער אונטערערדישער טעכניק איז געווען די אווּ־לאבארער געהיימע דרוקעריי, וואָס האָט געארבעט אין טיפליס פון נאָוועמבער 1903 יאָר ביז אפריל 1906 יאָר. אין אָט דער דרוקעריי זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן לענינס ווערק „די רעוואָ־לוציאָנערע דעמאָקראַטישע דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאַט און פויערטום", „צו דער דאָרפישער אָרעמשאפט", סטאלינס בראָשורן „קורץ וועגן די פּארטייאישע מיינונגס־פארשיידנהייטן", „צוויי געראנגלען" און אנדערע, די פּראָגראם און דער סטאַ־טוט פון דער פּארטיי, צענדליקער פלוגבלעטלעך, וואָס א באדייַ־טנדיקן טייל פון זיי האָט אָנגעשריבן סטאלין. אין אָט דער דרוקעריי זיינען דערשינען די צייטונגען „פּראָלעטאריאַטיס בררדזאָלא" („דער קאמף פונעם פּראָלעטאריאַט") און „פּראָלע־טאריאַטים ברדזאָלים פורצעלי" („דאָס בלעטל פון קאמף פונעם פּראָלעטאריאַט"). ביכער, בראָשורן, צייטונגען, פלוגבלעטלעך זיינען געדרוקט געוואָרן אין דריי שפּראכן, אין א טיראזש צו עטלעכע טויזנט עקזעמפּליארן.

אן אנטשיידנדיקע ראָליע אינעם פּארטיידיקן די פּאָזיציעס פונעם באָלשעוויזם אויף קאווקאז, אינעם פּראָפּאגאנדירן און אנטוויקלען לענינס אידייען געהערט דעם אָרגאן פונעם קאווּ־קאזער פארבאנד פון דער רסדאפּ — „פּראָלעטאריאַטיס ברדזאָלא", וואָס איז דערשינען אונטער סטאלינס רעדאקציע און איז געווען א ווירדיקער יורש פון דער „ברדזאָלא". „פּראָ־לעטאריאַטיס ברדזאָלא" איז נאָך דעם לענינישן צענטראל־אָרגאן פון דער פּארטיי — „פּראָלעטארי" געווען די בעסטע

און גרעסטע באָלשעוויסטישע צײַטונג. כמעט אין יעדן נומער פון דער צײַטונג פלעגן געדרוקט ווערן לענינס ארטיקלען פון „פּראָלעטארי". פיל וויכטיקסטע ארטיקלען האָט אָנגעשריבן סטאלין. אין די דאָזיקע ארטיקלען טרעט סטאלין ארויס אלס טאלאנטפולער פּאָלעמיסט, אלס גאָר גרויסע ליטעראַרישע און טעאָרעטישע קראַפט פון דער פּאַרטיי, אלס פּאָליטישער פירער פונעם פּראָלעטאריאַט, אלס טרײַער נאָכפאָלגער פון לענינען און זײַנע ארטיקלען און בראָשורן ארבעט סטאלין פאנאנדער א ריי טעאָרעטישע און פּאָליטישע פראגן. ער דעקט אויף די אידייאישע פאלשקײַט פון די אנטיבאָלשעוויסטישע שטרעמונגען און פּראַקציעס, זייער אָפּאָרטוניזם און פאררעטערישקײַט. זײַנע קלעפּ איבער די שונאים האָבן געטראָפן ריכטיק אין ציל. לענין האָט זיך מיט אנטציקונג אָפּגערופן וועגן דער „פּראָלעטאריאַטים ברדזאָלא", וועגן איר מארקסיסטישער אויסגעהאלטנקײַט, וועגן אירע אויסגעצייכנטע ליטעראַרישע מעלות.

סטאלין, לענינס געטרײַסטער און ביזן סוף קאָנסעקווענטער שילער און מיטקעמפער, האָט געשפּילט אויף קאווקאז א ביז גאָר אָנגעזעענע ראָליע אינעם צעקלאַפּן אידייאיש דעם מענשעוויזם אין אינעם פאַרטיידיקן די אידעאָלאָגישע, אָרגאַניזאַציאָנעלע און טאַקטישע יסודות פון דער מארקסיסטישער פּאַרטיי. סטאלינס ווערק פון יענעם פּעריאָד זײַנען א מוסטער פון קאָנסעקווענטן פאַרטיידיקן די פּאָזיציעס פון לעניניזם און צייכענען זיך אויס מיט טעאָרעטישער טיפקײַט, מיט אומקאָמפּראָמיסלעכקײַט צום אָפּאָרטוניזם.

אין זײַן אויסגעצייכנטער בראָשור „קורץ וועגן די פּאַרטייאישע מיינונגס-פארשיידנהײַטן", אין די צוויי „בריוו פון

קוטאַיִס" און אינעם ארטיקל „אין ענטפער דעם „סאָציאַל-דעמאָקראַט"" האָט סטאַלין אנטשיידן פאַרטיידיקט די אידעאָלאָגישע יסודות פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי.

אין די „בריוו פון קוטאַיִס" (סעפּטעמבער—אָקטאָבער 1904 יאָר) קריטיקירט סטאַלין שאַרף פּלעכאַנאָווס ארטיקלען אין דער נייַער „איסקראַ", וועלכע זיינען געווען געווענדט קעגן לענינס ווערק „וואָס דאַרף מען טאָן?". קאָנסעקווענט פּאַרטייַדיקנדיק די לענינישע שטעלונג פון דער פראַגע וועגן סטיכישקייט און באַוואוסטזיניקייט אין דער ארבעטער-באַוועגונג, שרייבט חבר סטאַלין פאָלגנדיקס:

„דער שלום (דער פּראַקטישער אויספיר) דערפון איז אזא: לאָמיר דערהייבן דעם פּראָלעטאַריאַט צום באַגרייפן די ווירקלעכע קלאַסן-אינטערעסן, צום באַגרייפן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, און ניט מאַכן דעם דאָזיקן אידעאַל צו קליינגעלט אָדער צופּאַסן אים צו דער סטיכישער באַוועגונג. לענין האָט איינגעשטעלט דעם טעאָרעטישן באַזיס, וואָס אויף אים טאַקע ווערט געבויט אָט דער פּראַקטישער אויספיר. ס'איז בלויז גענוג אָנצונעמען די דאָזיקע טעאָרעטישע פּאָרהנחה, אז קיין שום אָפּאָרטוניזם זאָל צו דיר נאָענט ניט צוטרעטן. דערין איז די באַדייטונג פון דער לענינישער אידיי. איך רוף זי אָן לענינישע, ווייל קיינער אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט זי ניט ארויסגעזאָגט מיט אזא קלאָרקייט, ווי לענין" [1].

די בראָשור „קורץ וועגן די פּאַרטייאישע מיינונגס-פאַרשיידנהייטן" (אָנגעשריבן אין אָנהייב 1905 יאָר, דערשינען אין אן אומלעגאַלער אויסגאַבע אין מיי 1905 יאָר) געהערט צו די

[1] י. ווי. סטאַלין, ווערק, ב. 1, ז. 58.

אָנגעזעענסטע ווערק פונעם באָלשעוויסטישן געדאנק. זי שליסט זיך אָן דירעקט אָן לענינס היסטאָריש ווערק „וואָס דארף מען טאָן?", זי פארטיידיקט אנטשיידן און אנטוויקלט לענינס גע-ניאלע אידייען.

אנטוויקלענדיק די אידייען פון וו. אי. לענין, דערווייזט חבר סטאלין, אז דער סאָציאליסטישער באוואוסטזיין האָט א גרויסע באדייטונג פאר דער ארבעטער-באוועגונג. גלייכצייטיק וואָרנט סטאלין קעגן אן איינזייטיקן איבערשאצן די ראָליע פון אידייען, קעגן פארגעסן די באדינגונגען פון דער עקאָנאָמישער אנטוויק-לונג, די ראָליע פון דער ארבעטער-באוועגונג. צי קאָן מען זאָגן, פרעגט סטאלין, אז דער סאָציאליזם — דאָס איז אלץ, און די ארבעטער-באוועגונג — איז גאָרנישט? „געוויס, נים! אזוי זאָגן נאָר אידעאליסטן. ווען-עס-איז, אין זייער א לאנגער צייט ארום, וועט די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג אומפארמיידלעך ברענ-גען דעם ארבעטער-קלאַס צו א סאָציאלער רעוואָלוציע און וועט אים, הייסט דאָס, צווינגען איבערצורייסן יעטווידע פארבינדונג מיט דער בורזשואזער אידעאָלאָגיע. די זאך באשטייט בלויז דערין, וואָס דער דאָזיקער וועג וועט זיין זייער א לאנגער און ווייטעקדיקער"[1].

פאנאנדערוויקלענדיק אין דער בראָשור „קורץ וועגן די פארטייאישע מיינונגס-פארשיידנהייטן" זיין טיפע און אלזיי-טיקע ארגומענטאציע איבער דער פראגע וועגן דער פארהעל-טעניש צווישן דער ספּיכישער ארבעטער-באוועגונג און דעם סאָציאליסטישן באוואוסטזיין, רעזומירט חבר סטאלין דעם

---

[1] י. וו. סטאלין, ווערק, ב. 1, ז. 105.

שטאנדפונקט פונעם לענינישן פליגל פון דער סאָציאל־דעמאָ־קראטיע אופן פאָלגנדיקן אופן:

„וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער וויסנשאפטלעכער סאָציאַליזם אָן דער ארבעטער־באוועגונג? — א קאָמפּאַס, וואָס אז מען באנוצט אים נים, קאָן ער בלויז פארזשאווערט ווערן, און דעמלט וואָלט מען געדארפט ארויסוואַרפן אים אין דרויסן.

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די ארבעטער־באוועגונג אָן דעם סאָציאַליזם? — דאָס איז א שיף אָן א קאָמפּאַס, וואָס וועט אזוי אויך צושווימען צום אנדערן ברעג, אָבער ווען זי פארמאָגט א קאָמפּאַס, וואָלט זי דערגאַנגען צום ברעג א סך גיכער און וואָלט געהאַט אויסצושטיין ווייניקער סכנות.

פאראייניקט דאָס און יענץ צוזאַמען, וועט איר באקומען אַן אויסגעצייכנטע שיף, וועלכע וועט זיך לאָזן גלייך צום אנדערן ברעג און וועט בשלום אָנקומען אין האפן.

פאראייניקט די ארבעטער־באוועגונג מיטן סאָציאַליזם, וועט איר באקומען די סאָציאַל־דעמאָקראטישע באוועגונג, וועלכע וועט מיטן גלייכן וועג זיך א לאָז טאָן צום „געבענטשטן לאַנד""[1].

די גאנצע געשיכטע פונעם קאמף פונעם ארבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד האָט גלענצנד באשטעטיקט דעם דאָזיקן וויכטיקן טעאָרעטישן אויספיר פונעם חבר סטאַלין. אין דער דאָזיקער בראָשור גיט סטאַלין א פארניכטנדיקע קריטיק פון דער אָפּאָר־טוניסטישער טעאָריע פון סטיכישקייט און באגרינדעט די ראָליע און די באדייטונג פון דער רעוואָלוציאָנערער פארטיי און פון דער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע פארן ארבעטער־קלאַס.

[1] י. וו. סטאַלין, ווערק, ב. 1, ז. 102—103.

„די ארבעטער־באוועגונג, — האָט סטאַלין געשריבן, — דאַרף פאַראייניקט ווערן מיטן סאָציאַליזם, די פּראַקטישע טעטיקייט און דער טעאָרעטישער געדאַנק דאַרפן זיך צונויפגיסן אינאיינעם און צוגעבן דערמיט גופא דער סטיכישער ארבעטער־באַוועגונג א סאָציאַל־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער... אונדזער חוב, דער חוב פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז — אָפּווענדן די סטיכישע באַוועגונג פון די אַרבעטער פונעם טרעד־יוניאָניסטישן וועג און אַוועקשטעלן זי אויפן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן וועג. אונדזער חוב איז אַרײַנברענגען אין דער דאָזיקער באַוועגונג דעם סאָציאַליסטישן באַוואוסטזײַן * און באַהעפטן די פאָרגעשריטענע קרעפטן פונעם ארבעטער־קלאַס אין איין צענטראַליזירטער פּאַרטיי. אונדזער אויפגאַבע איז — שטענדיק גיין בראָש פון דער באַוועגונג און קעמפן אומדערמידלעך קעגן די אַלע — מעג עס זײַן א שונא אָדער א „פרײַנט" — וואָס ווילן שטערן צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אויפגאַבן"[1].

סטאַלינס ארויסטרעטונג איז פולשטענדיק באַוויליקט געוואָרן פון לענינען. אָפּשאַצנדיק סטאַלינס ארטיקל „אין ענטפער דעם „סאָציאַל־דעמאָקראַט"", וואָס איז געדרוקט געווען אין „פּראָלעטאַריאַטים ברדזאָלא" אין אויגוסט 1905 יאָר, האָט לענין אינעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי — אין „פּראָלעטאַרי" (נום. 22) פאַרצייכנט די „גלענצנדיקע שטעלונג פון דער פראַגע וועגן דעם באַרימטן „אַרײַנברענגען דעם באַוואוסטזײַן פון אויסן"".

אין א ריי ארטיקלען באַגרינדעט סטאַלין די לענינישע ליניע

* וועלכן עס האָבן אויסגעאַרבעט מאַרקס און ענגעלס.
[1] י. ו. סטאַלין. ווערק, ב. 1, ז. 105, 106.

אויפן II צוזאמענפאָר פון דער רסדאפּ און נאָכן צוזאמענפאָר. אינעם ארטיקל „דער קלאס פּראָלעטאריער און די פּארטיי פון די פּראָלעטאריער" (פארעפנטלעכט דעם 1 יאנואר 1905 יאָר אינעם נומ. 8 „פּראָלעטאריאטים ברדזאָלא"), וואָס איז געווידמעט דעם ערשטן פאראגראף פונעם פּארטיי-סטאטוט, האָט סטאלין פאַרטיידיקט די אָרגאניזאציאָנעלע יסודות פון דער פּארטיי, שטייענדיק אינגאנצן אויף דעם באָדן פון לענינס לערע וועגן דער פּארטיי, אנטוויקלענדיק און באגרינדנדיק די לענינישע אידייען. דער דאָזיקער ארטיקל פּאַרטיידיקט די אָרגאניזאציאָנעלע אידייען פונעם באָלשעוויזם, וועלכע לענין האָט פאָרמולירט אין זײַן בארימטן בוך „א טראָט פאָראויס, צוויי טריט צוריק".

„ביזן היינטיקן טאָג, — האָט סטאלין געשריבן, — איז די פּארטיי אונדזערע ענלעך געווען אויף א גאסטפריינטלעכער פאטריארכאלער משפחה, וואָס איז גרייט אויפצונעמען אלע סימפּאטיזירנדיקע. נאָך דעם אָבער, ווי אונדזער פּארטיי איז פארוואנדלט געוואָרן אין א צענטראליזירטער אָרגאניזאציע, האָט זי אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פאטריארכאלן אָנבליק און איז אינגאנצן ענלעך געוואָרן צו א פעסטונג, וואָס די טירן אירע עפענען זיך נאָר פאר די, וואָס זיינען עס ווערט. און דאָס האָט פאר אונדז א גרויסע באַדייטונג. אין דער צייט, ווען די זעלבסט-הערשונג סטאַרעט זיך צו דעמאָראליזירן דעם קלאסן-זעלבסט-באוואוסטזיין פונעם פּראָלעטאריאט דורך „טרעד-יוניאָניזם", נאציאָנאליזם, קלעריקאליזם אדג., ווען די ליבעראלע אינטעליגענץ, פון דער צווייטער זייט, סטאַרעט זיך עקשנותדיק אָפּטויטן די פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט פונעם

פּראָלעטאַריאַט און צו דערשלאָגן זיך די אַפּוטרופּסות איבער אים, — אין דער דאָזיקער צײַט דאַרפן מיר זײַן העכסט וואַכ־זאַם און מאָרן ניט פאַרגעסן, אַז אונדזער פּאַרטײ איז אַ פעסט־טונג, וואָס די טירן אירע עפענען זיך נאָר פאַר דורכגעקאָנטראָ־לירטע" [1].

דער אַרטיקל „ווי אַזוי פאַרשטייט די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע די נאַציאָנאַלע פראַגע?" (פאַרעפנטלעכט אינעם נום. 7 „פּראָלעטאַריאַטיס ברדזאָלאַ" פון 1 סעפּטעמבער 1904 יאָר) איז אַן אויסגעצייכנטער קאָמענטאַר צו דער נאַציאָנאַלער פּראָ־גראַם פון דער רסדאַפּ. אין דעם דאָזיקן אַרטיקל באַגרינדעט סטאַלין און דערקלערט די טעאָריע און די פּראָגראַם פון דער פּאַרטײ אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ער גיט אַ צעשמעטערנ־דיקע קריטיק פונעם אָפּאָרטוניסטישן פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער פאַנאַנדערגרענעצונג פונעם פּראָלעטאַריאַט, ער פאַרטיידיקט קאָנסעקווענט דעם אינטערנאַציאָנאַליסטישן טיפּ פון אויסבויען די פּראָלעטאַרישע קלאַסן־אָרגאַניזאַציעס. אין דעם דאָזיקן אַר־טיקל טרעט סטאַלין אַרויס אַלס גרויסער טעאָרעטיקער פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס באַהערשט מײַסטערהאַפט דעם מאַרקסיסטישן דיאַלעקטישן מעטאָד. דאָ זײַנען אין אַן עמ־בריאָנעלער פאָרם געגעבן געוואָרן די אידייען, וועלכע סטאַלין האָט שפּעטער אַנטוויקלט אין זײַן ווערק „דער מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע".

פון די ערשטע טריט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלו־ציע פאַרטיידיקט סטאַלין און פירט דורך אַנטשיידן די לענינישע סטראַטעגיע און טאַקטיק אין דער רעוואָלוציע, די לענינישע

[1] י. ווי סטאַלין. ווערק, ב. 1, ז. 67.

אידיי פון העגעמאָניע פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע.

מיינענדיק די ליבעראלן, וואָס האָבן געשטרעבט ניט צו קיין רעוואָלוציע, נאָר צו א פּשרה מיטן קייסער, האָט סטאלין נאָך ערב דעם 9 יאנואר 1905 יאָר געזאָגט: „יאָ, מיַינע הערן, אומזיסט איז אייַער טרחה! די רוסישע רעוואָלוציע איז אומפארמיַידלעך. זי איז פונקט אזוי אומפארמיַידלעך, ווי אומפארמיַידלעך ס'איז דער זון-אויפגאנג! קאָנט איר אָפּשטעלן די אויפגייענדיקע זון? די הויפּט־קראפט פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע איז דער שטאָטישער און דאָרפישער פּראָלעטאריאט, און דער פאָנען־טרעגער אידער איז די סאָציאל־דעמאָקראטישע ארבעטער־פּארטיי, און ניט איר, הערן ליבעראלן!" [1].

פּונקט אזוי אנטשיידן פּארטיידיקט סטאלין די לענינישע אידיי וועגן באוואָפנטן אויפשטאנד, אלס דאָס מיטל אראָפּצווארפן די זעלבסט-הערשונג און דעראָבערן א רעפּובליק. אין זיַינע ווערק פון די יאָרן 1905—1907 ווערט אלזיַיטיק באַגרינדעט די אידיי פון באוואָפנטן אויפשטאנד. „ראטעווען דאָס פאָלק קאָן בלויז א זיגריַיכער אויפשטאנד פון דעם פאָלק גופא", — זאָגט חבר סטאלין. ער האָט, פּונקט ווי לענין, צוגעגעבן א קאָלאָסאלע באדיַיטונג דער טעכנישער צוגרייטונג פון דעם אויפשטאנד, דער אָרגאניזירונג פון קאמפּס-דרוזשינעס, דעם קריגן געווער אאוו. „נעמלעך די טעכנישע אָנפירונג און די אָרגאניזאציאָנעלע צוגרייטונג פון אן אלרוסלענדישן אויפשטאנד, — האָט סטאלין אָנגעוויזן, — אָט דאָס

[1] י. וו. סטאלין. ווערק, ב. 1, ז. 78.

איז די נייַע אויפגאַבע, וואָס דאָס לעבן האָט געשטעלט פאַרן פּראָלעטאַריאַט" [1]. סטאַלין האָט טאָג־טעגלעך אָנגעפירט מיט דער טעטיקייַט פון די באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס פון טראַנסקאַווקאַז אין פּרט פון צוגרייטן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

סטאַלין באַגרינדעט און אַנטוויקלט לענינס אידיי וועגן דער צייַטווייַליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. די אויסבילדונג פון א צייַטווייַליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, ווייַזט ער אָן, דאַרף זייַן א נאַטירלעכער רעזולטאַט פון דעם זיגרייַכן באַוואָפנטן אויפשטאַנד פונעם פאָלק. זיגט דער פּראָלעטאַריאַט און דאָס פּויערטום אינעם אויפשטאַנד, דאַרף שוין אויך די צייַטווייַליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג זייַן דער אויסדריקער פון זייערע האָפענונגען און אינטערעסן. די דאָזיקע רעגירונג דאַרף זייַן א רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פונעם פּויערטום. בלויז די דיקטאַטור פון אָט די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן וועט אימשטאַנד זייַן אייַנצוצוימען און דערשטיקן די פינצטערע כוחות פון דער רעאַקציע, באַוואָפענען דאָס פאָלק, פאַרווירקלעכן די מינימום־פּראָגראַם פון דער רסדאַפּ, פאַרפעסטיקן דעם זיג פון דער רעוואָלוציע, דערפירן זי ביזן סוף.

„אויב דער פירער פון דער רעוואָלוציע, — זאָגט סטאַלין, — איז דער פאָרגעשריטענער פּראָלעטאַריאַט און אויב ער וועט דאַרפן נעמען אן אַקטיוון אָנטייל אין אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד, — איז במילא קלאָר, אַז מיר קאָנען ניט זאָגן, אַז ס'איז ניט אונדזער עסק, און באַזייַטיקן זיך פון דער צייַטווייַליקער רע־

[1] י. וו. סטאַלין. ווערק, ב. 1, ז. 133.

וואָלוציאָנערער רעגירונג, מיר וועלן דאַרפן צוזאַמען מיטן פּויער־טום דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט און באַטייליקן זיך אין דער צייטווייליקער רעגירונג*: דער פירער פון דער רעוואָלו־ציאָנערער גאַס דאַרף אויך זיין דער פירער אין דער רעגירונג פון דער רעוואָלוציע" [1].

אין קאַמף קעגן די פּילצאָליקע שונאים פון דער באָלשעוויס־טישער פּאַרטיי און פונעם אַרבעטער־קלאַס פּאַרטיידיקט און אַנטוויקלט סטאַלין קאָנסעקווענט די לענינישע טעאָריע פון רעוואָלוציע, דעם לענינישן טאַקטישן פּלאַן. די גרעסטע מעלה פון דעם דאָזיקן פּלאַן איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט זייער ריכטיק אַנטשפּראָכן דער רוסישער ווירקלעכקייט, האָט געהויבן צום קאַמף די ברייטע פאָלקס־מאַסן, אַריינגעגעבן זיי מוט און זיכערקייט אינעם זיג, באַוועגט די רעוואָלוציע פאָראויס.

דער קאַווקאַזער פאַרבאַנדישער קאָמיטעט האָט אומדער־מידלעך פּראָפּאַגאַנדירט די באַשלוסן פונעם III פּאַרטיי־צוזאַ־מענפאָר, האָט גערופן די אַרבעטער און פּויערים צו אַ באַ־וואָפנטן אויפשטאַנד. די סטאַלינישע פלוגבלעטלעך פון 1905 יאָר זיינען אַ מוסטער פון פּראָפּאַגאַנדירן די אידייען פונעם באָלשעוויזם צווישן די מאַסן. אין זיינע אַרטיקלען „דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד און אונדזער טאַקטיק", „די צייט־ווייליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג און די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע", „די רעאַקציע פאַרשטאַרקט זיך" און אַנדערע גיט סטאַלין אַ צעשמעטערנדיקע קריטיק פון די מענשעוויסטישע

* דאַ באַרירן מיר ניט די פּרינציפּיעלע זייט פון דער דאָזיקער פראַגע.

[1] י. וו. סטאַלין. ווערק, ב. 1, ז. 258—259.

לידערס, פארטיידיקט קאָנסעקווענט און פּראָפּאַגאַנדירט די נייטיקייט פון א באוואָפנטן אויפשטאנד.

דער אלגעמיינער שטרייק אין אָקטאָבער 1905 יאָר, וועלכער האָט באוויזן די קראפט, די מעכטיקייט פון דער פּראָלעטארישער באוועגונג, האָט געצוואונגען דעם אויף טויט איבערגעשראָקענעם קייסער ארויסצוטרעטן מיטן מאניפעסט פונעם 17 אָקטאָבער. דער דאָזיקער מאניפעסט, וואָס האָט צוגעזאָגט דעם פאָלק כלערליי פרייהייטן, איז געווען א מאנעווער אויף אָפּצונארן די פאָלקס-מאסן, א צאריש שפּיצל, א מין אָטעם-איבערכאפּ, וואָס איז דעם קייסער נייטיק געווען, כדי איינצושלעפערן די לייכט-גלייביקע, געווינען צייט, אָננעמען זיך מיט כוח און דערנאָך א קלאפּ טאָן איבער דער רעוואָלוציע. די באָלשעוויקעס האָבן געגעבן צו דערקלערן די מאסן, אז דער מאניפעסט פונעם 17 אָקטאָבער איז א פאסטקע. דער „אָקטאָבער-מאניפעסט" טרעפט סטאלינען אין טיפליס אין סאמע ברען פון קאמף פארן לענינישן טאקטישן פּלאן, פאר די באָלשעוויסטישע לאָזונגען פון דער רעוואָלוציע. דעם זעלבן טאָג האָט סטאלין, ארויסטרעטנדיק אויף אן ארבעטער-מיטינג, געזאָגט:

„וואָס דארפן מיר האָבן, כדי ווירקלעך צו זיגן? דערצו דארף מען האָבן דריי זאכן: דאָס ערשטע — באוואָפענונג, דאָס צווייטע — באוואָפענונג, דאָס דריטע — נאָכאמאָל און ווידעראמאָל באוואָפענונג" [1].

פארטיידיקנדיק דעם געדאנק, אז כדי די רעוואָלוציע זאָל זיגן, איז נייטיק א באוואָפנטער אלגעמיינער פאָלקס-אויפשטאנד,

---

[1] „געשיכטע פון דער אלקפּ(ב). קורצער קורס", ז. 78.

האָט סטאַלין אין דער פּראָקלאַמאַציע פונעם טיפליסער קאָמי־טעט פונעם קאַווקאַזער פאַרבאַנד פון דער רסדאַפּ, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין אָקטאָבער 1905 יאָר אונטערן נאָמען „בירגער“, געזאָגט אָט וואָס:

„דער גוואַלדיקער אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרײַק, וואָס האָט זיך איצט צעפלאַקערט און וואָס לויט דער גראַנדיעזקייט זײַנער האָט ער צו זיך קיין גלײַכן ניט ניט נאָר אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד, נאָר אויך פון דער גאַנצער וועלט, קאָן זיך, מעגלעך, פאַרענדיקן נאָך הײַנט, ניט האָבנדיק זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַלגעמיינעם פאָלקס־אויפשטאַנד, אָבער נאָר כדי מאָרגן ווידער און מיט אַ גרעסערער קראַפט אויפטרייסלען דאָס לאַנד און זיך פאַרוואַנדלען אין דעם גראַנדיעזן באַוואָפנטן אויפשטאַנד, וואָס דאַרף לייזן דעם דור־דורותדיקן שטרײַט פונעם רוסישן פאָלק מיט דער צארישער זעלבסט־הערשונג און צעפלעטן דעם קאָפּ אָט דער עקלהאַפטער חיה־רעה... אַ באַוואָפנטער אַלגעמיינער פאָלקס־אויפשטאַנד — אָט דאָס איז די גרויסע אויפגאַבע, וואָס שטייט ביי די הײַנטיקן טאָג פאַרן רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט און פאָדערט קאַטעגאָריש איר לייזונג!“ [1].

אין יענער צײַט האָט סטאַלין געפירט אַ קאָלאָסאַלע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אין טראַנסקאַווקאַז. אונטער סטאַלינס אָנפירונג נעמט אָן די IV באָלשעוויסטישע קאָנפערענץ פונעם קאַווקאַזער פאַרבאַנד פון דער רסדאַפּ (נאָוועמבער 1905 יאָר) אַ באַשלוס וועגן פאַרשטאַרקן דעם קאַמף פאַר צוגרייטן און דורכפירן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, פאַר באָיקאָטירן די צאַ־

[1] י. וו. סטאַלין. ווערק, ב. 1, ז. 186.

8*

רישע דומע, פאר פארשפרייטן און פארפעסטיקן די רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציעס פון די ארבעטער און פויערים — די סאָוועטן פון די ארבעטער־דעפוטאטן, די שטרייק־קאָמיטעטן, די רעוואָלוציאָנערע פויערים־קאָמיטעטן. סטאלין האָט כסדר דעמאסקירט און געמאכט א תל פון די מענשעוויקעס, אלס קעגנערס פון דער רעוואָלוציע און פונעם באוואָפנטן אויפשטאנד. ער האָט אומאויפהערלעך געגרייט די ארבעטער צו אן אנטשיידענער שלאכט קעגן דער זעלבסט־הערשונג. איבער גאנץ טראנסקאווקאז האָט זיך פארשפרייט דער פלאקער פון דער רעוואָלוציאָנערער שרפה. דער III פארטיי־צוזאמענפאָר נאָך האָט אין דער רעזאָלוציע, וואָס לענין האָט פאָרגעלייגט, „מכוח די געשעענישן אויף קאווקאז" באזונדער אָפגעמערקט די טעטיקייט פון די באָלשעוויסטישע אָרגאניזאציעס אין טראנסקאווקאז, אלס די „סאמע קעמפערישע אָרגאניזאציעס פון אונדזער פארטיי", און האָט גערופן די גאנצע פארטיי מיט אלע מיטלען צו העלפן זיי.

אין דעצעמבער 1905 יאָר פאָרט סטאלין אלס דעלעגאט פון די טראנסקאווקאזער באָלשעוויקעס אויף דער ערשטער אלרוסלענדישער באָלשעוויסטישער קאָנפערענץ אין טאמערפאָרס (פינלאנד). אויף דער טאמערפאָרסער קאָנפערענץ האָבן זיך לענין און סטאלין צום ערשטן מאָל באגעגנט פנים אל פנים. אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ איז חבר סטאלין אויסגעוויילט געוואָרן אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע צו רעדאגירן די רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ; דאָרט האָט ער געארבעט צוזאמען מיט לענינען, אלס איינער פון די אָנגעזעענסטע פארטייאָנפירער.

נאָך דער מפּלה פונעם דעצעמבער־אויפשטאנד האָט זיך אָנגעהויבן א קער צו א בהדרגהדיקן צוריקטריט פון דער רעוואָ־לוציע. אין דער פּארטיי גייט א צוגרייטונג צום IV צוזאמענ־פאָר פון דער רסדאפּ. דער קאמף צווישן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס צעפלאַקערט זיך מיט א נייַער קראפט. אויף דער ארענע שווימען ארויס אנארכאָ־סינדיקאליסטישע עלע־מענטן. באזונדערס הייבן זיי אָן טומלען אין טיפלים. סטאלין שטייט אין צענטער פונעם קאמף קעגן אלע אנטיפּראָלעטארישע שטרעמונגען אין טראנסקאווקאז.

סטאלין איז אן אקטיווער אָנטיילנעמער פונעם IV צוזא־מענפאָר פון דער רסדאפּ (שטאָקהאָלם, אפּריל 1906 יאָר), אויף וועלכן ער האָט צוזאמען מיט לענינען פּארטיידיקט קעגן די מענשעוויקעס די באָלשעוויסטישע ליניע אין דער רעוואָלוציע. ענטפערנדיק די מענשעוויקעס, האָט סטאלין אוועקגעשטעלט די פראגע קאטעגאָריש:

„אָדער די העגעמאָניע פונעם פּראָלעטאריאט, אָדער די העגעמאָניע פון דער דעמאָקראטישער בורזשואזיע — אָט ווי עס שטייט די פראגע אין דער פּארטיי, אָט אין וואָס עס באַ־שטייען אונדזערע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן“ [1].

אינגיכן נאָכן צוזאמענפאָר האָט סטאלין אָנגעשריבן די בראָ־שור „דער היינטיקער מאָמענט און דער פאראייניקונגס־צוזא־מענפאָר פון דער ארבעטער־פּארטיי“. אין דער דאָזיקער בראָ-שור האָט סטאלין געגעבן אן אנאליז פון די לעקציעס פונעם באוואָפנטן דעצעמבער־אויפשטאנד, האָט באגרינדעט די באָל־שעוויסטישע ליניע אין דער רעוואָלוציע און האָט אונטערגע־

[1] י. וו. סטאלין. ווערק, ב. 1, ז. 240.

צווינגן דעם סך־הכל פון דער ארבעט פונעם IV צוזאמענפאָר פון דער רסדאפ.

נאָכן צוזאמענפאָר איז סטאלין ווידער אין טראנסקאווקאז. ער פירט אן אומקאָמפּראָמיסלעכן קאמף קעגן דעם מענשעוויזם און די אנדערע אנטיפּראָלעטארישע שטרעמונגען. ער פירט אָן מיט די לעגאלע באָלשעוויסטישע צייַטונגען, וואָס זייַנען דערשינען אין טיפליס אין דער גרוזינישער שפּראך, — „אכאלי צכאָווורעבא" („דאָס נייַע לעבן"), „אכאלי דראָיעבא" („די נייַע צייַט"), „טשוועני צכאָווורעבא" („אונדזער לעבן"), „דראָ" („די צייַט").

צו דער דאָזיקער צייַט געהערט סטאלינס סעריע אויסגעצייכנטע ארטיקלען — „אנארכיזם אָדער סאָציאליזם?", וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס אין טראנסקאווקאז זייַנען אקטיוו געוואָרן די אנארכיסטן קראָפּאָטקינצעס.

אין דער סיטואציע, ווען די רעוואָלוציאָנערע כוואליע איז אָפּגעפאלן און ס'האָט זיך דערנאָך אָנגעהויבן די רעאקציע, האָט זיך אין טאָג־אָרדענונג, אלס דירעקטע פּארטיי־אויפגאבע, געשטעלט די אויפגאבע צו פארטיידיקן די טעאָרעטישע יסודות פונעם באָלשעוויזם. אין 1909 יאָר לאָזט לענין ארויס זייַן גענ:אל ווערק „מאטער:אליזם און עמפּיר:אָקריטיציזם", אין וועלכן ער האָט דעמאסקירט ביזן סוף די רענעגאטן אויפן געביט פון דער טעאָריע פונעם מארקסיזם און פארטיידיקט די טעאָרעטישע יסודות פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי.

אויך סטאלין טרעט ארויס פארטיידיקן די טעאָרעטישע יסודות פונעם מארקסיזם. אין זייַנע ארטיקלען פארטיידיקט

סטאלין און אנטוויקלט די טעאָרעטישע יסודות פון דער מארקסיסטישער פארטיי — דעם דיאַלעקטישן און היסטאָרישן מאטעריאַליזם. די דאָזיקע ארטיקלען סטאלינס זײַנען פאר־עפנטלעכט געוואָרן אין די יאָרן 1906—1907 אין די גרוזינישע באָלשעוויסטישע צײַטונגען. אין א צוגענגלעכער און פאָפּולערער פאָרם ווערט אין זיי אויפגעקלערט, וואָס איז אזוינס מאטע־ריאַליזם און דיאַלעקטיק, וואָס איז אזוינס דער היסטאָרישער מאטעריאַליזם. אויסערגעוויינלעך טיף זײַנען אין דעם דאָזיקן ווערק געשטעלט און געלייזט געוואָרן די גרונט־פראגן פון דער מארקסיסטיש־לענינישער טעאָריע: די אומפארמײַדלעכקײַט און אומבאדינגטקײַט פון דער סאָציאליסטישער רעוואָלוציע און פון דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט, די נייטיקײַט פון א פראָ־לעטארישער קאמפס־פארטיי, א פארטיי פון א נײַעם טיפּ, וואָס איז אנדערש ווי די אלטע, די רעפאָרמיסטישע פארטייען פונעם II אינטערנאציאָנאל; דאָ ווערן פאָרמולירט די יסודות פון דער סטראטעגיע און טאקטיק פון דער פארטיי. די דאָזיקע ארטיקלען סטאלינס גייען ארײַן אין דעם אידייען־אוצר פון אונדזער פארטיי, אלס ערנסטער בײַטראָג אין דער טעאָריע פונעם מארקסיזם־לעניניזם. זיי זײַנען א מוסטער פון טיפן באלײַכטן די פראגן פון דער טעאָריע פונעם מארקסיזם־לעניניזם אין אָרגאנישן צוזא־מענהאנג מיט די לעבנס־וויכטיקע אויפגאבן פונעם רעוואָלו־ציאָנערן קלאס,־קאמף פונעם פראָלעטאריאט.

אין אפּריל—מײַ 1907 יאָר איז פאָרגעקומען דער V (לאָנ־דאָנער) צוזאמענפאָר פון דער רסדאפּ, וואָס האָט פארפעסטיקט דעם זיג פון די באָלשעוויקעס איבער די מענשעוויקעס. סטאלין איז אן אקטיווער אָנטיילנעמער פונעם צוזאמענפאָר. צוריק־

געקומען פונעם צוזאמענפאָר, האָט ער פארעפנטלעכט אן אר=
טיקל וועגן דער ארבעט פונעם צוזאמענפאָר — „דער לאָנדאָ=
נער צוזאמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאל=דעמאָקראטי=
שער ארבעטער=פארטיי (נאָטיצן פון א דעלעגאט)", וואו ער
האָט געגעבן אן אָפּשאצונג פון די באשלוסן און פון די סך=
הכלען פונעם צוזאמענפאָר, האָט פארטיידיקט די באָלשעוויס=
טישע אידייאישע און טאקטישע פּאָזיציעס, האָט דעמאסקירט
די ליבעראל=בורזשואזע ליניע פון די מענשעוויקעס אין דער
רעוואָלוציע און זייער שטרעבן צו ליקווידירן די פארטיי, האָט
באוויזן דעם קלאסן=מהות פונעם מענשעוויזם, אלס קליינבירגער=
לעכע פּאָליטישע שטרעמונג.

★

III

די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך געענדיקט מיט א מפּלה. צווישן דעם סוף פון דער ערשטער און דעם אָנהייב פון דער צווייטער רעוואָלוציע זיינען דורכגעגאנגען 10 יאָר, וואָס אין פארלויף פון זיי האָבן די באָלשעוויקעס העראָיש און מסירת־נפשדיק, עקשנותדיק און אומדערמידלעך אָרגאניזירט די מאסן, דערצויגן זיי אין רעוואָלוציאָנערן גייסט, געריכטעט זייער קאמף, געשמידט דעם צוקינפטיקן זיג פון דער רעוואָלוציע.

פאר לענינען און סטאלינען זיינען דאָס געווען יאָרן פון אומקאָמפּראָמיסלעכן קאמף פאר אייַנהיטן און פארפעסטיקן די אומלעגאלע רעוואָלוציאָנערע פארטיי, פאר דורכפירן די באָלשעוויסטישע ליניע אין דער נייַער סיטואציע, יאָרן פון אָנגעשטרענגטער ארבעט אויף צו אָרגאניזירן און דערציִען די ארבעטער־מאסן, יאָרן פון באזונדערס הארטנעקיקן קאמף קעגן דער צארישער פּאָליציי. דער צאריזם האָט געפילט, אז אין

סטאלינס פערזאָן האָט ער צו טאָן מיט גאָר א גרויסן רעוואָלוציאָנערן טוער, און ער האָט מיט אלערליי מיטלען געשטרעבט אָפּצונעמען ביי סטאלינען די מעגלעכקייט צו פירן רעוואָלוציאָנערע ארבעט. ארעסטן, טורמע און פארשיקונג זיינען געגאנגען איינס נאָכן אנדערן. פונעם 1902 ביזן 1913 יאָר איז סטאלין ארעסטירט געוואָרן זיבן מאָל, געווען פארשיקט זעקס מאָל, געלאָפן פון פארשיקונג פינף מאָל. די צארישע מעסער־יונגען פלעגן ניט באוויזן צו פארשטעקן סטאלינען אין א נייעם פארשיקונגס־פונקט, ווי ער פלעגט ווידער אנטלויפן פון דאָרט און שוין ווידער אויף דער „פריי" נעמען שמידן די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון די מאסן. בלויז פון דער לעצטער, דער טורוכאנסקער, פארשיקונג האָט סטאלינען באפרייט די פעברואר־רעוואָלוציע פון 1917 יאָר.

פון יולי 1907 יאָר הייבט זיך אָן דער באקוער פעריאָד פון סטאלינס רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. צוריקגעקומען פונעם V (לאָנדאָנער) צוזאמענפאָר פון דער רסדאפּ, פארלאָזט סטאלין טיפליס און באזעצט זיך לויטן ווילן פון דער פארטיי אין באקו — אין דעם סאמע גרעסטן אינדוסטריעלן ראיאָן פון טראנסקאווקאז און איינעם פון די וויכטיקסטע צענטערס פון דער ארבעטער־באוועגונג אין רוסלאנד. דאָ פירט ער א ברייטע ארבעט אויף צו באהעפטן די באקוער אָרגאניזאציע ארום די לאָזונגען פון לענינען, אויף צו דעראָבערן די ארבעטער־מאסן אונטער דער פאָן פון באָלשעוויזם. סטאלין אָרגאניזירט דעם קאמף אויף ארויסצושטויסן די מענשעוויקעס פון די ארבעטער־ראיאָנען פון באקו (באלאכאני, ביבי־אייבאט, די שווארצע שטאָט, די ווייסע שטאָט). סטאלין פירט אָן מיט די באָלשע-

וויסטישע אומלעגאלע און לעגאלע אָרגאנען („באקינסקי פּראָלעטארי", „גודאָק", „באקינסקי ראבאָטשי"). סטאלין פירט אָן מיט דער וואל-קאמפאניע צו דער III מלוכה-דומע. דער „אָנזאָג צו די סאָציאל-דעמאָקראטישע דעפּוטאטן פון דער III מלוכה-דומע", וועלכן סטאלין האָט אָנגעשריבן, ווערט דעם 22 סעפּטעמבער אָנגענומען אויף א פארזאמלונג פון די באפולמעכטיקטע פון דער ארבעטער-קוריע אין באקו. סטאלין ריכטעט דעם קאמף פון די באקוער ארבעטער. זיין אָנפירונג מיט דער גרויסער קאמפאניע ארום דער בארא טונג פון די ארבעטער מיט די נאפט-אינדוסטריעלער ביים שליסן דעם קאָלעקטיוון אָפּמאך איז א גלענצנדיקער מוסטער פון דורכפירן א בייגעוודיקע לענינישע ליניע אויף צונויפפאָרן די אומלעגאלע און די לעגאלע ארבעט אין די באדינגונגען פון דער רעאקציע. דורכפירנדיק געניט די לענינישע טאקטיק פון מאָביליזירן די ארבעטער-מאסן צום פּאָליטישן קאמף קעגן דער צארישער מאָנארכיע, האָט זיך סטאלין דערשלאָגן צו א זיג פון די באָלשעוויקעס אין דער דאָזיקער קאמפאניע. אין דער חושכדיקער נאכט פון דער סטאָליפּינישער רעאקציע שטעלט מיט זיך פאָר דער פּראָלעטארישער באקו א מערקווירדיק בילד: עס וויקלט זיך פאנאנדער דער פּראָלעטארישער קאמף, אויף גאנץ רוסלאנד דונערט די שטים פונעם סטאלינישן ווערק — פון די לעגאלע באָלשעוויסטישע צייטונגען. „די לעצטע מאָהיקאנער פון פּאָליטישן מאסן-שטרייק!"[1] — אזוי כאראקטעריזירט לענין דעם העראָאישן קאמף פון די באקוער ארבעטער אין 1908 יאָר.

[1] וו. אי. לענין, ווערק, ב. XV, 3-טע אויפלאגע, ז. 33.

סטאַלין באַהעפט אַרום זיך אַ פעסטן קערן פון אויסגעפּרואווטע באָלשעוויקעס לעונינצעס — פּיאָלעטאָוו, סאַראַטאָווועץ (יעפּימאָוו), וואצעק, באָקאָוו, מאַליגין, אָרדזשאָניקידזע, דזשאַפּאַרידזע, שאוּמיאַן, ספּאַנדאַריאַן, כאַנלאַר, מעמעדאָוו, אַזיזבעקאָוו, קיאַזי-מאַמעד און אַנדערע. סטאַלין דערשלאָגט זיך סוף-כל-סוף צום פולשטענדיקן זיג פונעם באָלשעוויזם אין די רייען פון דער באַקוער אָרגאַניזאַציע. באַקו ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ציטאַדעל פונעם באָלשעוויזם. אונטער סטאַלינס אָנפירונג פירט דער באַקוער פּראָלעטאַריאַט אַ העראָאישן קאַמף, שטייענדיק אין די ערשטע רייען פון דער אַלרוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

דער באַקוער פּעריאָד האָט אַ ביז גאָר גרויסע באַדייטונג אין סטאַלינס לעבן און טעטיקייט. אָט וואָס סטאַלין זאָגט וועגן דעם דאָזיקן פּעריאָד:

„די צוויי יאָר רעוואָלוציאָנערע אַרבעט צווישן די אַרבעטער פון דער נאַפט-אינדוסטריע האָבן מיך פאַרהאַרטעוועט אַלס אַ פּראַקטישן קעמפער און אַלס איינעם פון די פּראַקטישע אָנפירער. אין באַריר מיט אַזעלכע פאָרגעשריטענע אַרבעטער פון באַקו, ווי וואצעק, סאַראַטאָווועץ א. אַנד., פון איין זײַט, און אין שטורעם פון די טיפסטע קאָנפליקטן צווישן די אַרבעטער און די נאַפט-אינדוסטריעלער — פון דער אַנדערער זײַט, האָב איך זיך צום ערשטן מאָל דערוווּסט, וואָס הייסט אָנפירן מיט גרויסע מאַסן אַרבעטער. דאָרט, אין באַקו, האָב איך אַזוי-אַרום באַקומען מײַן צווייטע רעוואָלוציאָנערע קאַמפּס-טויפונג“ [1].

דעם 25 מערץ 1908 יאָר ווערט סטאַלין אַרעסטירט, און

[1] „פּראַוודאַ“ נומ. 136, 16 יוני 1926 י.

נאָך דעם, ווי ער איז כמעט אכט חדשים אָפּגעזעסן אין טורמע, פארשיקט מען אים אויף צוויי יאָר אין וואָלאָגדער גובערניע, קיין סאָלוויטשעגאָדסק. שוין דעם 24 יוני 1909 יאָר אנטלויפט ער און קערט זיך אום קיין באקו אויף אומלעגאלער ארבעט. סטאלין שטיצט אינגאנצן לענינס פּאָזיציע, ער טרעט אנטשיידן ארויס קעגן די ליקווידאטאָרן און אָטזאָוויסטן. אין דער צענטראלער פארטיי־פרעסע באווייזן זיך סטאלינס היסטאָרישע „בריוו פון קאווקאז“, און אין דער צייטונג „באקינסקי פּראָלעטארי“ — די ארטיקלען: „דער פארטיי־קריזיס און אונדזערע אויפגאבן“, „פון דער פארטיי“ און אנדערע, אין וועלכע סטאלין קריטיקירט דרייסט דעם צושטאנד פון די פארטיי־אָרגאניזאציעס און רוקט ארויס א פּלאן, ווי אזוי ביַיצוקומען דעם קריזיס אין דער פארטיי. אין די דאָזיקע ווערק סטאלינס ווערט געגעבן א צעשמעטערנדיקע קריטיק פון די ליקווידאטאָרן. אויפן ביַישפּיל פון די טיפליסער מענשעוויקעס ווערט דאָ דעמאסקירט די רענעגאטישקייט פון די ליקווידאטאָרן אין די פראגן פון פּראָגראם און טאקטיק. זיי פאראורטיילן שארף די פאררעטערישע אויפפירונג פון די מיטהעלפער פונעם טראָצקיזם און שטעלן ארויס די אָרדנטלעכע אויפגאבן, וואָס זיַינען שפּעטער פארווירקלעכט געוואָרן אויף דער פּראָגער פארטיי־קאָנפערענץ: צונויפרופן אן אלגעמיין־פארטייאישע קאָנפערענץ, ארויסגעבן א לעגאלע פארטיי־צייַטונג און שאפן אן אומלעגאלן פּראקטישן פארטיי־צענטער אין רוסלאנד.

דעם 23 מערץ 1910 יאָר ווערט סטאלין ווידער ארעסטירט אין באקו, און נאָך דעם, ווי ער זיצט אָפּ א האלב יאָר אין טורמע, פארשיקט מען אים צוריק קיין סאָלוויטשעגאָדסק.

זייענדיק אין פארשיקונג, פארבינדט זיך סטאלין מיט לענינען; ער שרייבט אים סוף 1910 יאָר א בריוו, אין וועלכן ער שטיצט אינגאנצן די לענינישע טאקטיק פון א פארטיי-בלאָק צווישן די אָנהענגער פון אייניטען און פארפעסטיקן די אומלעגאלע פראָ-לעטארישע פארטיי, ער טרעט שארף ארויס קעגן דער „פאר-פוילטער פרינציפלאָזיקייט“ פון טראָצקין און רוקט ארויס א פלאן, ווי אזוי צו אָרגאניזירן די פארטיי-ארבעט אין רוס-לאנד.

פון דער צווייטער העלפט 1911 יאָר הייבט זיך אָן דער פע-טערבורגער פעריאָד אין חבר סטאלינס רעוואָלוציאָנערער טעטי-קייט. דעם 6 סעפטעמבער 1911 יאָר פאָרט ארויס חבר סטאלין אומלעגאל פון וואָלאָגדע קיין פעטערבורג. אין פעטערבורג פאר-קניפט ער פארבינדונגען מיט דער פעטערבורגער פארטיי-אָר-גאניזאציע; ריכטעט און אָרגאניזירט דעם קאמף קעגן די ליק-ווידאטאָרן — די מענשעוויקעס און טראָצקיסטן; באהעפט און פארפעסטיקט די באָלשעוויסטישע אָרגאניזאציעס פון פעטער-בורג. דעם 9 סעפטעמבער 1911 יאָר איז חבר סטאלין אין פעטערבורג ארעסטירט געוואָרן און פארשיקט געוואָרן אין וואָלאָגדער גובערניע, פונוואנען עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו אנטלויפן אין פעברואר 1912 יאָר.

אין יאנואר 1912 יאָר קומט פאָר גאָר א גרויסע געשעעניש אינעם לעבן פון דער פארטיי. די פראָגער קאָנפערענץ פון דער רסדאפ האָט ארויסגעיאָגט פון דער פארטיי די מענשעוויקעס און אזוי-ארום געלייגט דעם יסוד פון דער פארטיי פון נייעם טיפ, פון דער פארטיי פון לענינִיזם, פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי.

די דאָזיקע פארטיי, די פארטיי פון נײַעם טיפּ, האָבן די באָלשעוויקעס געגרייט נאָך פון די צײַטן פון דער אלטער „איסקרא“. זיי האָבן זי געגרייט עקשנותדיק, אומדערמידלעך, ניט געקוקט אויף קיין זאך. די גאנצע געשיכטע פונעם קאמף קעגן די „עקאָנאָמיסטן“, קעגן די מענשעוויקעס, טראָצקיסטן, אָטזאָוויסטן, אידעאליסטן פון אלערליי שאטירונגען ביז די עמפּיריאָקריטיקער אײַנגעשלאָסן, — איז געווען די געשיכטע פון צוגרייטן גראָד אזא פארטיי. די וויכטיקסטע און אנטשיידנדיקע ראָליע האָבן אין דער דאָזיקער צוגרייטונגס-ארבעט געשפּילט אזוינע ווערק לענינס, ווי „וואָס דארף מען טאָן?“, „א טראָט פאָראויס, צוויי טריט צוריק“, „צוויי טאקטיקעס פון דער סאָציאל-דעמאָקראטיע אין דער דעמאָקראטישער רעוואָלוציע“, „מאטעריאליזם און עמפּיריאָקריטיציזם“. סטאלין איז געווען לענינס טרײַער מיטקעמפער אין אַט דעם קאמף קעגן דער מענגע שונאים, אויף אים האָט לענין זיך געשטיצט אינעם קאמף פאר שאפן די רעוואָלוציאָנערע מארקסיסטישע פארטיי, די באָלשעוויסטישע פארטיי.

★

IV

די פראָגער קאָנפערענץ האָט אין אירע באשלוסן פאָראויסגעזאָגט, אז אין דער נאָענטסטער צוקונפט איז אומפארמיַידלעך א רעוואָלוציאָנערער אויפשטיַיג, און האָט אָנגענומען אלע מיטלען דערצו, אז די פארטיי זאָל דעם דאָזיקן אויפשטיַיג באגעגענען אין פולן וואָפן. די קאָנפערענץ האָט אויסגעוויילט א באָלשעוויסטישן צענטראל-קאָמיטעט, האָט געשאפן א פראקטישן צענטער אויף אָנצופירן מיט דער רעוואָלוציאָנערער ארבעט אין רוסלאנד (די רוסישע ביוראָ פון צק), האָט אָנגענומען א באשלוס וועגן ארויסגעבן די „פראוודא". סטאלין, וועלכער איז שוין פון 1910 יאָר אָן געווען א באפולמעכטיקטער פון צק פון דער פארטיי (אן „אגענט פון צק"), ווערט אויף דער קאָנפערענץ הינטער די אויגן אויסגעקליבן פאר א מיטגליד פון צק פון דער פארטיי. לויט לענינס פאָרשלאָג ווערט סטאלין געשטעלט בראש פון דער רוסישער ביוראָ פון צק. סטאלין איז

אָבער געווען פארשיקט, האָט מען געמוזט אָרגאַניזירן זײַן אנטלויפן פון פארשיקונג. לויט לענינס אויפטראָג קומט צו פאָרן צו סטאַלינען קיין וואָלאָגדע סערגאָ אָרדזשאָניקידזע; ער אינפאָרמירט סטאַלינען וועגן די באַשלוסן פון דער פּראָגער קאָנפערענץ. און דעם 29 פעברואר 1912 יאָר אַנטלויפט סטאַלין ווידער פון פארשיקונג. פאר דער קורצער צײַט, וואָס ער איז געווען אויף דער „פרײַ", אַנטוויקלט סטאַלין אַן ענערגישע טעטיקייט: ער נעמט פאָר לויטן אויפטראָג פון צק א רײַזע איבער די וויכטיקסטע ראַיאָנען פון רוסלאַנד, פירט א צוגרייטונגס-אַרבעט צו דער אָרדנטלעכער „מאָסקווע", שרײַבט אָן דאָס באַוואוסטע ערשטמײַאיקע פלוגבלעטל פון צק, פירט אָן מיט דער וועכנטלעכער באָלשעוויסטישער צײַטונג „זוועזדא" אין פעטערבורג אין די טעג פון די לענער שטרײַקן.

אלס א מעכטיק געווער צו פאַרפעסטיקן אירע אָרגאַניזאַציעס און געווינען אַן אײַנפלוס אויף די מאַסן האָט דער באָלשעוויסטישער פארטיי געדינט די טעגלעכע באָלשעוויסטישע מאַסן-צײַטונג „פראַוודא", וואָס איז דערשינען אין פעטערבורג. די צײַטונג איז געגרינדעט געוואָרן לויט לענינס אָנווייזונג, לויט סטאַלינס איניציאַטיוו. אונטער סטאַלינס אָנפירונג איז צוגעגרייט געוואָרן דער ערשטער נומער „פראַוודא" און עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן איר ריכטונג.

די „פראַוודא" איז אַנטשטאַנען צוזאַמען מיטן נײַעם אויפשטײַג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דעם 22 אַפּריל (5 מײַ לויטן נײַעם סטיל) 1912 יאָר איז דערשינען איר ערשטער נומער. דאָס איז געווען אַן אמתער יום-טוב פאר די אַרבעטער. לכבוד דעם דערשײַנען פון דער „פראַוודא" איז באַ-

שלאָסן געוואָרן צו האלטן דעם 5 מײַ פארן יום־טוב פון דער ארבעטער־פרעסע.

„מיט דער „פּראוודא" פון 1912 יאָר איז געלייגט געוואָרן דער פונדאמענט פארן זיג פונעם באָלשעוויזם אין 1917 יאָר" — האָט חבר סטאלין געשריבן צום 10־טן יאָרטאָג פון דער „פּראוודא" [1].

דעם 22 אפּריל 1912 יאָר ווערט סטאלין ארעסטירט אין פּעטערבורג אויפן גאס, און נאָך דעם, ווי ער איז עטלעכע חדשים אָפּגעזעסן אין טורמע, האָט מען אים דאָס מאָל פארשיקט א סך ווייטער — אין נארימער קאנט, אויף דרײַ יאָר. אָבער שוין דעם 1 סעפּטעמבער 1912 יאָר אנטלויפט סטאלין ווידער פון פאר־שיקונג קיין פּעטערבורג. דאָ רעדאגירט סטאלין די באָלשעוויס־טישע צײַטונג „פּראוודא", פירט אָן מיט דער טעטיקײַט פון די באָלשעוויקעס אין דער וואל־קאמפּאניע צו דער IV מלוכה־דומע. ווערנדיק פוסטריט פארפאָלגט פון דער פּאָליציי, טרעט סטאלין מיט גרויס ריזיקע ארויס אויף א ריי פלוג־מיטינגען אין די זאוואָדן. אָבער די ארבעטער־אָרגאניזאציעס און די ארבעטער גופא היטן אָפּ און באשיצן סטאלינען פון דער פּאָליציי.

גאָר א גרויסע ראָליע האָט אין דער דאָזיקער קאמפּאניע, וואָס איז באקרוינט געוואָרן מיט א זיג פון דער פּארטיי, גע־שפּילט דער „אָנזאָג פון די פּעטערבורגער ארבעטער זייער ארבע־טער־דעפּוטאט", וואָס סטאלין האָט אָנגעשריבן. לענין האָט דעם דאָזיקן דאָקומענט געגעבן זייער א הויכע אָפּשאצונג. אָפּשיקנ־דיק דעם „אָנזאָג" אין דרוק, האָט לענין אָנגעשריבן: „אומבא־

[1] „פּראוודא" נומ׳ 98, 5 מײַ 1922 י׳

דינגט אומקערן צוריק!! ניט פארשמירן. ס'איז אויסערסט וויכטיק צו פארהיטן דעם דאָזיקן דאָקומענט". אינעם בריוו צו דער רעדאקציע פון דער „פראוודא" האָט לענין אָנגעוויזן: „איר זאָלט אומבאדינגט אָפדרוקן אָט דעם אָנזאָג דעם פעטער-בורגער דעפוטאט אויף אן אָנגעזעען אָרט מיט גרויסע אותיות" [1]. דער סטאלינישער „אָנזאָג" האָט דערמאָנט די אר-בעטער וועגן די ניט-געלייזטע אויפגאבן פון 1905 יאָר און האָט זיי גערופן צו רעוואָלוציאָנערן קאַמף, צו א קאַמף אויף צוויי פראָנטן — סיי קעגן דער צארישער רעגירונג סיי קעגן דער לי-בעראלער בורזשואזיע, וואָס זוכט א פארשטענדיקונג מיטן צא-ריזם. נאָך די וואלן פירט סטאלין אָן מיטן באָלשעוויסטישן טייל פון דער דומע-פראקציע. צוזאמען מיט סטאלינען ארבעטן אין פעטערבורג יא. סווערדלאָוו און וו. מאָלאָטאָוו, וועלכע בא-טייליקן זיך אקטיוו אין דער אָנפירונג מיט דער „פראוודא", מיט דער וואל-קאמפאניע און מיט דער דומע-פראקציע. אין דעם דאָזיקן פעריאָד שטעלט זיך איין צווישן לענינען און סטאלינען נאָך אן ענגערע פארבינדונג. אין זיינע בריוו באווי-ליקט לענין פולשטענדיק סטאלינס טעטיקייט, זיינע ארויס-טרעטונגען, זיינע ארטיקלען. סטאלין פאָרט צוויי מאָל צו לענינען קיין קראָקע: אין נאָוועמבער און סוף דעצעמבער 1912 יאָר אויף באראטונגען פון צק מיט פארטיי-טוער.

זייענדיק אין אויסלאנד, שרייבט סטאלין דאָס ווערק „דער מארקסיזם און די נאציאָנאלע פראגע", וואָס לענין האָט עס זייער הויך אָפגעשאצט. וועגן דעם דאָזיקן ווערק האָט לענין געשריבן: „אין דער טעאָרעטישער מארקסיסטישער ליטערא-

[1] וו. אי. לענין, ווערק, ב. XXIX, 3-טע אויפלאגע, ז. 78.

טור... זײַנען די יסודות פון דער נאציאָנאַלער פּראָגראַם פון דער ס.־ד. די לעצטע צײַט שוין באַלויכטן געוואָרן (צום אַלעם ערשטן ווערט דאָ אַרויסגערוקט סטאַלינס אַרטיקל)״ [1]. סטאַלינס ווערק „דער מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע״ איז געווען אַ ביז גאָר באַדײַטנדיקע אַרויסטרעטונג פונעם באָלשעוויזם איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע ביז דער מלחמה. **דאָס איז געווען די טעאָריע און די פּראָגראַם־דעקלאַראַציע פונעם באָלשעוויזם איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע.** אין דעם דאָזיקן ווערק זײַנען שאַרף און בולט קעגנגעשטעלט געוואָרן צוויי מעטאָדן, צוויי פּראָגראַמען, צוויי וועלט־אָנשויאונגען אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע — פונעם II אינטערנאַציאָנאַל און פונעם לעניניזם. סטאַלין האָט צוזאַמען מיט לענינען צעשמעטערט די אָפּאָרטוניסטישע אָנשויאונגען און דאָגמעס פונעם II אינטערנאַציאָנאַל אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. לענין און סטאַלין האָבן פאַנאַנדערגעאַרבעט די מאַרקסיסטישע פּראָגראַם איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אין זײַן ווערק האָט סטאַלין געגעבן די מאַרקסיסטישע טעאָריע פון נאַציע, האָט פאָרמולירט די גרונט־זאַצן פונעם באָלשעוויסטישן צוגאַנג צום לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע (די פאָדערונג צו באַטראַכטן די נאַציאָנאַלע פראַגע אַלס טייל פון דער אַלגעמיינער פראַגע וועגן רעוואָלוציע און אין אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג מיט דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע פון דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם), האָט באַגרינדעט דעם באָלשעוויסטישן פּרינציפּ פון אינטערנאַציאָנאַלער באַהעפטונג פון די אַרבעטער.

[1] וו. אי. לענין. ווערק, ב. XVII, 3־טע אויפלאַגע, ז. 116.

דעם 23 פעברואר 1913 יאָר איז סטאַלין אַרעסטירט געוואָרן אויף אַן אָוונט, וואָס דער פּעטערבורגער קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס האָט איינגעאָרדנט אינעם זאַל פון דער קאַלאַש־ניקאָווער בירזשע. דאָס מאָל פאַרשיקט די צאַרישע רעגירונג סטאַלינען אין דעם ווייטן טורוכאַנסקער קאַנט אויף פיר יאָר. סטאַלין וואוינט צוערשט אינעם ישוב קאָסטינאָ, און דערנאָך, אין אָנהייב 1914 יאָר, מורא האָבנדיק, ער זאָל ווידער ניט אַנט־לויפן, פאַרשיקן אים די צאַרישע זשאַנדאַרמען נאָך ווייטער אויף צפון — אין דעם ישוב קורייקאַ, צום סאַמע פּאָליאַר־קרייז. דאָ איז ער אָפּגעזעסן די יאָרן 1914, 1915 און 1916. דאָס איז געווען די שווערסטע פּאָליטישע פאַרשיקונג, וועלכע ס'האָט נאָר געקאָנט געמאָלט זיין אין דעם ווייטן פאַרוואָרפענעם סיביר.

זומער 1914 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן די אימפּעריאַליסטישע מלחמה. די פּאַרטייען פונעם II אינטערנאַציאָנאַל האָבן שענד־לעך פאַרראַטן דעם פּראָלעטאַריאַט, זיינען אַריבער אויף דער זייט פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע. בלויז לענין, די באָלשעוויקעס זיינען געבליבן טריי דער קאַמפּס־פאָן פונעם אינטערנאַציאָנאַליזם, בלויז די פּאַרטיי באָלשעוויקעס האָט תיכף און אָן וואַקלונגען אויפגעהויבן די פאָן פון אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט, אָפּגעריסן פון לענינען און פון די פּאַרטיי־צענטערס, פאַרנעמט סטאַלין א לענינישע אינטערנאַציאָנאַליס־טישע פּאָזיציע אין די פראַגן פון מלחמה, שלום און רעוואָלוציע. ער שרייבט בריוו צו לענינען, טרעט אַרויס אויף פאַרזאַמלונ־גען פון פאַרשיקטע באָלשעוויקעס אינעם דאָרף מאָנאַס־

טירסקאָיע (1915 יאָר), וואו ער פּאַראַורטיילט שאַרף קאַמע־ניעווס פּחדנישע און פאַררעטערישע אויפפירונג אויפן געריכט איבערן באָלשעוויסטישן „פינפלינג" — די דעפּוטאַטן פון דער IV מלוכה־דומע. ער באַגריסט (1916 יאָר) צוזאַמען מיט אַ גרופּע פאַרשיקטע באָלשעוויקעס דעם לעגאַלן באָלשעוויסטישן זשורנאַל „וואָפּראָסי סטראַכאָוואַניאַ", אָנווייַזנדיק, אַז די אויפ־גאַבע פונעם זשורנאַל איז אָנווענדן „אַלע כּוחות און די גאַנצע ענערגיע דערצו, אַז דער אַרבעטער־קלאַס פון אונדזער לאַנד זאָל אידייאיש פאַרסטראַכירט ווערן פון דער טיף דעמאָראַליזירנדי־קער, אַנטיפּראָלעטאַרישער פּריידיקונג פון די הערן פּאָטרע־סאָווס, לעוויצקים און פּלעכאַנאָווס, וועלכע ווידערשפּרעכט אַבסאָלוט די פּרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַליזם".

אין דעצעמבער 1916 יאָר ווערט סטאַלין מאָביליזירט אין דער אַרמיי, און מען שיקט אים אָפּ מיטן עטאַפּ קיין קראַס־נאָיאַרסק, און דערנאָך קיין אַטשינסק. דאָ טרעפט אים די בשורה וועגן דער פעברואַר־רעוואָלוציע. דעם 8 מערץ 1917 יאָר פאָרט סטאַלין אַרויס פון אַטשינסק און שיקט פון וועג אַ באַ־גריסונגס־טעלעגראַם לענינען אין דער שווייץ.

מוטיק איבערגעטראָגן אַלע פּלאָגן פון דער טורוכאַנסקער פאַרשיקונג, איז סטאַלין דעם 12 מערץ 1917 יאָר ווידער אין פּעטראָגראַד — אין דער רעוואָלוציאָנערער הויפּט־שטאָט פון רוסלאַנד. דער צק פון דער פּאַרטיי באַאויפטראָגט סטאַלינען אָנ־צופירן מיט דער צייַטונג „פּראַוודאַ".

די פּאַרטיי באָלשעוויקעס איז נאָרוואָס געוועזן אַרויס פון אונטערערד. אַ סך אָנגעזעענסטע און אַקטיווסטע פּאַרטיי־מיט־גלידער האָבן זיך אָנגעהויבן אומקערן פון די ווייַטע פאַרשי־

קונגס-ערטער און פון די טורמעס. לענין איז געווען אין עמיג-ראציע. די בורזשואזע צײַטווײַליקע רעגירונג האָט מיט אלע מיטלען געזוכט צו פארהאלטן זײַן קומען. אין אָט דעם פאר-אנטוואָרטלעכן פעריאָד באהעפט סטאלין די פארטײ צום קאמף פאר דעם אריבערוואקסן פון דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָלוציע אין א סאָציאליסטישער. סטאלין פירט אָן צוזא-מען מיט מאָלאָטאָוו מיט דער טעטיקײַט פונעם צענטראל-קאָמיטעט און פונעם פעטערבורגער קאָמיטעט פון די באָלשע-וויקעס. אין סטאלינס ארטיקלען באקומען די באָלשעוויקעס פרינציפּיעלע אָנפירנדיקע אָנווײַזונגען פאר זייער ארבעט. באלד אין דעם ערשטן ארטיקל — „וועגן די סאָוועטן פון די ארבע-טער- און סאָלדאטן-דעפּוטאטן" האָט סטאלין געשריבן וועגן דער גרונט-אויפגאבע פון דער פארטיי:

„פארפעסטיקן די דאָזיקע סאָוועטן, שאפן זיי אומעטום, פארבינדן זיי איינעם מיטן אנדערן בראש מיט א צענטראלן סאָוועט פון די ארבעטער- און סאָלדאטן-דעפּוטאטן אלס אָרגאן פון דער רעוואָלוציאָנערער מאכט פונעם פאָלק"[1].

אינעם ארטיקל „וועגן דער מלחמה" האָט סטאלין באוויזן, אז דערפון, וואָס די מאכט איז אריבער אין די הענט פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג, האָט זיך יער כאראקטער פון דער אימפּעריאליסטישער מלחמה ניט געענדערט, אז די מלחמה פון די יאָרן 1914—1917 פארבלײַבט אויך בעת דער בורזשואזער צײַטווײַליקער רעגירונג א מלחמה א רויבערישע, אן אומגע-רעכטע.

1 י. וו. סטאלין. ווערק, ב. 3, ז. 2.

סטאלין, מאָלאָטאָוו און אנדערע האָבן צוזאמען מיט דער מערהייט פון דער פארטיי פארטיידיקט די פּאָליטיק פון אומצו־טרוי צו דער אימפּעריאליסטישער צייטווייליקער רעגירונג, זיי זיינען ארויסגעטראָטן קעגן דער מענשעוויסטיש־עסערישער באַשיצלעריי און קעגן דער האלב־מענשעוויסטישער פּאָזיציע פון באדינגלעכן שטיצן די צייטווייליקע רעגירונג, א פּאָזיציע, וועלכע עס האָבן פארנומען קאמעניעוו און אנדערע אָפּאָרטוניסטן.

★

V

דעם 3 אַפּריל 1917 יאָר האָט זיך נאָך אַ לאַנגער צײַט גלות אומגעקערט קיין רוסלאַנד לענין. די בשורה, אַז עס קומט צו פאָרן דער באַליבטער פירער פון דער רעוואָלוציע, האָבן די פאָרגעשריטענע אַרבעטער פון פּעטראָגראַד אויפגענומען מיט באַגײַסטערונג. צו באַגעגענען לענינען איז אויף דער סטאַנציע בעלאָאָסטראָוו אַרויסגעפאָרן חבר סטאַלין מיט אַ דעלעגאַציע אַרבעטער. די באַגעגעניש פון לענינען אויפן פינלענדישן וואָקזאַל אין פּעטראָגראַד האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מעכטיקער רעוואָלוציאָנערער דעמאָנסטראַציע. אויף מאָרגן נאָך זײַן קומען איז לענין אַרויסגעטראָטן מיט זײַנע באַרימטע אַפּריל-טעזיסן, וואָס האָבן געגעבן דער פּאַרטיי אַ געניאַלן פּלאַן פון קאַמף פאַר דעם איבערגאַנג פון דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. לענינס טעזיסן האָבן געגעבן דער פּאַרטיי אַ נײַע אָריענטירונג אין די נײַע

קאמפּס-באַרינגונגען נאָכן אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם. דעם 24 אפּריל 1917 יאָר האָט זיך געעפנט די VII (אַפּרילער) קאָנפערענץ פון די באָלשעוויקעס, וואָס אין יסוד פון איר אַר-בעט זײַנען געלייגט געוואָרן לענינס טעזיסן. די אַפּריל-קאָנפע-רענץ האָט אָנגעצילט די פּאַרטיי צום קאַמף פאַרן אַריבער-וואַקסן פון דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אין אַ סאָציאַליסטישער.

אויף דער קאָנפערענץ האָט סטאַלין. אַנטשיידן פּאַרטיי-דיקנדיק לענינס ליניע אויף אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, דעמאַסקירט די אָפּאָרטוניסטישע, אַנטי-לעניניסטישע ליניע פון קאַ-מעניעוון, ריקאָוון און פון זייערע ווייניקע מיינונגס-קאָלעגן. חוץ דעם איז סטאַלין אַרויסגעטראָטן אויף דער קאָנפערענץ מיט אַ פאָרטראָג וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אַנטוויקלענ-דיק די קאָנסעקווענטע מאַרקסיסטיש-לענינישע ליניע אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָט סטאַלין באַגרינדעט די באָלשעוויס-טישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, פאַרטיידיקט דאָס רעכט פון די נאַציעס אויף זעלבסט-באַשטימונג ביז צום אָפּטיילן זיך און אויסבילדן זעלבסטשטענדיקע מלוכות. די לעניניש-סטאַלינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק האָט געזיכערט דער פּאַרטיי די שטיצע מצד די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן אין דער גרויסער סאָ-ציאַליסטישער אָקטאָבער-רעוואָלוציע.

אין מײַ 1917 יאָר, נאָך דער קאָנפערענץ, ווערט געגרינ-דעט אַ פּאָליטביוראָ פון צק, און סטאַלין ווערט אויסגעוויילט אַלס אירער אַ מיטגליד. פון דעמלט אָן און ביז הײַנטיקן טאָג ווערט סטאַלין כסדר אויסגעוויילט פאַר אַ מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ פון צק.

אויפן גרונט פון די באשלוסן פון דער אפריל־קאָנפערענץ אַנטוויקלט די פּארטיי א קאָלאָסאלע ארבעט צו געווינען די מאסן, צו דערציען זיי אין שלאכט־גייסט. און אָרגאניזירן זיי.

אין אָט דעם קאָמפּליצירטן פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע, ווען די געשעענישן זיינען האסטיק געגאנגען פאָראויס, פאָדערנ־דיק פון דער פּארטיי א גענויע, א בייגעוודיקע טאקטיק, פירן לענין און סטאלין אָן מיטן קאמף פון די מאסן.

„איך דערמאָן זיך דאָס יאָר 1917, — האָט סטאלין גע־זאָגט, — ווען איך בין, לויטן ווילן פון דער פּארטיי, נאָך די וואָגלענישן איבער טורמעס און פארשיקונגען, אריבערגעוואָרפן געוואָרן קיין לענינגראד. דאָרט, אין דער סביבה פון די רוסישע ארבעטער, ביי דער אוממיטלבארער נאָענטקייט מיטן גרויסן לערער פון די פּראָלעטאריער פון אלע לענדער — מיטן ח' לענין, אין שטורעם פון די גרויסע געראנגלען צווישן דעם פּראָלעטאריאט און דער בורזשואזיע, אין די באדינגונגען פון דער אימפּעריאליסטישער מלחמה, האָב איך זיך צום ערשטן מאָל אויסגעלערנט פארשטיין, וואָס עס הייסט זיין איינער פון די אָנפירער פון דער גרויסער פּארטיי פונעם ארבעטער־קלאס. דאָרט, אין דער סביבה פון די רוסישע ארבעטער — די באַ־פרייער פון די אונטערדריקטע פעלקער און די איניציאַטאָרן פונעם פּראָלעטארישן קאמף פון אלע לענדער און פעלקער, האָב איך באקומען מיין דריטע רעוואָלוציאָנערע קאמפּס־טויפונג. דאָרט, אין רוסלאנד, אונטער לענינס אָנפירונג, בין איך געוואָרן איינער פון די מייסטערס פון רעוואָלוציע" [1].

סטאלין שטייט אין צענטער פון דער גאנצער פּראקטישער

[1] „פּראוודא" נומ׳ 136, 16 יוני 1926 י׳.

ארבעט פון דער פארטיי. אלס מיטגליד פון צק נעמט ער א דירעקטן אָנפירנדיקן אָנטייל אין דער ארבעט פונעם פּעטראָגראדער פארטיי-קאָמיטעט, פירט אָן מיט דער „פּראוודא“, שרײַבט ארטיקלען אין דער „פּראוודא“ און אין דער „סאָלדאט-סקאיא פּראוודא“, ריכטעט די טעטיקייט פון די באָלשעוויקעס אין דער מוניציפּאל-קאמפּאניע אין פּעטראָגראד. צוזאמען מיט לענינען באטייליקט זיך סטאלין אין דער ארבעט פון דער אלרוס-לענדישער קאָנפערענץ פון די מיליטערישע אָרגאניזאציעס פון דער פארטיי, טרעט דאָרט ארויס מיט א פּאָרטראָג „וועגן דער נאציאָנאלער באוועגונג און וועגן די נאציאָנאלע פּאָלקן“. צו-זאמען מיט לענינען אָרגאניזירט סטאלין די היסטאָרישע דע-מאָנסטראציע פונעם 18 יוני, וואָס איז דורכגעגאנגען אונטער די לאָזונגען פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי, ער שרײַבט אין נאָמען פון צק א ווענדונג צו די ארבעטער און רעוואָלוציאָ-נערע סאָלדאטן פון פּעטראָגראד. דעם 20 יוני ווײַלט אוים דער I אלרוסלענדישער סאָוועטן-צוזאמענפאָר דעם חבר סטאלין פאר א מיטגליד פונעם צענטראלן אויספיר-קאָמיטעט.

נאָך די יולי-טעג פון 1917 יאָר, ווען לענין, געהעצט און גע-רודפט פון דער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער צײַטווײַליקער רעגי-רונג, האָט זיך געפונען אין אונטערערד, האָט סטאלין אוממיטל-באר אָנגעפירט מיטן צענטראל-קאָמיטעט און מיטן צענטראל-אָרגאן פון דער פארטיי, וואָס איז דעמלט דערשינען אונטער פארשיידענע נעמען („ראבאָטשי אי סאָלדאט“, „פּראָלעטארי“, „ראבאָטשי“, „ראבאָטשי פּוט“). סטאלין האָט געראטעוועט פאר דער פארטיי, פאר אונדזער פאָלק, פאר דער גאנצער מענטש-הײַט דאָס אומשאצבארע לעבן לענינס, — ער האָט זיך קאטע-

גאָריש אַרויסגעזאָגט קעגן דעם, אַז לענין זאָל זיך מעלדן צום געריכט פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, און האָט זיך קעגנגע־שטעלט דעם פאָרשלאָג פון די פאררעטער קאַמעניעוו, ריקאָוו, טראָצקי אַרויסצוגעבן לענינען דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער צײַטווײַליקער רעגירונג, זי זאָל אים משפּטן.

די צעגראָמירונג פון דער יולי־דעמאָנסטראַציע האָט אַרויס־גערופן אַן איבערבראָך אין דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלו־ציע. לענין אַרבעט אויס אַ נײַע טאַקטיק פון דער פּאַרטיי אין די נײַע באַדינגונגען פון קאַמף. צוזאַמען מיט סווערדלאָוון האָט סטאַלין אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פונעם VI פּאַרטיי־צוזאַ־מענפאָר (יולי—אויגוסט 1917 יאָר), וואָס האָט אָפּגעהאַלטן זײַנע זיצונגען אומלעגאַל. אויפן צוזאַמענפאָר איז סטאַלין אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַריכט־פאָרטראָג פון צק און מיט אַ פאָרטראָג איבער דער פראַגע וועגן דער פּאָליטישער לאַגע. אין די דאָזיקע פאָרטראָגן האָט סטאַלין דײַטלעך פאָרמולירט די אויפגאַבן און די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי אין קאַמף פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. סטאַלין האָט געגעבן אַ ווידער־שטאַנד די טראָצקיסטן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז אַ זיג פונעם סאָציאַליזם אין רוסלאַנד איז ניט מעגלעך.

אַלס ענטפער אויפן אויספאַל פון די טראָצקיסטן, וואָס האָבן געפּרואווט דעם קורס פון דער פּאַרטיי אויף אַ סאָציאַליסטי־שער רעוואָלוציע שטעלן אין אָפּהענגיקייט פון דער פּראָלעטאַ־רישער רעוואָלוציע אין מערב, האָט חבר סטאַלין דערקלערט: „ס'איז ניט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז גראָד רוסלאַנד וועט זײַן דאָס לאַנד, וואָס לייגט דורך דעם וועג צום סאָציאַ־ליזם... מען דאַרף אָפּוואַרפן די אָפּגעלעבטע פאָרשטעלונג, אַז

נאָך אייראָפּע קאָן אונדז אָנווייַזן דעם וועג... עס איז פאַראַן א מאַרקסיזם א דאָגמאַטישער און א מאַרקסיזם א שעפערישער. איך שטיי אויפן באָדן פונעם שעפערישן"[1]. סטאַלינס ווערטער זייַנען געווען נביאיש: רוסלאַנד האָט דאָס ערשטע אָנגעוויזן דעם וועג צום סאָציאַליזם.

דער צוזאַמענפאָר האָט זיך פאַראייניקט אַרום סטאַלינען, וואָס האָט פאַרטיידיקט לענינס לערע וועגן דער מעגלעכקייט פונעם זיג פון סאָציאַליזם בייַ אונדז אין לאַנד. אונטער סטאַלינס אָנפירונג, לויט לענינס דירעקטיוון, איז דער VI פּאַר-טיי-צוזאַמענפאָר געוואָרן א צוזאַמענפאָר פון צוגרייטונג צום אויפשטאַנד. דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגעצילט די פּאַרטיי אויף א באַוואָפנטן אויפשטאַנד, אויף דעראָבערן די דיקטאַטור פו-נעם פּראָלעטאַריאַט.

אין אויגוסט 1917 יאָר איז אויסגעבראָכן דער בונט פונעם גענעראַל קאָרנילאָוו, וואָס האָט זיך געקליבן אויפשטעלן צוריק דעם צאַריזם אין רוסלאַנד. די באָלשעוויקעס האָבן אויפגעהויבן די פאָלקס-מאַסן צום קאַמף קעגן דער גענעראַלישער קאָנטר-רע. דאָס צעשמעטערן דעם קאָרנילאָוו-בונט איז געווען דער אָנהייב פון א נייַעם פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דער רע-וואָלוציע: עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון אָרגאַניזירן דעם שטורעם.

אין די טעג, ווען לענין געפינט זיך אין אונטערערד, האַלט סטאַלין אונטער אן ענגע פאַרבינדונג און שרייַבט זיך דורך מיט לענינען — זייַן לערער און פריַנט. סטאַלין באַזוכט צוויי מאָל לענינען אין ראַזליוו.

[1] י. וו. סטאַלין, ווערק, ב. 3, ז. 186, 187.

לענין און סטאלין האָבן דרייסט און זיכער, פעסט און פאָרזיכטיק געפירט די פאַרטיי און דעם ארבעטער־קלאַס צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, צום באוואָפנטן אויפשטאנד. לענין און סטאלין זיינען די באגייסטערער און אָרגאניזאטאָרן פונעם זיג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. סטאלין איז דער נאָענטסטער מיטקעמפער לענינס. ער פירט דירעקט אָן מיט דער גאנצער ארבעט פון צוגרייטן דעם אויפשטאנד. זיינע אָנפירנדיקע ארטיקלען ווערן איבערגעדרוקט אין די געגנטלעכע באָלשעוויסטישע צייטונגען. סטאלין רופט צו זיך ארויס פאָרשטייער פון די געגנטלעכע אָרגאניזאציעס, אינסטרוקטירט זיי און מערקט אָן די שלאכט־אויפגאבן פאר באזונדערע געגנטן. דעם 16 אָקטאָבער האָט דער צענטראל־קאָמיטעט אויסגעוויילט א פארטיי־צענטער אויף אָנצופירן מיטן אויפשטאנד בראש מיטן חבר סטאלין. דער פארטיי־צענטער איז געווען דער אָנפירנדיקער קערן פונעם מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט ביים פעטראָגראדער סאָוועט און האָט פראקטיש אָנגעפירט מיטן גאנצן אויפשטאנד.

דעם 16 אָקטאָבער האָט סטאלין אין זיין רעדע אויף דער זיצונג פון צק פון דער פארטיי, אָפּווארפנדיק די קאפיטוליאנטישע פאָרשלאָגן פון די פאררעטער זינאָוויעוו און קאמעניעוו, וואָס זיינען ארויסגעטראָטן קעגן א באוואָפנטן אויפשטאנד, דערקלערט: „דאָס, וואָס עס לייגן פאָר קאמעניעוו און זינאָוויעוו, ברענגט אָביעקטיוו צו דעם, אז די קאָנטר־רעוואָלוציע קאָן באקומען א מעגלעכקייט צוצוגרייטן זיך און אָרגאניזירן זיך. מיר

וועלן האלטן אין איין אָפּטרעטן און וועלן פאַרשפּילן די רע־
וואָלוציע. פאַרוואָס זאָלן מיר ניט זיכערן פאַר זיך די מעגלעכ־
קייט אויסצוקלייבן דעם טאָג פונעם אויפשטאַנד און די באַדינ־
גונגען, כדי ניט לאָזן דער קאָנטער־רעוואָלוציע אָרגאַניזירן זיך?" [1].

דעם 24 אָקטאָבער פאַרטאָג האָט קערענסקי אַרויסגעגעבן
אַ באַפעל צו פאַרמאַכן דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי —
„ראַבאָטשי פּוט" און האָט געשיקט פּאַנצער־אויטאָמאָבילן צום
לאָקאַל פון דער רעדאַקציע און פון דער דרוקעריי פון „ראַבאָ־
טשי פּוט". אָבער צו 10 אַזייגער אינדערפרי האָבן די רויט־
גוואַרדייער און די רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן, לויט חבר
סטאַלינס אָנווייזונג, געגעבן אַ ווידערשטאַנד און געצוואונגען
אָפּטרעטן די פּאַנצער־אויטאָמאָבילן און אוועקגעשטעלט אַ פאַר־
שטאַרקטע וואַך ביי דער דרוקעריי און רעדאַקציע. צו 11 אַזיי־
גער אינדערפרי איז די צייטונג „ראַבאָטשי פּוט" דערשינען
מיט חבר סטאַלינס אַ לייטאַרטיקל „וואָס איז אונדז נייטיק?".
דער לייטאַרטיקל האָט גערופן די מאַסן אַראָפּצוּוואַרפן די בור־
זשואַזע צייטווייליקע רעגירונג. גלייכצייטיק זיינען לויט דער אָנ־
ווייזונג פונעם פּאַרטיי־צענטער, דרינגענד געבראַכט געוואָרן צו
סמאָלני אָטריאַדן רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן און רויטגוואַר־
דייער. דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן דעם 24 אָקטאָבער.
דעם 25 אָקטאָבער אין אָוונט האָט זיך געעפנט דער II סאָ־
וועטן־צוזאַמענפאָר, וואָס האָט איבערגעגעבן די גאַנצע מאַכט
די סאָוועטן.

סטאַלין איז אַריין אין דעם ערשטן ראַט פון די פאָלקס־
קאָמיסאַרן, וועלכער איז בראש מיט לענינען אויסגעוויילט גע־

[1] י. וו. סטאַלין, ווערק, ב. 3, ז. 381.

וואָרן נאָכן זיג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע אויפן II אל-רוסלענדישן סאָוועטן-צוזאמענפאָר.

די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט ראַדיקאל געענדערט די סיטואציע. די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט צעשפּאָלטן די גאנצע וועלט אויף צוויי סיסטעמען — אויף דער סיסטעם פון קאפּיטאליזם און דער סיסטעם פון סאָציאַליזם. די פּארטיי באָלשעוויקעס האָט זיך געטראָפן מיט נײַע באדינגונגען, האָט געמוזט לייזן נײַע ריזיקע אויפגאבן. ראדיקאל האָבן זיך געענדערט אויך די פאָרמען פון קאמף פונעם ארבעטער-קלאס.

גלײַך פון די ערשטע טעג פון דער עקזיסטענץ פון דער סאָוועטן-רעגירונג און ביזן 1923 יאָר איז סטאלין פאָלקס-קאָמיסאר איבער די אָנגעלעגנהײַטן פון די נאציאָנאליטעטן. ער האָט דירעקט אָנגעפירט מיט דער גאנצער ארבעט פון דער פּארטיי און פון דער סאָוועטן-מאכט אויפן געביט פון לייזן די נאציאָנאלע פראגע אין פססר. אונטער דער אָנפירונג פון לענינען און סטאלינען האָבן די ארבעטער און פּויערים אויפן אָרט פון די צארישע קאָלאָניעס גענומען שאפן סאָוועטישע רעפּובליקן. ס׳איז ניטאָ קיין איין סאָוועטן-רעפּובליק, וואָס אינעם אָרגאניזירן זי זאָל דער חבר סטאלין ניט האָבן גענומען קיין אקטיוון און אָנפירנדיקן אָנטייל. סטאלין פירט אָן מיטן קאמף פאר דער אוקראַינישער סאָוועטן-רעפּובליק, ער פירט אָן מיט דער ארבעט פון שאפן די ווײַסרוסישע רעפּובליק און די סאָוועטן-רעפּובליקן אין טראנסקאווקאז און אין מיטל-אזיע, ער העלפט דער גרויסער צאָל נאציאָנאליטעטן פונעם סאָוועטן-לאנד צו בויען זייערע אויטאָנאָמע סאָוועטישע רעפּובליקן און געגנטן. לענין און סטאלין

זײַנען די באַגײַסטערער און די אָרגאַניזאַטאָרן פֿונעם גרויסן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

סטאַלין צוזאַמען מיט סווערדלאָוו זײַנען לענינס נאָענט־סטע מיטהעלפֿער בײַם בויען די סאָוועטישע מלוכה. צוזאַמען מיט לענינען פֿירט סטאַלין א קאַמף קעגן קאַמעניעוון, זינאָוו־יעוון, ריקאָוון און די אַנדערע שטרײַקברעכער און דעזערטירן פֿון דער רעוואָלוציע. אינעם צעגראָמירן קערענסקין — קראַס־נאָוון, אינעם אײַנברעכן דעם סאַבאָטאַזש פֿון די באַאַמטע און אָנגעשטעלטע, אינעם ליקווידירן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע הויפּט־קוואַרטיר און דעם צארישן גענעראַליטעט, אינעם פֿאַר־באָטן די בורזשואַזע פּרעסע, אינעם קאַמף קעגן דער קאָנטער־רע־וואָלוציאָנערער אוקראַינישער ראַדע, אינעם צעטרײַבן די גרינ־דונגס־פֿאַרזאַמלונג, אינעם פֿאַנאַנדעראַרבעטן די ערשטע סאָוועַ־טישע קאָנסטיטוציע פֿון 1918 יאָר — אין אָט די אַלע אַנט־שיידנדיקע געשעענישן האָט סטאַלין גענומען דעם סאַמע אַקטיוון און אָנפֿירנדיקן אָנטייל.

אין יאַנואַר 1918 יאָר פֿירט סטאַלין דורך, לויטן אויפֿ־טראָג פֿון צק, א באַראַטונג פֿון די פֿאָרשטייער פֿונעם רעוואָ־לוציאָנערן פֿליגל פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פֿון פֿאַרשיי־דענע לענדער פֿון אײראָפּע און אַמעריקע, — א באַראַטונג, וואָס האָט געשפּילט א באַדײַטנדיקע ראָליע אין קאַמף פֿאַר שאַפֿן דעם III, דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אין די שווערע טעג פֿונעם בריסקער שלום, ווען ס'האָט זיך געלייזט דער גורל פֿון דער רעוואָלוציע, האָט סטאַלין צוזאַמען מיט לענינען פֿעסט פֿאַרטיידיקט די באָלשעוויסטישע סטראַטע־גיע און טאַקטיק קעגן דעם פֿאַררעטער טראָצקי און זײַן מיט־

העלפער בוכארין, וואָס האָבן בשותפות מיט די ענגליש־פראנ־צויזישע אימפּעריאַליסטן געוואָלט אוועקשטעלן די יונגע סאָ־וועטן־רעפּובליק, וועלכע האָט זיך נאָך ניט איינגעצן גערהאט גע־שטעלט אויף די פיס, אונטערן קלאַפּ פונעם דייטשישן אימפּע־ריאַליזם.

★

VI

די רוסלענדישע פריצים און קאפּיטאליסטן, וואָס זיינען אראָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דער סאָציאליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָבן זיך גענומען צונויפריידן מיט די קאפּיטאליסטן פון אנדערע לענדער וועגן אָרגאניזירן א קריגס־אינטערווענציע קעגן דעם לאנד פון די סאָוועטן. זיי האָבן פאר זיך געשטעלט א ציל צו צעקלאפּן די ארבעטער און פויערים, אראָפּוואַרפן די סאָוועטן־מאכט און ווידער פארקנעכטן אונדזער לאנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן א בירגער־קריג און אינטערווענציע. די סאָוועטישע רעגירונג האָט דערקלערט, אז דאָס סאָציאליסטישע פאָטערלאנד איז אין געפאר, און האָט גערופן דאָס גאנצע פאָלק צום קאמף. די פארטיי באָלשעוויקעס האָט אויפגעהויבן די ארבעטער און פויערים צו א **פאָטערלענדישער** מלחמה קעגן די אויסלענדישע פארכאפּער און די בורזשואז־פריצישע ווייסגווארדייער.

פרילינג 1918 יאָר האָבן די ענגליש־פראַנצויזישע אימפּעריאַליסטן אָרגאַניזירט א בונט פון דעם טשעכאָסלאָוואַקישן קאָרפּוס, וואָס איז פאָרמירט געוואָרן פון די קריגס־געפאַנגענע פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער אַרמיי און וועלכער האָט נאָכן שליסן דעם שלום מיט דייטשלאַנד געזאָלט אָפּגעשיקט ווערן דורך סיביר קיין פראַנקרייך.

די אַרויסטרעטונגען פון די טשעכאָסלאָוואַקן, די אויפן זעלבן טאָג אָנגעמערקטע ווייסגוואַרדייאיש־עסערישע בונטן אין 23 שטעט אויף דער וואָלגע, דער בונט פון די לינקע עסערן אין מאָסקווע, דאָס אַרויסזעצן אַן ענגלישן דעסאַנט אין מורמאַנסק, — דאָס האָט פרײַ געמאַכט אַלע כוחות פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע. דער בונט פון די טשעכאָסלאָוואַקן איז פאָרגעקומען אין א העכסט קריטישן מאָמענט. דאָס לאַנד האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אַרויסגעריסן פונעם קלעם פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. דאָס באַלעבאַטעווען פון די קאַפּיטאַליסטן און פון די פּריצים האָט דערפירט דאָס לאַנד צו א קאַטאַסטראָפע. די אַרבעטער פון די הויפּט־שטעט פלעגן באַקומען נישט מער פון אַן אַכטל פונט ברויט א טאָג. די רעפּובליק איז געוואָרן אָפּגעשניטן פונעם אוקראַיִנישן און סיבירער ברויט. ס'איז פאַרבליבן נאָר איין ראַיאָן, פונוואַנען מען האָט געקאָנט קריגן ברויט, — דער דרום־מזרח, דער וואָלגער געביט און צפון־קאַווקאַז. דער וועג פונדאַנען איז געלעגן איבערן טײַך וואָלגע דורך צאַריצין. ראַטעווען די רעוואָלוציע האָט מען געקאָנט נאָר, ווען מען זאָל האָבן געקראָגן ברויט. לענין האָט זיך געווענדט צו די פּעטראָגראַדער אַרבעטער מיט א רוף, זיי זאָלן אָרגאַניזירן א מאַרש אין דאָרף אַרײַן צו הילף דעם אָרעם־פּויערטום קעגן די ברויט־ספּע־

קוליאנטן, בעלי-גופים און בלוט-זויגער. סטאלין ווערט פונעם צענטראל-קאָמיטעט פון דער פארטיי קאָמאנדירט מיט אויסער-אָרדנטלעכע פולמאכטן אויף דרום אלס אלגעמיינער אָנפירער מיטן דערנערונגס-וועזן אויפן דרום פון רוסלאנד.

דעם 6 יוני יאָר 1918 איז סטאלין מיט אן אָטריאד ארבעטער אָנגעקומען קיין צאריצין. דאָס, וואָס סטאלין האָט אין זיין פער-זאָן פאראייניקט די שארפזיכטיקייט פון א פּאָליטישן פירער און דעם טאלאנט פון א קריגס-פירער, האָט איר געגעבן די מעג-לעכקייט צו באגרייפן די ראָליע פון צאריצין אלס דאָס אָרט, וואוהין די קאָנטער-רעוואָלוציע וועט ווענדן דעם הויפּט-קלאפּ. ווען צאריצין פאלט, וואָלט די רעפּובליק אָפּגעשניטן געוואָרן פון די לעצטע ברויט-רעסורסן, פונעם באקוער נאפט, און די ווייסע וואָלטן באקומען א מעגלעכקייט צו פאראייניקן די דאָ-נער קאָנטער-רעוואָלוציע מיט קאָלטשאקן און מיט דער טשע-כאָסלאָוואקישער קאָנטער-רעוואָלוציע און אין איין אלגעמיינעם פראָנט זיך לאָזן אויף מאָסקווע. מען האָט געמוזט אום יעדן פּרייז איינהאלטן צאריצין אין די הענט פון דער סאָוועטן-מאכט. מיט אן אייזערנער האנט אויסגעראמט פון שטאָט די ווייס-גווארדייאישע פארשווערער, ארויסבאקומען און אָפּגעשיקט אין די הונגערנדיקע הויפּט-שטעט א באדייטנדיקן סכום פּראָדוקטן, האָט סטאלין אינגאנצן אָפּגעגעבן זיך מיט דער באשיצונג פון צאריצין. איינברעכנדיק אָן רחמנות דעם ווידערשטאנד פון די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע ספּעציאליסטן, וואָס טראָצקי האָט צו-געשיקט און געשטיצט, האָט סטאלין דורך שנעלע און אנטשיי-דענע מאָסמיטלען רעאָרגאניזירט די צעשפּליטערטע אָטריאדן און פארשנעלערט דעם אָנקום פון וואָראָשילאָווס טיילן פון דאָנ-

באַס, וואָס זײַנען געוואָרן דער קערן פֿון דער אויפֿסנײַ אויסגע־פּאָרמירטער X אַרמײ. סטאַלינס אײַזערנער ווילן און געניאַלע שאַרפֿזיכטיקייט האָבן ניט געלאָזט צאַריצין פֿאַלן, האָבן ניט געלאָזט די ווײַסע זיך דורכרײַסן צו מאָסקווע.

די העראָישע עפּאָפּייע פֿון באַשיצן צאַריצין איז צונויפֿגע־פֿאַלן מיטן קראַך פֿונעם דײַטשישן אימפּעריאַליזם אין אוקראַי־נע. אין נאָוועמבער 1918 איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע אין דײַטשלאַנד און אין עסטרײַך־אונגאַרן. דער צענטראַל־קאָמיטעט באַאויפֿטראָגט סטאַלינען צו אָרגאַניזירן דעם אוקראַינישן פֿראָנט, כּדי צו העלפֿן די אוקראַינישע אַרבעטער און פּויערים. אין סטאַלינס רשות ווערן אויסגעטיילט 20 אָנפֿירנדיקע פּאַרטײ־טוער פֿונעם באַשטאַנד פֿון דער X אַרמײ בראָש מיטן חבר וואָראָשילאָוו. סוף נאָוועמבער האָט זיך דאָס אוקראַינישע אויפֿ־שטענדלערישע מיליטער אַ לאָז געטאָן קעגן די פּעטליוראָוו־צעס און די דײַטשן און האָט באַפֿרײַט כאַרקאָוו. אין מערב איז באַפֿרײַט געוואָרן מינסק. סטאַלין האָט געפֿירט אַ קאָלאָ־סאַלע אַרבעט צו באַפֿרײַען די מערבֿ־געגנטן און צו שאַפֿן די ווײַסרוסישע רעפּובליק.

דעם 30 נאָוועמבער 1918 יאָר איז געשאַפֿן געוואָרן דער ראַט פֿון אַרבעטער־ און פּויערים־שוץ בראָש מיט לענינען אויף אָנצופֿירן מיט דער גאַנצער שוץ־אַרבעט אויפֿן פֿראָנט און אין הינטער־לאַנד, צו מאָביליזירן די אינדוסטריע און דעם טראַנס־פּאָרט, צו מאָביליזירן אַלע רעסורסן פֿונעם לאַנד. אַלס פֿאַר־שטייער פֿון אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספֿיר־קאָמיטעט איז אין ראַט פֿון שוץ אַרײַנגעפֿירט געוואָרן סטאַלין, וועלכער איז געוואָרן לענינס פֿאַקטישער שטעלפֿאַרטרעטער.

סוף 1918 יאָר האָט זיך געשאפן א קאטאסטראָפאלע לאגע אויפן מזרח־פראָנט. קאָלטשאקס ארמיי האָט געאײַלט צו פאר־אייניקן זיך מיטן ענגלישן מיליטער, וואָס איז אָנגעגריפן פון צפון. אין נאָמען פונעם ראט פון שוץ האָט לענין געפאָדערט צו פארפעסטיקן די לאגע בײַ פערם. אויף צו ליקווידירן די קא־טאסטראָפע האָט ער פאָרגעלייגט דעם צענטראל־קאָמיטעט צו שיקן סטאלינען און דזערזשינסקין. סטאלין האָט שנעל און אנטשיידן צוריק אויפגעשטעלט די לאגע בײַ פערם. אויף דרום, בײַ צאריצין, האָט זײַן מעכטיקער ווילן ניט דערלאָזן, אז די דאָנער קאָנטר־רעוואָלוציע זאָל צונויפגיסן אירע קרעפטן מיט דער אוראלער און מיט דער בײַ־וואָלגער קאָנטר־רעוואָלוציע. אויף צפון האָט סטאלין ארגאַניזירט דעם פרואוו פון די אינ־טערווענטן צו פארבינדן זיך מיט די טשעכן און מיט קאָל־טשאקן. דאָס רויטע מיליטער האָט גענומען שלאָגן קאָלטשאקן, וועלכער איז געווען אָפגעשניטן פון די פארבינדעטע אי אויף דרום אי אויף צפון.

צוריקגעקומען פונעם מזרח־פראָנט, נעמט זיך סטאלין אָר־גאניזירן דעם מלוכה־קאָנטראָל, און לויט לענינס פאָרשלאָג ווערט ער אין מערץ 1919 יאָר באשטימט אלס פאָלקס־קאָמיסאר פו־נעם מלוכה־קאָנטראָל, וואָס איז שפּעטער רעאָרגאניזירט גע־וואָרן אין פאָלקס־קאָמיסאריאט פון דער ארבעטער־פויערשער אינספעקציע. פאָלקס־קאָמיסאר פון דער ארבעטער־פויערשער אינספעקציע פארבלײַבט סטאלין ביז אפריל 1922 יאָר. די דאָ־זיקע ארבעט האָט געהאט א קאָלאָסאלע באדײַטונג פארן צו־ציִען די ארבעטנדיקע צום אָנפירן מיט דער מלוכה.

אין מײַ 1919 יאָר האָט דער גענעראל יודעניטש, מיטן צוועק

װ. אי. לענין, י. װ. סטאַלין און מ. אי. קאַלינין אױפֿן VIII צוזאַמענפֿאָר
פֿון דער רקפּ(ב). מערץ 1919 י.
פֿאָטאָ

אָפּצוּווענדן פון קאָלטשאַקן דאָס רויטע מיליטער, ביי דער אונטערשטיצונג פונעם ווייספינישן און עסטישן מיליטער, זיך א לאָז געטאָן אויף פּעטראָגראַד. יודעניטשעס אָנגריף איז אונ־טערשטיצט געוואָרן מצד אן ענגלישער עסקאדרע. אינעם הינ־טער־לאַנד פון דער רויטער ארמיי איז אָרגאַניזירט געוואָרן אן אויפשטאַנד אויף די פאָרטן „קראַסנאַיאַ גאָרקא" און „סע־ראַיאַ לאָשאַד". דער רויטער פראָנט האָט זיך א וואַקל געטאָן, און דער שונא האָט זיך דורכגעריסן ביז סאַמע פּעטראָגראַד.

צו אָרגאַניזירן א ווידערשטאַנד די ווייסע האָט דער צענט־ראַל־קאָמיטעט געשיקט סטאַלינען. אויפן פראָנט האָבן זיך א לאָז געטאָן קאָמוניסטן. סטאַלין האָט שנעל ליקווידירט די פאַרלאָרנ־קייט און האָט אָן רחמנות פאַרניכטעט די שונאים און די פאַררעטער. דורך א קאָמבינירטן קלאַפּ — די אינפאַנטעריע האָט אָנגעגריפן פון דער יבשה און די שיפן פון דער זייט פון ים — זיינען די צעבונטעוועטע פאָרטן איינגענומען געוואָרן, און דאָס ווייסגוואַרדייאישע מיליטער איז אָפּגעשלייַדערט געוואָרן. די סכנה פאַר פּעטראָגראַד איז ליקווידירט געוואָרן. די פּלענער פון דער אַנטאַנטע — פאַרכאַפּן פּעטראָגראַד — זיינען געמאַכט געוואָרן צונישט. פון יודעניטשעס ארמיי איז געמאַכט געוואָרן א תל, און אירע רעשטלעך זיינען אַנטלאָפן קיין עסטלאַנד.

זומער 1919 יאָר ארבעט סטאַלין אויפן מערב־פראָנט, אין סמאָלענסק, וואו ער אָרגאַניזירט דעם ווידערשטאַנד קעגן דעם פּוילישן אָנגריף.

נאָך דעם, ווי די אַנטאַנטע האָט דערשטיקט די סאָוועטן אין בייערן, אונגאַרן, עסטלאַנד, לעטלאַנד, האָט זי צו האַרבסט 1919 יאָר פאַרגענומען א צווייטן קריגס־מאַרש קעגן סאָוועטן־

רוסלאנד. צעקלאפּט געוואָרן בײַם ערשטן קריגס־מארש, האָט זי דאָס מאָל, אויסער דעם ווײַסן מיליטער און אירע אייגענע אָט־ריאדן, ארײַנגעצויגן אין דעם מארש אויך די ארמייען פון די קליינע מלוכות, וואָס האָבן זיך געפונען אין שכנות מיט רוס־לאנד. דעם דאָזיקן מארש האָט דער ענגלישער קריגס־מיניסטער טשערטשיל בארימעריש אָנגערופן „קריגס־מארש פון 14 מלוכות".

אין דער צײַט, בעת די רויטע ארמיי האָט געשלאָגן קאָל־טשאקן אין מזרח, האָט דעניקין פארכאפּט דאָנבאס און אין א ברייטן פראָנט זיך ארײַנגעריסן אין אוקראַינע. טראָצקי האָט פאררעטעריש צעוואלגערט די ארבעט אויפן דרום־פראָנט. דאָס רויטע מיליטער האָט געליטן א מפּלה. צוליב דעניקינען זײַ־נען ארויסגעטראָטן די ווײַספּאָליאקן, וועלכע האָבן פארנומען מינסק. יודעניטש איז בײַ פּעטראָגראד ווידער אריבער אין אָנ־גריף, און קאָלטשאק האָט זיך געפּרואווט פארהאלטן אויפן טאָבאָל. קיינמאָל איז נאָך דער שונא ניט געווען אזוי נאָענט פון דער סאָוועטישער הויפּט־שטאָט. די דאָנעצער קאפּיטאליסטן האָבן אפילו דערקלערט א פּריז פון א מיליאָן פאר יענעם ווײַסן פּאָלק, וואָס וועט דער ערשטער ארײַן קיין מאָסקווע.

אלס ענטפער אויפן אָנגריף פון די ווײַסע האָט לענין אין נאָמען פונעם צענטראל־קאָמיטעט זיך געווענדט צו די פּארטיי־אָרגאניזאציעס מיט א לײַדנשאפטלעכן רוף: „אלע צום קאמף קעגן דעניקינען!".

דער דרום־פראָנט האָט באקומען א סך פרישע מענטשן־קרעפטן, שלאכט־מיטלען, ס'האָט זיך אָבער געפאָדערט אן אָנ־פירער, וואָס זאָל וויסן, ווי צו באהעפטן די הונדערטער טויזנ־

טער קריגער, צעמענטירן זיי דורך אַן איינהייטלעכן ווילן און אַ וואָרף טאָן אויפן שונא. אָרגאַניזירן דעם זיג אויפן דרום-פראָנט שיקט דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי סטאַלינען.

דער קריגס-פירער פון דער רעוואָלוציע האָט געטראָפן אויפן פראָנט אַ מישמאַש, אַ פאַרלאָרנקייט; עס איז ניט געווען קיין סטראַטעגישער פּלאַן. ארויסגעיאָגט פון די שטאַבן די באַנ-קראָטירטע אַגענטן פון טראָצקין, ארויסגעשטעלט אַ פאָדערונג, אַז טראָצקי זאָל זיך אַבסאָלוט ניט אַריינמישן אין די ענינים פונעם פראָנט, האָט סטאַלין אָפּגעוואָרפן דעם פריערדיקן פאַר-ברעכערישן פּלאַן פון דורכרייסן דעם דעניקינישן פראָנט — פון דער זייט פון וואָלגע (צאַריצין) אין דער ריכטונג צו נאָוואָראָ-סיסק, און האָט צונויפגעשטעלט זיין אייגענעם פּלאַן פון קאַמף, אַ פּלאַן, וועלכער האָט געניאַל געלייזט די אויפגאַבע. סטאַלין האָט פאָרגעלייגט צו דערלאַנגען דעם הויפּט-קלאַפּ דעניקינען פון אַרום וואָראָניעזש דורך כאַרקאָוו—דאָנבאַס—ראָסטאָוו, כדי צו צעשפּאַלטן די אַרמיי פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע אויף צוויי טיילן. דער דאָזיקער פּלאַן האָט געזיכערט דער רויטער אַרמיי אַ שנעלן פאָראויס-מאַרש דורך אַ ראַיאָן מיט פּראָלעטאַרישע צענטערס, וואו די באַפעלקערונג האָט מיט בפירושער סימפּאַ-טיע געוואַרט אויף דער רויטער אַרמיי, דורך אַ ראַיאָן מיט אַ רייכער נעץ אייזנבאַנען, — און דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו באַזאָרגן דאָס מיליטער מיט אַלעם נייטיקן. גלייכצייטיק האָט דער דאָזיקער פּלאַן באַטייט באַפרייען דאָנבאַס — אָט דעם מעכטיקן קוילן-קוואַל, וואָס באַזאָרגט דאָס לאַנד מיט הייצ-וואַרג, און קוואַל פון רעוואָלוציאָנערע קרעפטן.

דער צק האָט סטאַלינס פּלאַן אָנגענומען.

סטאַלין האָט אנטוויקלט א ריזיקע ארבעט צו אָרגאַניזירן דעם נצחון. ער האָט אכטונג געגעבן אויפן גאנג פון די אָפּעראַציעס, גלייכצייטיק פארריכט די פעלערן, צוגעקליבן קאָמאַנדירן און פּאָליט־טוער, דערמוטיקנדיק זיי צום קאמף. אונטער סטאַלינס אָנפירונג איז אויפן דרום־פראָנט אויסגעארבעט געוואָרן די אינסטרוקציע פאר א פּאָלק־קאָמיסאר, וואו די אויפגאבע פונעם קאָמיסאר איז פאָרמולירט געוואָרן אין פאָלגנדיקע אויסדריקלעכע ווערטער:

„דער פּאָלק־קאָמיסאר איז דער פּאָליטישער און מאָראַלישער אָנפירער פון זײַן פּאָלק, דער ערשטער פארטיידיקער פון זײַנע מאטעריעלע און גײַסטיקע אינטערעסן. אויב דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק איז דער ראש פונעם פּאָלק, דאַרף דער קאָמיסאר זײַן דער פאָטער און די נשמה פון זײַן פּאָלק“ [1].

די רעאַליזירונג פון סטאַלינס פּלאַן האָט געבראַכט צו דער פולשטענדיקער צעגראָמירונג פון דעניקינען. לויט חבר סטאַלינס איניציאַטיוו איז געשאַפן געוואָרן די I רײַטער־ארמיי בראש מיט בודיאָני, וואָראָשילאָוו, שטשאַדענקאָ. געשטיצט דורך די ארמייען פונעם דרום־פראָנט, האָט די לעגענדארע רײַטער־ארמיי א סוף געמאַכט צו דעניקינס מיליטער.

בעת דער קורצער הפסקה, וואָס דאָס לאנד פון די סאָוועטן האָט באַקומען נאָכן ענדגילטיקן צעקלאַפּן דעניקינען, פירט סטאַלין אָן, לויט לענינס אויפטראָג, מיטן אויפשטעלן אין אוקראַינע די ווירטשאַפט, וואָס איז רוינירט געוואָרן דורך דער מלחמה. אין פעברואַר—מערץ 1920 יאָר שטייט ער בראש

[1] „פּראַוודא“ נומ. 344, 14 דעצעמבער 1939 י. (לייטאַרטיקל — „די מיליטערישע קאָמיסאַרן“).

פונעם ראט פון דער אוקראַיִנישער ארבעטס־ארמיי און מאָבי־ליזירט די ארבעטנדיקע צום קאמף פאר קוילן. ווענדנדיק זיך צו דער ארבעטס־ארמיי אין מערץ 1920 יאָר, ווײַזט סטאלין אָן, אז בײַם איצטיקן מאָמענט איז „קוילן פונקט אזוי וויכטיק פאר רוסלאנד, ווי דער זיג איבער דעניקינען" [1]. אונטער סטאלינס אָנפירונג האָבן זיך די אוקראַיִנישע באָלשעוויקעס דערשלאָגן צו ערנסטע דערפאָלגן אינעם באזאָרגן דאָס לאנד מיט הייצווארג און ברענגען אין אָרדענונג דעם טראנספּאָרט.

אין מײַ 1920 יאָר שיקט דער צק דעם חבר סטאלין אויפן דרום־מערבדיקן פראָנט קעגן די פּוילישע פּאנעס, וואָס האָבן אָנגעהויבן דעם דריטן קריגס־מארש פון דער אנטאנטע קעגן דער סאָוועטן־רעפּובליק. דאָ נעמט סטאלין א דירעקטן אָנפירנדיקן אָנטייל אינעם דורכרײַסן דעם פּוילישן פראָנט, אינעם באפרײַען קיִעוו און אין אָנגריף פון אונדזער מיליטער אויף לוואָוו. אין דעם זעלבן 1920 יאָר פירט סטאלין אָן ארבעט צו באשיצן דעם דרום־טייל פון אוקראַיִנע קעגן וורַאנגעלס אָנגריף, ער מערקט אָן דעם פּלאַן פון פארניכטן וורַאנגעלן. סטאלינס אָנווײַזונגען זײַנען געלעגן אין גרונט פון פרונזעס אָפּעראטיוון פּלאן, לויט וועלכן ווראנגעל איז אינגאנצן צעקלאַפּט געוואָרן.

אלע יאָרן פונעם בירגער־קריג זײַנען דורכגעגאנגען אונטערן צייכן פון ענגער מיטארבעט צווישן לענינען און סטאלינען. האנט בײַ האנט בויען זיי און פארפעסטיקן די רויטע ארמיי. לענין בארַאט זיך מיט סטאלינען וועגן די וויכטיקסטע פראגן פון דער פּאָליטיק פון דער סאָוועטן־מלוכה, וועגן די פראגן פון

---

[1] „פּראָלעטארסקאיא רעוואָליוציא" נומ. 3, 1940 י., ז. 164.

קריגס־סטראטעגיע און קריגס־טאקטיק. ווען סטאלין האָט זיך געפונען אינעם אנדערן עק סאָוועטן־לאנד, אויספילנדיק וויכטיק־סטע פּאָליטישע און מיליטערישע אויפטראָגן פון לענינען, איז צווישן זיי ניט איבערגעריסן געוואָרן דער אויסטויש מיט בריוו, טעלעגראמעס, צעטעלעך. סטאלין האָט רעגולער אינפאָרמירט לענינען וועגן דער לאגע אויף די פראָנטן. אין זײַנע בריוו און טעלעגראמעס האָט סטאלין געגעבן א מײַסטערהאפטן אנאליז פון דער קריגס־סיטואציע. ער האָט זיך כסדר געווענדט צו לענינען נאָך הילף און שטיצע, ווען די סיטואציע אויפן פראָנט פלעגט ווערן באזונדערס דראָענדיק. לענין איז געווען אויסערסט אויפמערקזאם צו סטאלינס בקשות. לענין האָט אים שטענדיק געהאלטן אין קורס פון די געשעענישן, אינפאָרמירט וועגן די פּאָליטישע נײַס. סטאלין איז געווען דער, אויף וועמען לענין האָט זיך דער עיקר געשטיצט אין דער ארבעט פון אָרגאניזירן און אָנפירן מיט דער שוץ פונעם סאָוועטן־לאנד.

אין די יאָרן פון בירגער־קריג האָבן דער צק פון דער פארטיי און פערזענלעך לענין געשיקט סטאלינען אויף די סאמע אנט־שיידנדיקע און פאר דער רעוואָלוציע געפערלעכע פראָנטן. חבר סטאלין איז געווען א מיטגליד פונעם רעוואָלוציאָנער־מיליטע־רישן ראט פון דער רעפּובליק און א מיטגליד פון די רעוואָלו־ציאָנער־מיליטערישע ראטן פונעם מערבדיקן, דרומדיקן און דרום־מערבדיקן פראָנט. דאָרט, וואו עס פלעגט זיך, מחמת א ריי סיבות, שאפן א טויט־געפאר פאר דער רויטער ארמיי, וואו דער אָנגריף פון די ארמייען פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע און פון דער אינטערווענציע האָט גערדראָט דעם עצם קיום פון דער סאָוועטן־מאכט, אהין פלעגט מען שיקן סטאלינען. דאָרט, „וואו

בהלה און פאַניק האָבן זיך געקאָנט צו יעטווידער מינוט פאַר־
וואנדלען אין הילפלאָזיקייט, אין א קאטאסטראָפע, — דאָרט
פלעגט זיך באווייזן חבר סטאלין".[1]

סטאלין פלעגט אָרגאניזירן די פארטיי־מאסן און די ארבע־
טער־מאסן, נעמען אין זיינע פעסטע הענט די אָנפירונג; שטיצנ־
דיק זיך אויף די מאסן, פלעגט ער אָן רחמנות איינברעכן דעם
סאבאָטאזש, מיט אן אייזערנער האנט דערשטיקן די פארשוועֶ־
רונגען פון די פאררעטער און שפּיאָנען — אין הינטער־לאנד און
אויפן פראָנט; מיטן פערזענלעכן ביישפּיל פון מסירת־נפשדיקער
ארבעט און מיט דער קלאָרער רעוואָלוציאָנערער פערספּעקטיוו
פלעגט ער אויפהייבן דעם קאמפס־גייסט און דעם רעוואָלוציאָ־
נערן ענטוזיאזם פון די ארבעטער און פויערים, פון די רויטאר־
מייער; אין די קירצסטע טערמינען פלעגט ער זיך דערשלאָגן צו
א ראדיקאלן איבערבראָך און צו א נצחון פון דער רויטער ארמיי.

ער פלעגט אויפדעקן און צעקלאפּן אויף פּיצלעך די סאמע
קונציקע און כיטרע סטראטעגישע פּלענער פון די שונאים,
פלעגט אומוואלגערן זייער גאנצע קריגס־„וויסנשאפט", קריגס־
„קונסט" און געשולטקייט.

סטאלינס פארדינסטן אויף די פראָנטן פון בירגער־קריג זיי־
נען לויט לענינס איניציאטיוו באצייכנט געוואָרן דורך דער בא־
שטימונג פונעם אלרוסלענדישן צענטראלן אויספיר־קאָמיטעט
פונעם 27 נאָוועמבער 1919 יאָר וועגן באלוינען אים מיטן אָר־
דען פון דער „רויטער פאָן".

דער שעפער פון דער רויטער ארמיי — פון דער ערשטער

[1] ק. יע. וואָראָשילאָוו. סטאלין און די רויטע ארמיי, 1940 יו,
ז. 6—7.

אין דער וועלט רויטער ארמיי, דער ארמיי פון די באפרייטע ארבעטער און פויערים, דער ארמיי פון ברידערלעכקייט צווישן די פעלקער פון אונדזער לאנד, דער ארמיי, וואָס איז דערצויגן אין גייסט פון אינטערנאציאָנאליזם, — איז געווען די פארטיי באָלשעוויקעס בראש מיט לענינען און סטאלינען. לענין און סטאלין האָבן אָנגעפירט מיט דער ארבעט פון באשיצן דאָס לאנד צוזאמען מיט די בעסטע טוער פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי.

דער אוממיטלבארער באגייסטערער און אָרגאניזאַטאָר פון די וויכטיקסטע נצחונות פון דער רויטער ארמיי איז געווען סטאלין. אומעטום אויף די פראָנטן, וואו עס האָט זיך געלייזט דער גורל פון דער רעוואָלוציע, פלעגט די פארטיי שיקן סטאלינען. ער איז געווען דער שעפער פון די וויכטיקסטע סטראטעגישע פלענער. סטאלין האָט אָנגעפירט מיט די אנטשיידנדיקע שלאכט-אָפּעראציעס. ביי צאריצין און ביי פּערם, ביי פּעטראָגראד און קעגן דעניקינען, אין מערב קעגן דעם פאנסקן פוילן און אין דרום קעגן ווראנגעלן — אומעטום האָבן סטאלינס אייזערנער ווילן און סטראטעגישער געני געזיכערט דעם זיג פון דער רעוואָלוציע. סטאלין איז געווען דער דערציער און דער אָנפירער פון די מיליטערישע קאָמיסארן, וואָס אָן זיי וואָלט, ווי לענין האָט געזאָגט, ניט געווען די רויטע ארמיי.

מיט סטאלינס נאָמען זיינען פארבונדן די סאמע רומפולע נצחונות פון אונדזער רויטער ארמיי.

★

VII

פארענדיקט זיגרײַך די מלחמה קעגן די אינטערווענטן, האָט די סאָוועטן-מאכט גענומען אריבערגיין צו פרידלעכער ווירטשאפטלעכער בויאונג. דאָס לאנד איז געווען רוינירט פון דער פיר-יאָריקער אימפעריאליסטישער מלחמה און פונעם דרײַ-יאָריקן בירגער-קריג. דאָס פויערטום האָט נאָכן סוף פונעם בירגער-קריג ארויסגעוויזן אומצופרידנקײַט מיטן אָפּנעמען אלע מותרות, מיט דער סיסטעם פון „פּראָדראזוויאָרסטקע“ און האָט געפאָדערט, אז מען זאָל עס באזאָרגן מיט א גענוגער צאָל סחורות. אויפן באָדן פון הונגער און מידקײַט האָט זיך גענומען ארויסווײַזן אן אומצופרידנקײַט אויך בײַ א טייל ארבעטער. דער קלאסן-שונא האָט געפּרואווט אויסנוצן די שווערע ווירטשאפטלעכע לאגע פונעם לאנד.

פאר דער פּארטיי האָט זיך געשטעלט די פראגע וועגן אויסארבעטן א נײַע אײַנשטעלונג אין אלע פראגן פונעם ווירטשאפטלעכן לעבן פונעם לאנד. דעם צענטראל-קאָמיטעט איז

קלאָר געווען, אז נאָכן ליקווידירן דעם קריג און ביַים איבער־
גיין צו פרידלעכער בויאונג איז די סיסטעם פונעם קריגס־קאָמו־
ניזם געוואָרן איבעריק. ס'איז אָפּגעפאלן די נויטווענדיקייַט אין
דער „פּראָדראזוויאָרסטקע", מען האָט די פּויערים געדארפט
געבן א מעגלעכקייַט אויסצונוצן א גרויסן טייל מותרות פון זייער
פּראָדוקציע. דאָס וואָלט געגעבן א מעגלעכקייַט צו באלעבן די
לאנדווירטשאפט, דעם סחורה־אומזאץ, אויפהייבן די אינדוסט־
ריע, פארבעסערן די באזאָרגונג פון די שטעט, שאפן א נייַע
ווירטשאפטלעכע באזע פארן בונד פון די ארבעטער און
פּויערים.

די אנטיפארטייאישע גרופּירונגען האָבן אָבער געפּרואווט
שטערן דער פארטיי אויסצוארבעטן די נייַע איינשטעלונגען.
סוף 1920 יאָר האָבן זיי אָנגעבונדן דער פארטיי די אזוי־גערו־
פענע דיסקוסיע וועגן די פּראָפּפאראיינען. אין דער ווירקלעכקייַט
האָט זי געהאט א סך א ברייטערע באדייַטונג, איידער די פראגע
וועגן די פּראָפּפאראיינען. אין תוך גענומען איז דער קאמף גע־
גאנגען ארום דער פראגע וועגן דער באציאונג צום פּויערטום,
וועגן דער באציאונג פון דער פארטיי צו דער אומפארטייאישער
מאסע ארבעטער, בכלל וועגן דעם צוגאנג פון דער פארטיי צו די
מאסן אין דער נייַער סיטואציע. די טראָצקיסטן האָבן פאָרגע־
לייגט „שטייַפער צו פארדרייען די שרויפן" פונעם קריגס־קאָמו־
ניזם. דורך זייער פארדרעטערישער פּאָליטיק פון בלויזן צוואנג
און קאָמאנדעווען מיט די מאסן האָבן זיי געשטרעבט אויפהעצן
די אומפארטייאישע מאסע ארבעטער קעגן דער פארטיי, האָבן
זיי געשטרעבט צו שאפן א סכנה פאר דער עקזיסטענץ פון דער
סאָוועטן־מאכט. גלייַך נאָך די טראָצקיסטן זייַנען ארויסגעטראָטן

אויך אנדערע אנטיפּארטייאישע גרופּקעלעך: די „ארבעטער־אָפּאָזיציע“, די „דעמאָקראטישע צענטראליסטן“, די „לינקע קאָמוניסטן“.

צוזאמען מיט לענינען האָט סטאלין קאָנסעקווענט דורכגעפירט און פארטיידיקט די פּארטיי־ליניע און געשלאָגן אָט די אלע שונאים פון דער פּארטיי. סטאלין האָט אָרגאניזאציאָנעל אָנגעפירט מיטן קאמף קעגן די אנטילענינישע גרופּירונגען אינעם פּעריאָד פון דער דיסקוסיע וועגן די פּראָפפאראיינען, באהעפטנדיק די פּארטיי ארום דער לענינישער פּלאטפאָרם. צו סטאלינען פלעגן אָנקומען אלע ידיעות פון די ערטער וועגן דעם גאנג פונעם קאמף פאר דער פּארטיי־ליניע. סטאלין פלעגט אין יענע טעג איבערשיקן אין דער „פּראווּדא“ די אָנגאבן וועגן די סך־הכלען פון דער דיסקוסיע אין די אָרטיקע אָרגאניזאציעס, סך־הכלען, וואָס האָבן דעמאָנסטרירט דעם זיג פון דער פּארטיי און די מפּלה פון די אנטילענינישע גרופּירונגען.

א גרויסע באדײַטונג פארן זיג פון דער פּארטיי־ליניע און פארן באהעפטן די פּארטיי ארום לענינען, ארום דער לענינישער מערהײַט פונעם צק, האָט געהאט סטאלינס ארטיקל „אונדזערע מיינונגס־פארשיידנהײַטן“, וואָס איז פארעפנטלעכט געווען אין דער „פּראווּדא“ דעם 19 יאנואר 1921 יאָר. צוזאמען מיט לענינען האָט סטאלין אײַנגעהיט די פּארטיי־איינהײַט קעגן אלע אָנפאלן פון די אנטיפּארטייאישע פראקציעס און גרופּירונגען.

אויפן X צוזאמענפאָר, וואָס אים איז פאָרגעשטאנען צו לייזן די גרונט־פראגן פון דער ווײַטערדיקער זיגרײַכער באוועגונג פון דער רעוואָלוציע, איז די פּארטיי געקומען א צוזאמענגעשלאָסענע אויף די לענינישע פּאָזיציעס. דער X צוזאמענפאָר

(מערץ—אפריל 1921 יאָר) האָט אונטערגעצויגן די סך־הכלען פון דער דיסקוסיע וועגן די פּראָפּפּאראיינען און האָט מיט אן איבערוועגנדיקער מערהייט שטימען באוויליקט די לעניניסטישע פּלאטפאָרם. דער צוזאמענפאָר האָט אָנגענומען אן אויסערסט וויכטיקן באשלוס וועגן אריבערגיין פון דער „פּראָדראזוויאָרסט־קע" צום דערנערונגס־שטייער, וועגן אריבערגיין צו דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, וואָס איר שעפער און באגייסטערער איז געווען לענין. דער באשלוס פונעם X צוזאמענפאָר וועגן ארי־בערגיין צו דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק האָט גאראנטירט א פעסטן בונד פונעם ארבעטער־קלאס מיטן פויערטום אויף צו בויען דעם סאָציאליזם.

דער זעלבער גרונט־אויפגאבע האָט געדינט אויך דער באשלוס פונעם צוזאמענפאָר איבער דער נאציאָנאלער פראגע. דעם פּאָר־טראָג „די אָרדנטלעכע אויפגאבן פון דער פּארטיי אין דער נא־ציאָנאלער פראגע" האָט אויפן צוזאמענפאָר געמאכט סטאלין.

אין סטאלינס פּאָרטראָג און אין דער רעזאָלוציע פונעם צו־זאמענפאָר איז פּינקטלעך און קלאָר פּאָרמולירט געוואָרן די פּראקטישע גרונט־אויפגאבע אין דער נאציאָנאלער פראגע. מיר האָבן ליקווידירט דעם נאציאָנאלן יאָך, האָט סטאלין געזאָגט, דאָס איז אָבער ווייניק: מען דארף ליקווידירן די שווערע ירושה פון דער פאַרגאנגענהייט — דיווירטשאפטלעכע, פּאָליטישע און קולטורעלע אָפּגעשטאנענקייט פון די פריִער אונטערדריקטע פעלקער; מען דארף זיי העלפן צו דעריאָגן אין דער הינזיכט צענטראל־רוסלאנד. סטאלין האָט גערופן די פּארטיי צום קאמף קעגן דעם גרויס־הערשערישן, גרויס־רוסישן שאָוויניזם, אלס הויפּט־געפאר, און צום קאמף קעגן דעם אָרטיקן נאציאָנאליזם.



וו. אי. לענין און י. וו. סטאַלין אין גאָרקי. 1922 י.

פאָטאָ

ס'איז אוועק דאָס ערשטע יאָר נעפּ. אויפן XI צוזאמענפאָר (מערץ—אפּריל 1922 יאָר) האָט די פּארטיי אונטערגעצויגן די סך־הכלען פונעם ערשטן יאָר פון דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. די דאָזיקע סך־הכלען האָבן געגעבן לענינען די מעג־לעכקייט צו דערקלערן:

„א יאָר צייט זיינען מיר אָפּגעטראָטן. מיר דארפן אצינד זאָגן אין נאָמען פון דער פּארטיי: — גענוג! יענער ציל, וואָס דער צוריקטריט איז אויסן געווען, איז דערגרייכט. דער דאָזיקער פּעריאָד ענדיקט זיך, אָדער ער האָט זיך געענדיקט. איצט ווערט ארויסגערוקט אן אנדער ציל — איבערגרופּירן די כוחות"[1].

מען האָט געדארפט רעאליזירן די היסטאָרישע אויפגאבן, וואָס לענין האָט געשטעלט אויפן צוזאמענפאָר. דעם 3 אפּריל 1922 יאָר האָט דער פּלענום פונעם צענטראל-קאָמיטעט פון דער פּארטיי, לויט לענינס פּאָרשלאָג, אויסגעוויילט פארן גענעראל־סעקרעטאר פון צק דעם בעסטן און טרייסטן שילער און מיטקעמפער לענינס — סטאלינען. זינט דאן ארבעט סטאלין אָן איבעררייס אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן.

לענינס פארוואונדונג בעתן אטענטאט אויף אים אין 1918 יאָר און די אומאויפהערלעכע אָנגעשטרענגטע ארבעט האָבן אונטערגעריסן דאָס געזונט זיינס. אָנגעהויבן פון סוף 1921 יאָר איז לענין געצוואונגען געווען אלץ אָפטער און אָפטער איבער־צורייסן זיין ארבעט. די גרונט־ארבעט פון אָנפירן מיט דער פּארטיי איז אויסגעקומען צו טאָן סטאלינען.

אין די דאָזיקע יאָרן האָט סטאלין דורכגעפירט א קאָלאָסאלע ארבעט פון שאפן די נאציאָנאלע סאָוועטישע רעפּובליקן, און

[1] וו. אי. לענין. ווערק, ב. XXVII, 3־טע אויפלאגע, ז. 238.

דערנאָך — צו פאראייניקן אלע סאָוועטישע רעפּובליקן אין איין פארבאנדישער מלוכה — פּססר. דעם 30 דעצעמבער 1922 יאָר, אויפן I אלפארבאנדישן סאָוועטן-צוזאמענפאָר, איז לויט לענינס און סטאלינס פאָרשלאָג אָנגענומען געוואָרן דער היסטאָרישער באשלוס וועגן פרייוויליקן מלוכהשן פאראייניקן זיך פון די סאָוועטישע פעלקער אינעם פארבאנד סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפּובליקן — פּססר. ארויסטרעטנדיק אויפן צוזאמענפאָר, האָט סטאלין געזאָגט:

„אין דער געשיכטע פון דער סאָוועטן-מאכט איז דער הייניקער טאָג אן איבערבראָך-טאָג. ער שטעלט אוועק גרענעץ-צייכנס צווישן דעם אלטן, שוין דורכגעמאכטן פעריאָד, ווען די סאָוועטישע רעפּובליקן, כאָטש געארבעט האָבן זיי צוזאמען, אָבער געגאנגען זיינען זיי באזונדער, זייענדיק פארנומען פריער פאר אלץ מיט דער פראגע פון זייער עקזיסטענץ, — און צווישן דעם נייעם פעריאָד, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן, ווען צו דער באזונדערער עקזיסטענץ פון די סאָוועטישע רעפּובליקן ווערט געמאכט א סוף, ווען די רעפּובליקן פאראייניקן זיך אין אן איינהייטלעכער פארבאנדישער מלוכה, כדי דערפאָלגרייך צו קעמפן קעגן דעםווירטשאפטלעכן חורבן, ווען די סאָוועטן-מאכט טראכט שוין ניט נאָר וועגן עקזיסטענץ, נאָר אויך וועגן אנטוויקלען זיך אין אן ערנסטער צווישנפעלקערלעכער קראפט, וואָס קאָן אויפווירקן אויף דער צווישנפעלקערלעכער סיטואציע, וואָס קאָן זי ענדערן אין די אינטערעסן פון די ארבעטנדיקע“ [1].

[1] י. סטאלין, דער מארקסיזם און די נאציאָנאל-קאָלאָניאלע פראגע, 1939 י., ז. 126.

דאָס שאפן דעם פסטר האָט באטייט א גרויסן זיג פון דער לעניניש-סטאלינישער נאציאָנאלער פּאָליטיק. דער סאָוועטן-פאר־באנד איז געשאפן געוואָרן אויף דעם מויער-פעסטן פונדאמענט פון צוטרוי צום גרויסן רוסישן פאָלק מצד די פעלקער, וואָס זיינען פריִער געווען אונטערדריקט פונעם צאריזם, אויף דער פעסטער באזע פון פריינטשאפט צווישן די פעלקער פונעם סאָ-וועטישן לאנד.

אין אפריל 1923 יאָר איז פאָרגעקומען דער XII פארטיי-צוזאמענפאָר. דאָס איז געווען דער ערשטער צוזאמענפאָר נאָכן זיג פון דער סאָציאליסטישער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, אויף וועלכן לענין האָט, מחמת זיין קראנקייט, ניט געקאָנט בייזיין. דער צוזאמענפאָר האָט אין זיינע באשלוסן גענומען אין אכט אלע אָנווייזונגען לענינס, וואָס ער האָט געגעבן אין זיינע לעצטע ארטיקלען און בריוו. דער צוזאמענפאָר האָט געגעבן אן אנט־שיידענעם ווידערשטאנד די יעניקע, וואָס האָבן געפּרואווט אויס־טייטשן, אז נעפּ באטייט — אָפּטרעטן פון די סאָציאליסטישע פּאָזיציעס, די יעניקע, וואָס האָבן פאָרגעלייגט צו פארשקלאפן זיך ביים קאפיטאליזם. דער צוזאמענפאָר האָט שארף פאראור־טיילט די פאררעטערישע, קאפיטוליאנטישע פאָרשלאָגן פון די טראָצקיסטן און בוכארינצעס.

אויפן צוזאמענפאָר איז סטאלין ארויסגעטראָטן מיט אן אָר־גאניזאציאָנעלן באריכט וועגן דער טעטיקייט פונעם צק און מיט א פאָרטראָג „די נאציאָנאלע מאָמענטן אין דער פארטיי־און מלוכה-בויאונג". אינעם באריכט-פאָרטראָג האָט סטאלין געגעבן א ברייט בילד פון דער טעטיקייט פון דער פארטיי, פון איר וואוקס, פון דער פארפעסטיקונג פון די טראנסמיסיעס, וואָס

פירן פון דער פּאַרטיי צו די מאסן (די פּראָפּפאַראיינען, דער קאָמיוג, די סאָוועטן אאוו.), ער האָט אונטערגעצויגן די סך-הכלען פון די צוויי יאָר נעפּ, האָט אָנגעמערקט די אויפגאבן פון דער וויַיטערדיקער באַוועגונג פאָראויס. „אונדזער פּאַרטיי איז געבליבן א צעמענטירטע, א באַהעפטע, זי האָט אויסגעהאַלטן דעם גרעסטן קער און גייט פאָראויס מיט א ברייט צעוויקלטער פאָן" [1], — האָט פאַרענדיקט זיַין באַריכט סטאַלין.

דער צוזאַמענפאָר האָט געווענדט גרויס אויפמערקזאַמקיַיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אינעם פאָרטראָג איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט סטאַלין אונטערגעשטראָכן די קאָלאָסאַלע אינטערנאַציאָנאַלע באַדיַיטונג פון אונדזער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, ער האָט אָנגעוויזן, אַז די אונטערדריקטע פעלקער פון מזרח און פון מערב זעען אינעם סאָוועטן-פאַרבאַנד א מוסטער פון לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע. סטאַלין האָט אָנגעוויזן, אַז עס פאָדערט זיך אַן ענערגישע אַרבעט, כדי צו ליקווידירן די ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע ניט-גליַיכהיַיט צווישן די פעלקער פונעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. סטאַלין האָט גערופן די גאַנצע פּאַרטיי צום אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דעם גרויס-רוסישן שאָוויניזם און אָרטיקן נאַציאָנאַליזם, וואָס האָבן זיך פאַרשטאַרקט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טיילוויַיזער אויפלעבונג פונעם קאַפּיטאַליזם. סטאַלין האָט דעמאַסקירט די גרוזינישע נאַציאָנאַל-אָפּנייגלער, וואָס זיַינען געשטיצט געוואָרן פון די טראָצקיסטן.

דער XII צוזאַמענפאָר האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן זיַין אַרבעט, ווי אויפן האָריזאָנט האָט זיך געלאָזט מערקן

[1] „די געשיכטע פון דער אלקפּ(ב)· קורצער קורס", ז· 252·

אן ערנסטע געפאר פאר דער סאָוועטישער רעפובליק. די סאמע רעאקציאָנערע און אינטערווענציאָניסטישע עלעמענטן פון דער בורזשואזיע, וואָס זיינען געקומען צו דער מאכט אין ענגלאנד און אין פראנקרייך, האָבן געפרואווט אָרגאניזירן א נייעם קריגס-מארש קעגן דעם סאָוועטן-פארבאנד. אונטער סטאלינס אָנפירונג איז די פארטיי ארוים מיט ערע פון דער שארפער לאגע, האָט אָפּגעהאלטן א גרויסן זיג אויפן דיפּלאָמאטישן פראָנט. אַנשטאָט די דראָונגען און די אולטימאטומס, וועלכע זיינען געווען פריער, האָבן אין 1924 יאָר אלע גרויסע קאפּי-טאליסטישע מלוכות פון אייראָפּע אָנגעהויבן צו אָנערקענען פססר. „דער פאקט, וואָס מיר זיינען דאן ארוים פון די קאָמ-פּליקאציעס אָן שאָדן פאר דער זאך, — האָט אָנגעוויזן סטאלין, — רעדט אָן צווייפל וועגן דעם, אז דעם חבר לענינס שילער האָבן זיך שוין עפּעס-וואָס אויסגעלערנט ביי זייער לערער"[1].

אין יאנואר 1924 יאָר איז זיך צונויפגעקומען די XIII פּאר-טיי-קאָנפערענץ. די קאָנפערענץ האָט אויסגעהערט סטאלינס פאָרטראָג, וועלכער האָט אונטערגעצויגן די סך-הכלען פון דער דיסקוסיע. די קאָנפערענץ האָט אנטשיידן פאראורטיילט די טראָצקיסטן. די באשלוסן פון דער קאָנפערענץ זיינען באוויליקט געוואָרן פונעם XIII פּארטיי-צוזאמענפאָר (מיי 1924 י.) און פונעם V קאָנגרעס פון קאָמינטערן (זומער 1924 י.).

דעם 21 יאנואר 1924 יאָר איז אין גאָרקי, אונטער מאָסקווע, געשטאָרבן לענין, דער פירער און גרינדער פון דער פארטיי

---

[1] י. וו. סטאלין, וועגן דער אָפּאָזיציע, רעדעס און ארטיקלען פון 1921—1927 יי״, ז. 74.

באָלשעוויקעס, דער פירער פון די ארבעטנדיקע פון דער גאנ-צער וועלט. לענינס פאָן, די פאָן פון דער פארטיי האָט הויך אויפגעהויבן און ווייטער געטראָגן סטאלין — לענינס אָנגע-זעענסטער שילער, דער בעסטער זון פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי, דער ווירדיקער יורש און גרויסער פאָרזעצער פון לענינס זאך.

דעם 26 יאנואר האָט זיך געעפנט די טרויער-זיצונג פונעם II אלפארבאנדישן סאָוועטן-צוזאמענפאָר. אויף דער דאָזיקער זיצונג איז סטאלין ארויסגעטראָטן מיט א רעדע. ער האָט גע-געבן אין נאָמען פון דער פארטיי די גרויסע שבועה:

„מיר, קאָמוניסטן, זיינען מענטשן פון א באַזונדערן שניט. מיר זיינען אויסגעקנאָטן פון א באַזונדערן מאטעריאַל. מיר זיינען די, וואָס בילדן די ארמיי פון דעם גרויסן פראָלעטארישן סטראטעג, די ארמיי פונעם חבר לענין. ס'איז ניטאָ קיין העכערע זאך, ווי דער כבוד צו געהערן צו דער דאָזיקער ארמיי. ס'איז ניטאָ קיין העכערע זאך, ווי דער נאָמען מיטגליד פון דער פארטיי, וואָס איר גרינדער און אָנפירער איז דער חבר לענין...

אוועקגייענדיק פון אונדז, האָט דער חבר לענין אונדז פארזאָגט צו האלטן הויך און אָפּהיטן ריין דעם גרויסן נאָמען פארטיי־מיטגליד. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אז מיר וועלן מיט ערע אויספילן דאָס דאָזיקע געבאָט דיינס!..

אוועקגייענדיק פון אונדז, האָט דער חבר לענין אונדז פאַרזאָגט אָפּצוהיטן די איינהייט פון אונדזער פאַרטיי, ווי דעם שוואַרצאַפּל פון אויג. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אַז מיר וועלן מיט ערע אויס־פילן אויך דאָס דאָזיקע געבאָט דײַנס!..

אוועקגייענדיק פון אונדז, האָט דער חבר לענין אונדז פאַרזאָגט אָפּצוהיטן און פעסטיקן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַ־ריאַט. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אַז מיר וועלן ניט שאַנעווען אונדזערע כוחות אויף אויסצופילן מיט ערע אויך דאָס דאָזיקע געבאָט דײַנס!..

אוועקגייענדיק פון אונדז, האָט דער חבר לענין אונדז פאַרזאָגט צו פעסטיקן מיט אַלע כוחות דעם בונד פון די אַרבע־טער און פויערים. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אַז מיר וועלן מיט ערע אויספילן אויך דאָס דאָזיקע געבאָט דײַנס!..

דער חבר לענין האָט כסדר גערעדט צו אונדז וועגן דער נייטיקייט פון אַ פרײַוויליקן בונד צווישן די פעלקער פון אונדזער לאַנד, וועגן דער נייטיקייט פון זייער ברידערלעכער מיטאַרבעט אין די ראַמען פונעם פאַרבאַנד פון די רעפּובליקן.

אוועקגייענדיק פון אונדז, האָט דער חבר לענין אונדז פאַרזאָגט צו פעסטיקן

און פֿארברייטערן דעם פֿארבאנד פֿון די רעפּובליקן. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אַז מיר וועלן אויספֿילן מיט ערע אויך דאָס דאָזיקע געבאָט דײַנס!..

לענין האָט אונדז ניט איין מאָל אָנגעוויזן, אַז פֿארפֿעסטיקן די רויטע ארמיי און פֿארבעסערן איר צושטאנד איז איינע פֿון די וויכטיקסטע אויפֿגאבן פֿון אונדזער פּארטיי... איז לאָמיר שווערן, חברים, אַז מיר וועלן ניט שאנעווען קיין קרעפֿטן אויף צו פֿארפֿעסטיקן אונדזער רויטע ארמיי, אונדזער רויטן פֿלאָט...

אוועקגייענדיק פֿון אונדז, האָט דער חבר לענין אונדז פֿאַרזאָגט צו זײַן טרײַ די פּרינציפּן פֿונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אַז מיר וועלן ניט שאנעווען אונדזער לעבן, כדי פֿארטיידיקן און פֿארברייטערן דעם בונד פֿון די ארבעטנדיקע פֿון גאָר דער וועלט — דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל!" [1].

דאָס איז געווען די שבועה, וואָס די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט געגעבן איר לערער און פֿירער, לענינען, וועלכער וועט לעבן אייביק. די דאָזיקע שבועה האָט די פּאַרטיי אונטער סטאלינס אָנפֿירונג אויסגעפֿילט און פֿילט אוים מיט ערע.

---

[1] י. סטאלין, וועגן לענינען, 1945 י., ז. 16—19.

ד

אינעם טאָג פון לענינס ערשטן יאָרצייט האָט סטאַלין אין זיין בריוו אין דער רעדאקציע פון דער „ראבאָטשאיא גאזעטא" געשריבן:

„געדענקט, האָט ליב, שטודירט איליטשן, אונדזער לערער, אונדזער פירער.

קעמפט און באזיגט די פיינט, די אינערלעכע און אויסערלעכע, — אזוי ווי איליטש.

בויט דאָס נייע לעבן, דעם נייעם שטייגער, די נייע קולטור, — אזוי ווי איליטש.

זאָגט זיך קיינמאָל ניט אָפּ פון קליינע זאכן אין דער ארבעט, ווייל פון קליינע זאכן ווערן געבויט גרויסע זאכן, — אָט דאָס איז איינס פון איליטשס וויכטיקע געבאָטן"[1].

דאָס סאָוועטישע פאָלק איז געווען טריי און איז טריי די דאָזיקע ווערטער סטאַלינס.

אויסנוצנדיק צוערשט לענינס קראנקייט און דערנאָך זיין טויט, האָבן די שונאים פונעם סאָציאַליזם געפּרואווט אָפּווענדן די פארטיי פונעם לענינישן וועג, כדי דערמיט גופא צוגרייטן די באדינגונגען אויף אויפצושטעלן ביי אונדז אין לאנד דעם קאפּיטאַליזם. מיט א באזונדערס ווילדן האס זיינען אָנגעפאלן אויף דער פארטיי דער פארביסענער שונא פונעם לעניניזם טראָצקי און זיינע מיטהעלפער. די טראָצקיסטן האָבן אָנגעבונדן דער פארטיי א נייע דיסקוסיע. דער קאמף האָט געטראָגן א פארביטערטן כאראקטער. סטאַלין האָט אויפגעדעקט דעם פּאָליטישן מהות פון די ארויסטרעטונגען פון די טראָצקיסטן, ער האָט באוויזן, אז דאָ האנדלט זיך וועגן לעבן אָדער טויט פון דער

---

[1] „ראבאָטשאיא גאזעטא" נומ׳ 17, 21 יאנואר 1925 י׳

פּאַרטיי, ער האָט באַהעפט די פּאַרטיי־קאַדרען און אָרגאַניזירט די צעשמעטערונג פונעם טראָצקיזם.

אין זײַן רעדע „טראָצקיזם אָדער לעניניזם?", וואָס ער האָט געהאַלטן אויפן פּלענום פון דער פראַקציע פונעם אַלפאַרבאַנדישן צענטראַל־ראַט פון די פּראָפפאַראיינען אין נאָוועמבער 1924 יאָר, האָט סטאַלין אָנגעוויזן, אַז אין קאַמף קעגן דעם טראָצקיזם אין דעם דאָזיקן פּעריאָד „באַשטייט די אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי דערין, אַז מען זאָל באַגראָבן דעם טראָצקיזם אַלס אידייאישע שטרעמונג". ער האָט אָנגעוויזן דער פּאַרטיי, אַז אין די דעמלטיקע באַדינגונגען איז דער טראָצקיזם געווען די הויפּט־געפאַר.

„אינעם נעגעבענעם מאָמענט, — האָט סטאַלין געזאָגט, — נאָכן זיג פון אָקטאָבער, אין די איצטיקע באַדינגונגען פון נעפּ, דאַרף מען האַלטן אַלס דאָס סאַמע געפערלעכע דעם טראָצקיזם, ווײַל ער̥ סטאַרעט זיך פלאַנצן אומגלויבן אין די כוחות פון אונדזער רעוואָלוציע, אַן אומגלויבן אינעם בונד פון די אַרבעטער און פּויערים, אַן אומגלויבן אין דער זאַך פון פאַרוואַנדלען רוסלאַנד דאָס נעפּישע אין אַ רוסלאַנד אַ סאָציאַליסטישעם"[1].

סטאַלין האָט דערוויזן, אַז דאָס צעשמעטערן אידייאיש דעם טראָצקיזם איז אַ נויטווענדיקער באַדינג צום זיכערן דעם ווײַטערדיקן זיגרײַכן פאָראויס־מאַרש צום סאָציאַליזם. סטאַלין האָט געזאָגט:

„ניט האָבנדיק צעקלאַפּט דעם טראָצקיזם, קאָן מען זיך ניט דערשלאָגן צו קיין זיג אין די באַדינגונגען פון נעפּ, קאָן מען

[1] י. סטאַלין, די פּויערים־פראַגע, אַרטיקלען און רעדעס, 1926 י., ז. 55.

זיך ניט דערשלאָגן דערצו, אז דאָס איצטיקע רוסלאנד זאָל פאר־וואנדלט ווערן אין א סאָציאליסטיש רוסלאנד".

אין די שלאכטן קעגן דעם טראָצקיזם האָט סטאלין באהעפט די פארטיי ארום צק און האָט זי מאָביליזירט צום ווײַטערדיקן קאמף פארן זיג פונעם סאָציאליזם בײַ אונדז אין לאנד.

אן אויסערגעוויינלעך גרויסע באדײַטונג אין הינזיכט פון אידייאישן צעשמעטערן דעם טראָצקיזם, אין הינזיכט פון פאר־טיידיקן, באגרינדן און אנטוויקלען דעם לעניניזם האָט געהאט סטאלינס טעאָרעטיש ווערק „וועגן די יסודות פונעם לעניניזם", וואָס איז דערשינען אין 1924 יאָר. דאָס דאָזיקע ווערק שטעלט מיט זיך פאָר א מײַסטערהאפטע איבערגעבונג און א טיפע טעאָ־רעטישע באגרינדונג פונעם לעניניזם. אָט דאָס ווערק האָט דאן באוואָפנט און באוואָפנט איצט די באָלשעוויקעס אין דער גאנ־צער וועלט מיטן שארפן געוועער פון דער מארקסיסטיש־לעניני־שער טעאָריע.

אין אָט דעם ווערק ווערן איבערגעגעבן די יסודות פונעם לעניניזם, דה. פון דעם נײַעם און ספּעציפישן, וואָס איז פאר־בונדן מיט לענינס נאָמען, וואָס לענין האָט ארײַנגעבראכט אין דער אנטוויקלונג פון דער מארקסיסטישער טעאָריע. שוין דאָס אליין, וואָס עס איז געגעבן געוואָרן אזא פאראלגעמיינערונג פון די פראגן פונעם לעניניזם, וואָס דער גאנצער אידייאישער אינ־האלט פון דער לענינישער ירושה איז צונויפגענומען און בא־טראכט געוואָרן פון שטאנדפונקט פון דער נײַער היסטאָרישער עפּאָכע, — שוין דאָס אליין האָט באטײַט א ריזיקן טראָט פאר־

[1] י. סטאלין: די פויערים־פראגע. ארטיקלען און רעדעס, 1926 י., ז. 55.

אוים אין דער אנטוויקלונג פון דער וויסנשאפט מארקסיזם־לעניניזם. אלע פראגן פון דער לענינישער לערע זיַינען אין דעם דאָזיקן ווערק אויפגעהויבן געוואָרן אויף א קאָלאָסאלער פּרינציפּיעלער הייך. אין זיַין ווערק גיט סטאלין א קלאסישע דעפיניציע פונעם לעניניזם. סטאלין באוויַיזט, ווי אזוי לענין האָט אנטוויקלט דעם מארקסיזם וויַיטער, אין די באדינגונגען פון דער נייַער עפּאָכע, דער עפּאָכע פון אימפּעריאליזם און פּראָלעטארישע רעוואָלוציעס.

די ארבעט פון אויפשטעלן די פאָלקס־ווירטשאפט האָט גענאלטן ביַי פארענדיקט ווערן. עס האָט זיך געענדערט די צווישנפעלקערלעכע און די אינערלעכע לאגע פונעם סאָוועטן־פארבאנד. אין די קאפּיטאליסטישע לענדער האָט זיך אָנגעהויבן א צייַטוויַיליקער אָפּפלוס פון דער רעוואָלוציע, ס'איז געקומען א צייַטוויַיליקע טיילוויַיזע סטאביליזאציע פונעם קאפּיטאליזם. אין פּססר איז אין דער ווירטשאפט דערגרייכט געוואָרן דער פארמלחמה־דיקער ניוואָ. מען האָט געדארפט גיין וויַיטער. מיט דער גאנצער שארפקייַט האָט זיך געשטעלט די פראגע וועגן די פּערספּעקטיוון פון אונדזער בויאונג, וועגן דעם גורל פונעם סאָציאליזם אינעם סאָוועטן־פארבאנד.

מיט געניאלער שארפזיכטיקייַט שטעלט סטאלין פעסט די פּערספּעקטיוון און די קאָנקרעטע וועגן פון דער וויַיטערדיקער אנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע.

„איך ווינטש די ארבעטער פונעם זאוואָד „דינאמאָ", — האָט ער געשריבן אין 1924 יאָר, — ווי אויך די ארבעטער פון גאנץ רוסלאנד, אז די אינדוסטריע זאָל גיין בארג־ארויף, אז די צאָל פּראָלעטאריער אין רוסלאנד זאָל אין דעם נאָענטסטן פע־

ריאָד אויסוואַקסן ביז 20—30 מיליאָן; אז די קאָלעקטיווע ווירט־שאפט אין דאַרף זאָל אויפבליען און זאָל ארונטערנעמען אונ־טער איר ווירקונג די פּריוואטע ווירטשאפט; אז די הויכע אינ־דוסטריע און די קאָלעקטיווע ווירטשאפט אין דאַרף זאָלן ענד־גילטיק באהעפטן די פּראָלעטאריער פון די פאבריקן און די ארבעטס־לײַט פון דער לאנדווירטשאפט אין איין סאָציאַליס־טישער ארמיי; אז דער זיג אין רוסלאנד זאָל באקרוינט ווערן מיט א זיג אין דער גאנצער וועלט"[1].

פאראלגעמיינערנדיק טעאָרעטיש די דערפארונג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, די דערפארונג פון די ערשטע יאָרן סאָציאַליסטישע בויאונג אין דער קאפּי־טאליסטישער ארומרינגלונג, האָט סטאלין פארטיידיקט און ווײַטער אנטוויקלט לענינס לערע וועגן דעם זיג פונעם סאָ־ציאַליזם אין איין לאנד.

אין דעצעמבער 1924 יאָר איז דערשינען סטאלינס בא־וואוסט ווערק „די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און די טאַקטיק פון די רוסישע קאָמוניסטן". באגרינדנדיק אין דעם דאָזיקן ווערק די לענינישע הנחה וועגן דעם זיג פונעם סאָציאַליזם אין איין לאנד, האָט סטאלין באוויזן, אז מען דארף אונטערשיידן צוויי זײַטן פון דער דאָזיקער פראגע: די אינערלעכע און די צווישנ־פעלקערלעכע. די אינערלעכע זײַט — דאָס איז די פראגע וועגן די קעגנזײַטיקע באציאונגען צווישן די קלאסן אינווייניק אינעם לאנד, וואָס בויט דעם סאָציאַליזם; די צווישנפעלקערלעכע —

[1] ג. ק. אָ ר ד ז ש אָ נ י ק י ד ז ע. אויסגעוויילטע ארטיקלען און רעדעס פון 1911—1937, אויפלאגע פון 1939 י., ז. 450.

דאָס איז די פראגע וועגן די קעגנזײַטיקע באציאונגען צווישן פססר, דערוויַיל נאָך דעם איינציקן לאנד פון סאָציאליזם, און דער קאפּיטאליסטישער ארומרינגלונג. מיט די אינערלעכע שוועריקייַטן קאָנען די ארבעטער און פּויערים פון פססר זיך פולשטענדיק ספּראווען מיט די אייגענע כוחות. זיי זיַינען פולשטענדיק אימשטאנד בייַצוקומען עקאָנאָמיש זייער אייגענע בורזשואזיע און אויסבויען א פולשטענדיקע סאָציאליסטישע געזעלשאפט. כל-זמן אָבער עס עקזיסטירט די קאפּיטאליסטישע ארומרינגלונג, עקזיסטירט אויך די געפאר פון א קאפּיטאליסטישער אינטערווענציע קעגן פססר און פון א רעסטאווראציע פונעם קאפּיטאליזם. כדי צו באזייַטיקן די דאָזיקע געפאר, מוז מען פארניכטן די קאפּיטאליסטישע ארומרינגלונג גופא, פארניכטן אָבער די קאפּיטאליסטישע ארומרינגלונג איז מעגלעך נאָר אין רעזולטאט פונעם זיג פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע ווייניקסטנס אין עטלעכע לענדער. ערשט דאן וועט דער זיג פונעם סאָציאליזם אין פססר זיך קאָנען רעכענען פאר א פולשטענדיקן, פאר אן ענדגילטיקן זיג.

די דאָזיקע הנחות סטאלינס זיַינען געלייגט געוואָרן אין גרונט פון דער היסטאָרישער רעזאָלוציע פון דער XIV פּארטיי-קאָנפערענץ (אפּריל 1925 יאָר). די לענינישע-סטאלינישע אייַנשטעלונג אויפן זיג פונעם סאָציאליזם אין פססר האָט די קאָנפערענץ באשטעטיקט, אלס פּארטיי-געזעץ, וואָס איז אָבליגאטאָריש פאר אלע פּארטיי-מיטגלידער.

אין זייַן פּאָרטראָג פארן אקטיוו פון דער מאָסקווער פּארטיי-אָרגאניזאציע — „צו די סך-הכלען פון דער ארבעט פון דער XIV קאָנפערענץ פון דער רקפּ(ב)" האָט סטאלין געווענדט א

באזונדערע אויפמערקזאמקייט אויף ארייִנציִען די מיטל-פויערים אין דער בויאונג פונעם סאָציאליזם. סטאלין האָט געזאָגט:

„דער עיקר באשטייט איצט דערין, אז מען זאָל באהעפטן די מיטל־פויערים ארום דעם פראָלעטא־ריאט, געווינען זיי פונדאָסניי. דער עיקר באשטייט איצט דערין, אז מען זאָל זיך צוזאמענשליסן מיט דער גרונט-מאסע פונעם פויערטום, העכערן איר מאטעריעלן און קולטורעלן ניוואָ און א לאָז טאָן זיך צוזאמען מיט אָט דער גרונט-מאסע פאָראויס אויפן וועג צום סאָציאליזם. דער עיקר באשטייט דערין, אז מען זאָל דעם סאָציאליזם בויען צוזאמען מיטן פויערטום, אומבאַדינגט צוזאמען מיטן פויערטום און אומבאדינגט אונטער דער אָנפירונג פון דעם ארבעטער-קלאס, ווייל די אָנפירונג פונעם ארבעטער-קלאס איז די גרונט-גאראנטיע, אז די בויאונג וועט אוועק מיטן וועג צום סאָציאליזם"[1].

אין דעצעמבער 1925 יאָר האָט זיך געעפנט דער XIV פאר-טיי-צוזאמענפאָר. אינעם פאָליטישן באריכט פון צק האָט סטאלין געגעבן א בולט בילד פונעם וואוקס פון דער פאָליטישער אוןווירטשאפטלעכער מעכטיקייט פונעם סאָוועטן-פארבאנד. מיר קאָנען זיך אָבער ניט באנוגענען מיט די דאָזיקע דער-פאָלגן, — האָט סטאלין געזאָגט, — ווייל דאָס לאנד אונדזערס פארבלייבט נאָך אלץ אן אָפּגעשטאנען, אן אגראר לאנד. כדי צו זיכערן די עקאָנאָמישע זעלבסטשטענדיקייט פון אונדזער לאנד און צו פארפעסטיקן זיין שוץ-פעיִקייט, כדי צו שאפן די עקאָנאָמישע באזע, וואס איז נייטיק פארן זיג פונעם סאָציא-

[1] י. וו. סטאלין. פראגן פון לעניניזם, 9-טע אויפלאגע, ז. 127—128.

ליזם, — דארף מען פארוואנדלען אונדזער לאנד פון אן אגראר לאנד אין אן אינדוסטריעל לאנד.

פון דער טריבונע פונעם XIV צוזאמענפאר האט דער פירער פון דער פארטיי געזאגט:

„פארוואנדלען אונדזער לאנד פון אן אגראר לאנד אין אן אינדוסטריעל לאנד, וואס איז אימשטאנד צו פראדוצירן מיט זיינע אייגענע כוחות די נייטיקע איינריכטונגען, — אט אין וואס עס באשטייט דער תוך, דער יסוד פון אונדזער גענעראלער ליניע" [1].

דעם סטאלינישן פלאן פון סאציאליסטישער אינדוסטריאליזירונג האבן די קאפיטוליאנטן זינאוויעוו און קאמעניעוו געפרואווט קעגנשטעלן זייער אייגענעם „פלאן", לויט וועלכן פססר האט געדארפט פארבלייבן אן אגראר לאנד. דאס איז געווען א פארברעכערישער פלאן פון פארשקלאפן פססר און ארויסגעבן אים מיט געבונדענע הענט און פיס די אימפעריאליסטישע רויבער.

סטאלין האט אראפגעריסן די מאסקעס פון אט די פאראכטע קאפיטוליאנטן, האט אויפגעדעקט זייער טראצקיסטיש-מענשעוויסטישן תוך.

אויפן XIV צוזאמענפאר האט סטאלין אונטערגעשטראכן, אז די וויכטיקסטע אויפגאבע פון דער פארטיי איז א פעסטער בונד פונעם ארבעטער-קלאס מיטן מיטל-פויער אינעם בויען דעם סאציאליזם.

---

[1] „XIV צוזאמענפאר פון דער אלפארבאנדישער קאמוניסטישער פארטיי (ב). סטענאגראפישער באריכט", 1926 י, ז. 488.

י. וו. סטאלין און ס. מ. קיראָוו. לעניִנגראד. 1926 י.

פאָטאָ

דער XIV צוזאמענפאָר האָט באשטעטיקט, אז די גרונט־אויפגאבע פון דער פארטיי איז — דורכפירן די סאָציאליס־טישע אינדוסטריאליזאציע, קעמפן פארן זיג פונעם סאָציאליזם אין פססר.

נאָכן צוזאמענפאָר, אין אָנהייב 1926 יאָר, איז דערשינען סטאלינס ווערק „צו די פראגן פונעם לעניניזם“. אין אָט דעם היסטאָרישן ווערק האָט סטאלין אידייאיש צעשמעטערט די ליקווידאטאָרישע און קאפיטוליאנטישע „פילאָסאָפיע“ פון די זינאָוויעווצעס און האָט באגרינדעט די ליניע פונעם XIV פאר־טיי־צוזאמענפאָר, די ליניע אויף דער סאָציאליסטישער אינ־דוסטריאליזירונג פונעם לאנד און אויף דער אויסבויאונג פון דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט. ער האָט באוואָפנט די פארטיי און דעם ארבעטער־קלאס מיט אן אײַזן־פעסטן גלויבן אינעם זיג פון דער סאָציאליסטישער בויאונג.

אָנגעזאמלט כוחות און מיטלען, אָפּגעשלײַדערט די קאפי־טוליאנטן און די סקעפּטיקער, האָט די פארטיי באָלשעוויקעס צוגעפירט דאָס לאנד צו א נײַעם היסטאָרישן עטאפּ — צום עטאפּ פון דער סאָציאליסטישער אינדוסטריאליזאציע.

אין אָט דעם קאמף קעגן די סקעפּטיקער און קאפּיטוליאנטן, קעגן די טראָצקיסטן און זינאָוויעווצעס, קעגן די בוכארינס און קאמעניעווס האָט זיך נאָך לענינס טויט ענדגילטיק אויס־געבילדעט דער אָנפירנדיקער קערן פון אונדזער פארטיי אינעם באשטאנד פון סטאלינען, מאָלאָטאָוון, קאלינינען, וואָראָשילאָוון, קויבישעוון, פרונזען, דזערזשינסקין, קאהאנאָוויטשן, אָרדזשאָ־ניקידזען, קיראָוון, יאראָסלאווסקין, מיקאָיאנען, אנדרייעוון, שווערניקן, זשדאנאָוון, שקיריאטאָוון און אנדערע, — וואָס

האָט אײַנגעהאַלטן לענינס גרויסע פּאַן, באַהעפטט די פּאַרטיי אַרום לענינס געבאָטן און אַרויסגעפירט דאָס סאָוועטישע פאָלק אויפן ברייטן וועג פון דער אינדוסטריאַליזירונג פונעם לאַנד און קאָלעקטיוויזירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט. דער אָנפירער פון דעם דאָזיקן קערן און די פירנדיקע קראַפט פון דער פּאַרטיי און פון דער מלוכה איז געווען חבר סטאַלין.

אויספילנדיק מײַסטערהאַפט די אויפגאַבן פון אַ פירער פון דער פּאַרטיי און פונעם פאָלק און האָבנדיק די פולע שטיצע פונעם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק, האָט אָבער סטאַלין נים דער־לאָזט אין זײַן טעטיקייט אפילו קיין סימן פון גדלות, פון גאוה, פון זעלבסט־פאַרליבטקייט. אין זײַן אינטערוויו, וואָס ער האָט געגעבן דעם דײַטשישן שרײַבער לודוויג, האָט סטאַלין באַ־צייכנט די גרויסע ראָליע פונעם געניאַלן לענין אין דער זאַך פון איבערגעשטאַלטן אונדזער היימלאַנד, און וועגן זיך האָט ער געזאָגט פשוט: „וואָס איז שייך מיר, בין איך בלויז אַ שילער לענינס, און מײַן ציל איז — זײַן אַ ווירדיקער שילער זײַנער“ [1].

★

[1] י. סטאַלין, שמועס מיטן דײַטשישן שרײַבער עמיל לודוויג, 1988 י., ז. 8.

VIII

אינדוסטריאליזירן אין א היסטאָריש זייער קורצן טערמין אזא ריזיק און גלייכצייטיק עקאָנאָמיש אָפּגעשטאנען לאנד, ווי עס איז אין יענעם פּעריאָד געווען דער סאָוועטן־פארבאנד, איז געווען אומגעהייער שווער. מען האָט באדארפט אויסבויען פונדאָסניי א גאנצע ריי אינדוסטריע־צווייגן, וואָס דאָס אלטע צארישע רוסלאנד האָט פון זיי ניט געוואוסט. מען האָט געדארפט שאפן א נייע לאנדשוץ־אינדוסטריע, וואָס אזא איז ניט געווען אינעם פריערדיקן רוסלאנד. מען האָט באדארפט אויסבויען זאוואָדן פון מאָדערנע לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, פון וועלכע דאָס אלטע דאָרף האָט קיין באגריף ניט געהאט. דאָס האָט געפאָדערט קאָלאָסאלע מיטלען. די קאפּיטאליסטישע מלוכות פלעגן ארויסבאקומען אזוינע מיטלען דורך אכזריותדיקן עקספּלואטירן דאָס פאָלק, דורך פארכאפּערישע מלחמות, דורך בלוטיקן בארויבן די קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער, דורך

אויסערלעכע הלוואות. דאָס סאָוועטישע לאַנד האָט זיך אָבער נים געקאָנט באַנוצן מיט אַזוינע שמוציקע קוואַלן; דעם וועג ווידער פון אויסערלעכע הלוואות האָבן די קאַפּיטאַליסטן פאַר אים פאַרשלאָסן. איז געבליבן אַרויסצובאַקומען די מיטלען בלויז אינווייניק אינעם סאָוועטישן לאַנד גופא.

שטיצנדיק זיך אויף לעניִנס אָנווייַזונגען, האָט סטאַלין פאַ־באַנדערגעאַרבעט דעם **טעזיס וועגן דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזירונג** פון אונדזער לאַנד. ער האָט באַוויזן, אַז:

1) דער תוך פון אינדוסטריאַליזירונג באַשטייט נים אין קיין פּשוטן וואוקס פון דער אינדוסטריע, נאָר אין דער אַנט־וויקלונג פון דער שווערער אינדוסטריע און פריער פאַר אַלץ פון איר קערן — פון דער מאַשינבויאונג, ווייַל נאָר דאָס שאַפן אַ שווערע אינדוסטריע און אַן אייגענע מאַשינבויאונג זיכערט די מאַטעריעלע באַזע פונעם סאָציאַליזם און מאַכט דאָס לאַנד פונעם סאָציאַליזם אומאָפּהענגיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט;

2) די עקספּראָפּריאַציע פון די גוטבאַזיצער און קאַפּיטאַ־ליסטן בייַ אונדז אין לאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען אין רעזול־טאַט פון דער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, די פאַר־ניכטונג פונעם פּריוואַט־אייגנטום אויף דער ערד, אויף די פאַב־ריקן, זאַוואָדן, בענק א. א. וו. און דאָס פאַרוואַנדלען זיי אין אַן אַלגעמיין פאָלקס־אייגנטום — דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ מעכ־טיקן קוואַל פון סאָציאַליסטישער אָנזאַמלונג פאַר דער אַנט־וויקלונג פון דער אינדוסטריע;

3) די סאָציאַליסטישע אינדוסטריאַליזאַציע שיידט זיך ראַ־דיקאַל אונטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער — די קאַפּיטאַליס־

טישע ווערט פאַרווירקלעכט דורך פאַרכאַפּן און באַרויבן קאָ־לאָניעס, דורך פאַרכאַפּערישע מלחמות, דורך פאַרקנעכטנדיקע הלוואות און אכזריותדיקער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער־מאַסן און קאָלאָניאַלע פעלקער. די סאָציאַליסטישע אינדוסט־ריאַליזאַציע אָבער שטיצט זיך אויפן געזעלשאַפטלעכן אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען, אויפן אָנזאַמלען און אויפהיטן די רײַכטימער, וואָס ווערן געשאַפן מיט דער מי פון די אַרבעטער און פּויערים; די סאָציאַליסטישע אינדוסטריאַליזאַציע איז אָר־גאַניש פאַרבונדן מיט דער כסדרדיקער פאַרבעסערונג פון דער מאַטעריעלער לאַגע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן;

4) די גרונט־אויפגאַבן אינעם קאַמף פאַר דער אינדוסטריאַ־ליזאַציע זײַנען דעריבער: העכערן די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט, אַראָפּזעצן דעם קרן־קאָסט, קאַמף פאַר אַרבעטס־דיסציפּלין, עקאָנאָמיע־רעזשים אאַז״וו.;

5) די באַדינגונגען פון בויען דעם סאָציאַליזם אין פּסס״ר, דער אַרבעטס־ענטוזיאַזם פונעם אַרבעטער־קלאַס — גיבן די מעג־לעכקײַט צו פאַרווירקלעכן די נייטיקע הויכע אינדוסטריאַליזאַ־ציע־טעמפּן;

6) דער וועג צו דער סאָציאַליסטישער איבערבויאונג פון דער לאַנדווירטשאַפט ליגט דורך דער אינדוסטריאַליזירונג פונעם לאַנד, וואָס זי דאַרף שאַפן די טעכנישע באַזע פאַר דער ראַדיקער איבערבויאונג.

באַוואָפנט מיט אָט דער דײַטלעכער און קלאָרער פּראָגראַם, זײַנען די אַרבעטנדיקע פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד צוגעטראָטן צו דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזירונג פונעם לאַנד.

די אימפּעריאַליסטן האָבן זיך דערשראָקן פאַר די דערפאָלגן

פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג און האָבן געפּרואווט אראָפּרייַסן אָדער לכל־הפחות פּאַרהאַמעווען די אינדוסטריאַליזירונג פונעם לאַנד דורך אייַנרייַסן די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען און די האַנדלס־באַציאונגען מיט פּסקר (ענגלאַנד), דורך דערמאָרדן כאָוועטישע געזאַנדטע (פּוילן), דורך פאַרשטאַרקן די שפּיאָנישע און דיווערסיאָנעלע אַרבעט. אינוויייניק אינעם לאַנד פאַראייניקן זיך די טראָצקיסטן, די זינאָוויעווצעס, די רעשטלעך פון די פריער צעקלאַפּטע אַנטיפּאַרטייאישע גרופּן אין אַ פאַררעטערישן בלאָק, וועלכער האָט אָנגעהויבן פירן אַ ווילדע אַטאַקע קעגן דער פּאַרטיי. „עס שאַפט זיך עפּעס ווי אַ מין איינהייַטס־פראָנט — פון טשעמבערלענען ביז טראָצקין“, — האָט דאַן אָנגעוויזן חבר סטאַלין. מען האָט זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן צום זיג פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזירונג אָן דעם, מען זאָל ניט האָבן אידייאיש און אָרגאַניזאַציאָנעל צעשמעטערט דעם טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישן בלאָק. אונטער חבר סטאַלינס אָנפירונג האָט די פּאַרטיי צעשמעטערט דעם טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישן בלאָק. סטאַלינס פּאָרטראָג אויף דער XV פּאַרטיי־קאָנפערענץ „וועגן דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אָפּנייג אין אונדזער פּאַרטיי“ (נאָוועמבער 1926 יאָר) און זייַן פּאָרטראָג אויפן VII פאַרברייטערטן פּלענום פונעם אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמינטערן „נאָכאַמאָל וועגן דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אָפּנייג אין אונדזער פּאַרטיי“ (דעצעמבער 1926 יאָר) האָבן אידייאיש באַוואָפנט די אַלקפּ(ב) און דעם קאָמינטערן און געזיכערט די מאָנאָליטקייַט און באַהעפטקייַט פון די פּאַרטיי־רייען.

דער פאַרברייטערטער פּלענום פונעם אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמינטערן האָט אין זייַנע באַשלוסן געשטעמפּלט די אָנהענ־

נער פונעם טראָצקיסטיש-זינאָוויעווישן בלאָק, אלס שפּאלטער, וואָס האָבן זיך אראָפּגעקייקלט אויף מענשעוויסטישע פּאָזיציעס.

צעשמעטערט און אָפּגעשליידערט די קאפּיטוליאנטן און די פּארטיידיקער פונעם קאפּיטאליזם, האָבן די באָלשעוויקעס ווייטער געפירט די ארבעט פון סאָציאליסטישן אינדוסטריאליזירן אונדזער לאנד.

ס'איז ניט געווען קיין איין געביט, קיין איין פראגע פון דער אינדוסטריאליזאציע, אויף וועלכע חבר סטאלין זאָל ניט האָבן געווענדט זיין אויפמערקזאמקייט. סטאלין איז דער איניציאטאָר פון שאפן נייע אינדוסטריע-צווייגן, פון אנטוויקלען און רעקאָנסטרוירן די פריער אָפּגעשטאנענע צווייגן. סטאלין איז דער באגייסטערער פון שאפן די צווייטע קוילן-מעטאלורגישע באזע ביי אונדז אין לאנד, פון בויען קוזבאס. סטאלין איז דער אָרגאניזאטאָר און אָנפירער פון די סאָציאליסטישע בויאונגען. סטאלינגראדער טראקטאָרבוי, דניעפּערבוי, מאגניטבוי, אוראלמאשבוי, די בויאונג פונעם ראָסטאָווער זאוואָד פון לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, קוזנעצקבוי, טורקסיב, סאראטאָווער קאָמביינבוי, די בויאונג פון די אויטאָמאָביל-זאוואָדן אין מאָסקווע און אין גאָרקי און א ריי אנדערע בויאונגען — אלע זיינען זיי פארבונדן מיט סטאלינס נאָמען.

דאָס גראנדיעזע בילד פונעם הערלעכן בנין פון סאָציאליזם, וואָס ווערט געבויט אין פסםר, האָט געהאט א קאָלאָסאלע ווירקונג אויף די ארבעטער פון די קאפּיטאליסטישע לענדער. מען האָט אָנגעהויבן ממש עולה-רגל זיין אין פסםר. צענדליקער און הונדערטער ארבעטער-דעלעגאציעס זיינען אהער געקומען און מיט גוואלדיקן אינטערעס און מיט א פארכאפּטן אָטעם זיך צו-

געקוקט, ווי אזוי די ארבעטער זעלבסט, האָבנדיק פארטריבן זייערע עקספּלואטאטאָרן, בויען א נייַע, א סאָציאליסטישע געזעלשאפט. אלץ האָט זיי אינטערעסירט, אלץ האָבן זיי געוואָלט וויסן. דעם 5 נאָוועמבער 1927 יאָר איז פאָרגעקומען א לענגערער שמועס פון סטאלינען מיט די ארבעטער־דעלעגאציעס פון דייַטשלאנד, פראנקרייַך, עסטרייַך, טשעכאָסלאָוואקיע, כינע, בעלגיע און אנדערע לענדער.

שוין צום סוף 1927 יאָר זייַנען קלאָר געוואָרן די אנטשיידנדיקע דערפאָלגן פון דער סאָציאליסטישער אינדוסטריאליזאציע־פּאָליטיק. די ערשטע סך־הכלען האָט אונטערגעצויגן דער XV פארטיי־צוזאמענפאָר, וועלכער איז זיך צונויפגעקומען אין דעצעמבער 1927 יאָר. אין זייַן באריכט־פּאָרטראָג האָט סטאלין געגעבן א בולט בילד פון די דערפאָלגן פון דער סאָציאליסטישער אינדוסטריאליזירונג און האָט באטאָנט די נייטיקייַט ווייַטער צו פארברייטערן און פארפעסטיקן די סאָציאליסטישע קאָמאנדע־הייכן סייַ אין שטאָט, סייַ אין דאָרף, האלטנדיק דעם קורס אויף ליקווידירן די קאפּיטאליסטישע עלעמענטן אין דער פאָלקס־ווירטשאפט.

אויפן XV צוזאמענפאָר האָט סטאלין אָנגעוויזן, אז די לאנדווירטשאפט שטייט אָפּ פון דער אינדוסטריע, און ער האָט אָנגעמערקט דעם אויסוועג פון אָט דער לאגע, וואָס האָט געדראָט דער גאנצער פאָלקס־ווירטשאפט.

„דער אויסוועג, — האָט סטאלין געזאָגט, — באשטייט דערין, אז די קליינע און צעשטויבטע פויערשע ווירטשאפטן זאָלן אריבערגיין צו גרויסע און פאראייניקטע ווירטשאפטן אויפן יסוד פון געזעלשאפטלעכער ערד־באארבעטונג, זיי זאָלן אריבער־

גיין צו קאָלעקטיווער ערד־באַארבעטונג אויף דער באַזע פון אַ נײַער, העכערער טעכניק. דער אויסוועג באַשטייט דערין, אַז מען זאָל די קליינע און גאָר דריבנע פּויערשע ווירטשאַפטן בּיסלעכווײַז, אָבער סיסטעמאַטיש, ניט מאַכנדיק אויף זיי קיין דרוק, נאָר דורך באַווײַזן אויף בײַשפּילן און דורך איבערצײַגן זיי, — פאַראייניקן אין גרויסע ווירטשאַפטן אויפן יסוד פון געזעלשאַפטלעכער, געמיינשאַפטלעכער, קאָלעקטיווער ערד־באַארבעטונג, וואו עס זאָלן אָנגעווענדט ווערן לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס און טראַקטאָרן, אָנגעווענדט ווערן וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן פון אינטענסיפיצירן די ערד־אַרבעט. קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ" [1].

פאַרוואָס האָט זיך אונדזער לאַנד געשטעלט אויפן וועג פון בויען קאָלווירטן?

שוין צום פּעריאָד פונעם XV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז אַלץ קענטיקער געוואָרן, אַז די לאַנדווירטשאַפט, באַזונדערס די תבואה־ווירטשאַפט, שטייט אָפּ. די ברוטאָ־פּראָדוקציע פון תבואה האָט זיך געהאַלטן בײַ דערנענטערן צום פאַרמלחמה־דיקן ניוואָ, אָבער דער סחורהדיקער טייל פון דער תבואה־פּראָדוקציע, דער טייל, וואָס ווערט פאַרקויפט אָן אַ זײַט צום באַזאָרגן די שטעט און די אַרמיי, האָט באַטראָפן עטוואָס מער פון איין דריטל (37 פּראָצענט) פונעם פאַרמלחמהדיקן ניוואָ. אין דאָרף איז געווען בײַ 25 מיליאָן קליינע און גאָר דריבנע פּויערשע ווירטשאַפטן. און די קליינע פּויערשע ווירטשאַפטן זײַנען לויטן עצם מהות זייערן געווען האַלב־נאַטורעלע ווירטשאַפטן,

---

[1] „די געשיכטע פון דער אַלקפּ(ב)· קורצער קורס", ז· 275·

וואָס זײַנען אימשטאַנד צו געבן בלויז אַ מינימום סחורהדיקע תבואה און זײַנען ניט אימשטאַנד צו פאַרברייטערן די פּראָדוקציע, אָנצווענדן טראַקטאָרן און מאַשינעס, העכערן די גערעטעניש. די צעדרויבלונג פון די פריערשע ווירטשאַפטן און דאָס פאַלן פון דער סחורהדיקײַט פון דער תבואה־ווירטשאַפט האָט נאָך אַלץ געדויערט.

„עס האָט ניט געקאָנט זײַן קיין צווייפל, אַז בײַ אַזאַ צושטאַנד פון דער תבואה־ווירטשאַפט האָט זיך פאַר דער אַרמיי און פאַר די שטעט פון פּסקר געמוזט שאַפן אַ געפאַר פון כראָנישן הונגער"[1].

דאָס לאַנד האָט פאַר זיך געהאַט צוויי מעגלעכקייטן אַריבערצוגיין אין דער לאַנדווירטשאַפט צו אַ גרויס־פּראָדוקציע, וואָס זאָל זײַן אימשטאַנד צו לאָזן אין גאַנג טראַקטאָרן און לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס און צו העכערן אין עטלעכע מאָל די סחורהדיקײַט פון דער תבואה־ווירטשאַפט. די ערשטע מעגלעכקייט: אַריבערגיין צו אַ גרויסער **קאַפּיטאַליסטישער** פּראָדוקציע אין דאָרף, וואָס דאָס וואָלט באַטײַט — רויִנירן די פּויערים־מאַסן, שאַפן אַ מאַסן־אַרבעטסלאָזיקייט אין שטאָט, דאָס וואָלט געוועז פאַטאַל פאַר דעם בונד פונעם אַרבעטער־קלאַס מיטן פּויערטום, דאָס וואָלט באַטײַט אַ פאַרשטאַרקונג פונעם בעלי־גופנטום און אַ מפּלה פונעם סאָציאַליזם. אויף דעם דאָזיקן פאַטאַלן וועג האָבן די פּאַרטיי מיט עקשנות געשטויסן די רעכטע קאַפּיטולאַנטן און פאַררעטער.

די צווייטע מעגלעכקייט: שטעלן זיך אויפן וועג פון פאַראייניקן די קליינע פּויערשע ווירטשאַפטן אין גרויסע **סאָציאַ**-

---

[1] „די געשיכטע פון דער אַלקפּ(ב)· קורצער קורס", ז· 274·

ליסטישע ווירטשאפטן, אין קאָלעקטיווע ווירטשאפטן, וואָס זײַנען אימשטאנד ברייט אויסצונוצן טראַקטאָרן און אנדערע מאָדערנע מאשינעס, כדי שנעל אויפצוהייבן די תבואה־ווירטשאפט און איר סחורהדיקע פּראָדוקציע. קלאָר, אז די פּארטיי באָלשעוויקעס און די סאָוועטישע מלוכה האָבן זיך געקאָנט שטעלן נאָר אויפן צווייטן וועג, אויפן קאָלווירטישן וועג פון אנטוויקלען די לאנדווירטשאפט.

די פּארטיי באָלשעוויקעס איז ארויסגעגאנגען פון לענינס געניאלע אָנווײַזונגען וועגן דער נייטיקייט אריבערצוגיין פון די קליינע פּויערשע ווירטשאפטן צו א גרויסער, קאָלעקטיווער, מאשיניזירטער ערד־ארבעט, וואָס זי אליין נאָר האָט געקאָנט אויסלייזן די צענדליקער מיליאָנען פּויערשע ווירטשאפטן פון דער דור־דורותדיקער נויט.

„מיט דער קליינער ווירטשאפט וועט מען פון דער נויט ניט ארויס" [1], — האָט אָנגעוויזן לענין.

די לעבנס־וויכטיקסטע עקאָנאָמישע נויטבאדערפעניש, די פּאָלקס־נויט האָט געפאָדערט אריבערצוגיין אויפן וועג פון קאָלעקטיוויזאציע. און די פּארטיי באָלשעוויקעס האָט אונטער סטאלינס אָנפירונג ריכטיק פארשטאנען אָט די לעבנס־וויכטיקע עקאָנאָמישע נויטבאדערפעניש און האָט א קער געטאָן די מיליאָניקע מאסן פונעם פּויערטום אויפן וועג פון קאָלעקטיוויזאציע.

דער XV צוזאמענפאָר האָט אָנגענומען א באשלוס פאנאנדערצוּוויקלען מיט אלע מיטלען די קאָלעקטיוויזירונג פון דער

---

[1] וו. אי. לענין. ווערק, ב. XXIV, 3־טע אויפלאגע, ז. 540.

לאנדווירטשאפט. גלייכצייטיק האָט דער צוזאמענפאָר געגעבן א דירעקטיוו וועגן צונויפשטעלן דעם ערשטן פינפיאָר-פּלאַן פון דער פאָלקס-ווירטשאפט. אָט אזוי האָט סטאלין אין סאמע ברען פון שאפן די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע אָנגעצייכנט די נייַע גראנדיעזע אויפגאבע — קאָלעקטיוויזירן די לאנד-ווירטשאפט. כדי אויסצופילן אזא היסטאָרישע אויפגאבע, האָט זיך געפאָדערט א ביז גאָר ראיעלע צוגרייטונג, וואָס לויט דער טיף און לויטן פארמעסט קאָן זי דרייסט געשטעלט ווערן אין איין ריי מיט דער צוגרייטונג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. דער געניאלער סטראטעג פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע האָט דרייסט און פעסט, זאָרגזאם און פאָרזיכטיק געפירט די פארטיי פאָראויס, ברעכנדיק אלע באר-יערן אויפן וועג צום אָנגעמערקטן ציל, וואכזאם נאָכשפּירנדיק נאָך די מאנעוורען פונעם קלאסן-שונא און גלענצנד פאָראויסזע-ענדיק זיינע מעשים אין דער נאָענטסטער צוקונפט, מייַסטער-האפט איבערגרופּירנדיק די כוחות אין סאמע גאנג פונעם אָנ-גריף, פארפעסטיקנדיק די דעראָבערטע פּאָזיציעס און אויסנוצנ-דיק די רעזערוון אויף צו אנטוויקלען דעם דערפאָלג.

די פארטיי האָט צוגעגרייט אלע נייטיקע מאטעריעלע באַ-דינגונגען צום מאסן-אריַינטריט פונעם פּויערטום אין די קאָל-ווירטן. עס איז געשאפן געוואָרן אן אינדוסטריעלע באזע צום באזאָרגן דעם דאָרף מיט מאשינעס און טראקטאָרן, א באזע אויף איבערבאוואָפענען טעכניש די לאנדווירטשאפט. עס זייַנען אָנ-געזאמלט געוואָרן גענוגע מיטלען צו פינאנסירן די קאָלווירטישע און סאָווירטישע בויאונג און עס זייַנען געשיקט געוואָרן אויף דער דאָזיקער בויאונג די בעסטע מענטשן פון דער פארטיי און

פונעם ארבעטער־קלאס, עס זײַנען פּאַרפּעסמיקט געוואָרן די ערשטע קאָלווירטן, וואָס האָבן באַוויזן די פּויערים די אינדיווידואַלן מוסטערן, ווי אַזוי מען דאַרף פירן די קאָלעק־טיווע לאַנדווירטשאַפט. עס זײַנען געשאַפן געוואָרן מאַשין־טראַקטאָרן־סטאַנציעס און סאָווירטן, וואָס האָבן געהאָלפן די פּויערים צו פאַרבעסערן די ווירטשאַפט.

פילנדיק, אַז ס׳קומט זײַן סוף, האָט דאָס בעלי־גופנטום געפּרואווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד, האָט אָרגאַניזירט אַ „ברויט־שטרײַק", מיינענדיק אַזוי־אַרום צו צווינגען די פּאַרטיי אויב נישט צו קאַפּיטולירן, איז, יעדנפאַלס, אָפּצוטרעטן. אינעם זעלבן 1928 יאָר איז אויפגעדעקט געוואָרן אַ גרויסע שעדיקער־אָרגאַני־זאַציע פון בורזשואַזע ספּעציאַליסטן אינעם שאַכטער ראַיאָן פון דאָנבאַס, און דערנאָך אויך אין אַנדערע ראַיאָנען. די שעדיקער זײַנען געווען פאַרבונדן מיט די אימפּעריאַליסטישע מלוכות.

די פּאַרטיי, אונטער סטאַלינס אָנפירונג, האָט דורכגעפירט אויסערגעוויינטלעכע מאָסמיטלען קעגן דעם בעלי־גופנטום און האָט אײַנגעבראָכן זײַן ווידערשטאַנד. די שעדיקער זײַנען האַרב באַשטראָפט געוואָרן. חבר סטאַלין האָט גערופן די פּאַרטיי צו מאַכן די נייטיקע אויספירן פון דעם שאַכטער פּראָצעס, און פריִער פאַר אַלץ האָט ער אויפגעפאָדערט, אַז די באָלשעוויקעס די ווירטשאַפטלער זאָלן אַליין ווערן פאַכלײַט פון דער טעכניק, ספּעציאַליסטן און עס זאָל פאַרשנעלערט ווערן די צוגרייטונג פון נײַע טעכנישע קאַדרען פון צווישן די אַרבעטער.

אַז די פּאַרטיי איז אַריבער אין אָנגריף קעגן דעם בעלי־גופנ־טום, זײַנען אָנשטאָט די טראָצקיסטן און זינאָוויעוויצעס, וואָס

די פּאַרטיי האָט זיי שוין געהאַט צעקלאַפּט, אַרויסגעטראָטן אין די יאָרן 1928 — 1929 בוכארין, ריקאָוו, טאָמסקי און זייער גאַנצע אַנטיפּאַרטייאישע גרופּע רעכטע קאַפּיטוליאַנטן און רעסטאַווראַטאָרן פונעם קאַפּיטאַליזם. שטיצנדיק זיך אויף דער קאַפּיטוליאַנטישער אַרבעט פון די רעכטע, מאַכן די אימפּעריאַ-ליסטן גלייכצייטיק אַ נייעם פּרוּוו אַרייַנצוציען פּססר אין אַ מלחמה. אין די גענעראַל-שטאַבן פון ענגלאַנד און פראַנקרייַך ווערן אויסגעאַרבעט פּלענער פון אַ נייַער אינטערווענציע קעגן פּססר, וואָס ווערט אָנגעמערקט אויף די יאָרן 1929—1930.

פּונקט ווי דער זיג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין אָקטאָבער 1917 יאָר וואָלט ניט געווען מעגלעך, ווען מען זאָל ניט האָבן צעקלאַפּט די קאַפּיטוליאַנטן און שטרייַקבּרעכער, די מענשעוויקעס און עסערן, פּונקט אַזוי וואָלט ניט מעגלעך געווען דער זיג פונעם סאָציאַליזם אין דאָרף, ווען מען זאָל ניט האָבן צעקלאַפּט די רעכטע קאַפּיטוליאַנטן אין די יאָרן 1928 — 1929. פאַרן זיג פון דער פּאַרטיי איבער דער בוכאַריניש-ריקאָווישער אַנטיפּאַרטייאישער גרופּע האָבן אַ באַ-זונדערע באַדייַטונג געהאַט סטאַלינס רעדעס — „וועגן דער רעכטער געפאַר אין דער אלקפּ(ב)” (אויפן פּלענום פון מאָסקווער קאָמיטעט און מאָסקווער קאָנטראָל-קאָמיסיע אין אָקטאָבער 1928 יאָר) און „וועגן דעם רעכטן אָפּנייג אין דער אלקפּ(ב)” (אויפן פּלענום פון צק אלקפּ(ב) אין אַפּריל 1929 יאָר).

אין די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען סטאַלינס זייַנען די רעכטע דעמאַסקירט געוואָרן ביזן סוף, אַלס שונאים פונעם לעניניזם, און ס'איז באַוויזן געוואָרן, אַז די רעכטע זייַנען דעם בעלי-גופס אַגענטור אין דער פּאַרטיי.

י. וו. סטאַלין אויפֿן דעק פֿונעם קרייסער „טשערוואָנאַ אוקראַינאַ” פֿונעם שוואַרץ־ימישן פֿלאָט. 25 יולי 1929 י.

פֿאָטאָ.

אין די קאמפן קעגן די רעכטע האָט סטאלין באהעפט די גאנ־
צע פּארטיי און זי געפירט צו דער שטורעם־אטאקע אויפן לעצטן
באסטיאָן פון דער קאפּיטאליסטישער עקספּלואטאציע ביי אונדז
אין לאנד. סטאלינס געני, זיין אומבייגזאמער ווילן און אויסער־
געוויינלעכע שארפזיכטיקייט האָבן געזיכערט דעם אויפשטייג
פון דער רעוואָלוציע אויף א נייער, א העכערער שטופע. אין
זיין היסטאָרישן ארטיקל „דאָס יאָר פון גרויסן איבערבראָך",
וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 1929 יאָר צום XII אָקטאָ־
בער־יאָרטאָג, האָט סטאלין געשריבן:

„דאָס פארגאנגענע יאָר איז געווען א יאָר פון א גרויסן אי־
בערבראָך אויף אלע פראָנטן פון דער סאָציאליסטישער בויאונג.
דער דאָזיקער איבערבראָך איז געגאנגען און גייט ווייטער אונ־
טערן צייכן פון אנטשיידענעם אָנגריף פונעם סאָציאליזם
קעגן די קאפּיטאליסטישע עלעמענטן פון שטאָט און דאָרף.
די כאראקטעריסטישע באזונדערהייט פון דעם דאָזיקן אָנגריף
באשטייט דערין, וואָס ער האָט אונדז שוין געגעבן א ריי אנט־
שיידנדיקע דערפאָלגן אויף די גרונט־געביטן פון דער סאָ־
ציאליסטישער איבערבויאונג (רעקאָנסטרוקציע) פון אונדזער
פאָלקס־ווירטשאפט"[1].

די פּארטיי האָט זיך דערשלאָגן צו אן אנטשיידענעם איבער־
בראָך אויפן געביט פון דער ארבעטס־פּראָדוקטיווקייט. עס איז
אין גרונט געלייזט געוואָרן איינע פון די שווערסטע אויפגאבן
פון דער סאָציאליסטישער אינדוסטריאליזאציע — די אויפגאבע
פון אָנזאמלען מיטלען פאר דער בויאונג פון דער שווערער אינ־

[1] י. סטאלין, פראגן פון לעניניזם, 11־טע אויפלאגע, ז. 264.

דוסטריע. די פּאַרטיי האָט זיך דערשלאָגן צו א ראַדיקאַלן איבער־בראָך אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער ערד־אַרבעט, אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער פּויערטום. עס האָט זיך שטורמיש גענומען אַנטוויקלען די קאָלווירטישע באַוועגונג, אַריבעריאָגנדיק לויט אירע אַנטוויקלונגס־טעמפּן אַפילו די גרויס־אינדוסטריע. דאָס איז געווען אַן אָנהייב פון דער קאָלווירטישער מאַסן־באַוועגונג.

„דאָס נייַע און דאָס אַנטשיידנדיקע אין דער איצטיקער קאָל־ווירטישער באַוועגונג באַשטייט דערין, — האָט געשריבן סטאַלין, — וואָס די פּויערים גייען אין די קאָלווירטן ניט גרופּעסווייַז, ווי דאָס איז פריער געווען, נאָר דערפערווייַז, וואָ־לאָסטנווייַז, ראַיאָנענווייַז, אַפילו קרייַזנווייַז. און וואָס באַטייַט עס? דאָס באַטייַט, אַז **אין די קאָלווירטן האָט גענומען גיין דער מיטלפּויער**. אָט דערין באַשטייט דער עיקר פון דעם ראַדיקאַלן איבערבראָך אין דער אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר די וויכטיקסטע דערגרייכונג פון דער סאָוועטן־מאַכט...“ [1].

אָט אַזוי איז אונטער סטאַלינס אָנפירונג צוגעגרייט געוואָרן דער היסטאָרישער קער — פון דער פּאָליטיק פון באַגרענעצן און אַרויסשטויסן די בעלי־גופישע עלעמענטן צו דער פּאָליטיק פון ליקווידירן דאָס בעלי־גופנטום, אַלס קלאַס, אויפן יסוד פון דורכאויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע.

סטאַלינס גרויסער פאַרדינסט באַשטייט אויך דערין, וואָס אין אָט דעם פּעריאָד, דעם פּעריאָד פון ערשטן אויפשוואונג פון

[1] י. סטאַלין, פראַגן פון לעניניזם, 11־טע אויפלאַגע, ז. 272.

דער אינדוסטריאליזאציע און קאָלעקטיוויזאציע, ווען מען האָט געדארפט געווען מאָביליזירן אלע ארבעטס־כוחות פונעם פאָלק צום לייזן די גרויסע אויפגאבן, האָט ער אוועקגעשטעלט אין דער גאנצער גרייס די פרויען־פראגע, די פראגע וועגן דער לאגע פון די פרויען, וועגן דער פרויען־ארבעט, וועגן דער ביז גאָר וויכטיקער ראָליע פון די פרויען, פון די ארבעטערנס און פויער־טעס אינעםווירטשאפטלעכן און געזעלשאפטלעך־פּאָליטישן לעבן פון דער געזעלשאפט. אויפגעהויבן די דאָזיקע פראגע אויף דער געהעריקער הייך, האָט סטאלין איר געגעבן א ריכטיקע לייזונג.

„קיין איין גרויסע באוועגונג פון די אונטערדריקטע, — האָט סטאלין געזאָגט, — איז אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט זיך ניט באגאנגען אָן דעם אָנטייל פון די ארבעטנדיקע פרויען. די ארבעטנדיקע פרויען, די סאמע אונטערדריקטע צווישן אלע אונטערדריקטע, זיינען קיינמאָל ניט געשטאנען און האָבן ניט געקאָנט בלייבן שטיין אָן א זייט פונעם גרויסן וועג פון דער באפרייאונגס־באוועגונג. די באפרייאונגס־באוועגונג פון די שקלאפן האָט, ווי באוואוסט, ארויסגערוקט הונדערטער און טויזנטער גרויסע מארטירערנס און העלדנס. אין די רייען פון די קעמפער פאר דער באפרייאונג פון די לייב־אייגענע זיינען געשטאנען צענדליקער טויזנטער פרויען האָרעפּאשניצעס. איז קיין וואונדער ניט, וואָס די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג פון דעם ארבעטער־קלאס, די סאמע מעכטיקע פון אלע באפרייאונגס־באוועגונגען פון די אונטערדריקטע מאסן, האָט צונויפגעזאמלט אונטער איר פאָן מיליאָנען ארבעטנדיקע פרויען“ [1].

[1] „פּראוודא“ נומ. 56, 8 מערץ 1925 י.

„די ארבעטנדיקע פרויען, די ארבעטערנס און פויערטעס, — זאָגט סטאלין ווייטער, — זײַנען א גוואלדיקער רעזערוו פון דעם ארבעטער-קלאס. דער דאָזיקער רעזערוו באטרעפט א גוטע העלפט פון דער באפעלקערונג. דערפון, צי דער פרויען-רעזערוו וועט שטיין אויפן צד פונעם ארבעטער-קלאס אָדער קעגן אים, דערפון הענגט אָפּ דער גורל פון דער פּראָלעטארישער באוועגונג, דער זיג אָדער די מפּלה פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע, דער זיג אָדער די מפּלה פון דער פּראָלעטארישער מאכט. דעריבער באשטייט די ערשטע אויפגאבע פונעם פּראָלעטאריאט און פון זײַן אוואנגארד, דער קאָמוניסטישער פּארטיי, — פירן אַן אנטשיידענעם קאמף פאר ארויסבאפרײַען די פרויען, די ארבעטערנס און פויערטעס, פון אונטער דער ווירקונג פון דער בורזשואזיע, פאר אויפקלערן פּאָליטיש און אָרגאניזירן די ארבעטערנס און פויערטעס אונטער דער פאָן פונעם פּראָלע-טאריאט“ [1].

„די ארבעטנדיקע פרויען, — זעצט סטאלין פאָר, — זײַנען אָבער ניט בלויז א רעזערוו. זיי קאָנען און דארפן ווערן, — בײַ א ריכטיקער פּאָליטיק פונעם ארבעטער-קלאס, — אַן עכטע אר-מיי פון דעם ארבעטער-קלאס, וועלכע קעמפט קעגן דער בור-זשואזיע. אויסשמידן פון דעם ארבעטנדיקן פרויען-רעזערוו אַן ארמיי פון ארבעטערנס און פויערטעס, וואָס קעמפט זײַט בײַ זײַט מיט דער גרויסער ארמיי פונעם פּראָלעטאריאט, — דערין באשטייט די צווייטע און אנטשיידנדיקע אויפגאבע פון דעם ארבעטער-קלאס“ [2].

1 „פּראַוודא“ נומ. 56, 8 מערץ 1925 י.
2 דאָרט.

וואָס איז שייך דער ראָליע און באַדײַטונג פון די פרויען אין די קאָלווירטן, איז אָט וואָס סטאַלין זאָגט מכּוח דעם אין זײַן ארויסטרעטונג אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון די קאָלווירטני־קעס שלאָגלער.

„די פרויען־פראַגע אין די קאָלווירטן, — האָט סטאַלין גע־זאָגט, — איז א גרויסע פראַגע, חברים. איך ווייס, אז פיל פון אײַך דערשאַצן ניט די פרויען און טרײַבן אפילו א ביסל קאַטאָ־וועס פון זיי. דאָס איז אָבער, חברים, א פעלער, אן ערנסטער פעלער. דאָ האַנדלט זיך ניט בלויז וועגן דעם, וואָס די פרויען באַטרעפן א העלפט פון דער באַפעלקערונג. עס האַנדלט זיך פריער פאַר אַלץ וועגן דעם, וואָס די קאָלווירטישע באַוועגונג האָט ארויסגערוקט אויף אָנפירנדיקע פּאָסטנס א גאַנצע ריי מערקווירדיקע און פעיִקע פרויען. טוט א קוק אויפן צוזאַמענ־פאָר, אויף זײַן באַשטאַנד, — וועט איר זען, אז די פרויען האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט צו זײַן אָפּגעשטאַנענע און זײַנען גע־וואָרן פאָרגעשריטענע. די פרויען אין די קאָלווירטן זײַנען א גרויסע קראַפט. האַלטן די דאָזיקע קראַפט פאַרבאָרגן, הייסט באַגיין א פאַרברעכן. אונדזער חוב איז ארויסרוקן פאָראויס די פרויען אין די קאָלווירטן און לאָזן די דאָזיקע קראַפט אין גאַנג"[1].

„וואָס איז שייך די קאָלווירטניצעס גופא, — זעצט סטאַלין פאָר, — דאַרפן זיי געדענקען וועגן דער קראַפט און דער באַ־דײַטונג פון די קאָלווירטן פאַר די פרויען, זיי דאַרפן געדענקען, אז נאָר אין קאָלווירט האָבן זיי די מעגלעכקייט צו שטעלן זיך אויף איין גראַד מיטן מאַנצביל. אָן די קאָלווירטן איז — אומ־

[1] י. סטאַלין, פראַגן פון לעניניזם, 11־טע אויפלאַגע, ז' 419—420.

גלײַכהײַט, אין די קאָלווירטן איז — גלײַכהײַט פון די רעכט. זאָלן װעגן דעם די חברטעס קאָלווירטניצעס געדענקען און זאָלן זיי אָפּהיטן די קאָלווירטישע אָרדענונג, ווי דעם שווארצאפּל פון אויג״ [1].

דאָס ארײַנצױען אין דער בויאונג פונעם סאָציאַליזם די ברייטסטע פאָלקס־מאסן פון אונדזער לאַנד, דערונטער די אָר־בעטנדיקע פון די פריער אונטערדריקטע און אָפּגעשטאנענע נאציעס, האָט באַטײַט א גוואלדיק גרויסן זיג פון דער סאָוועטישער אידעאָלאָגיע, וועלכע זעט אין די מאסן די עכטע שע־פער פון דער געשיכטע, איבער דער בורזשואזער אידעאָלאָגיע, וועלכע פארשפּרייט כלערליי באָבע־מעשׂות וועגן דעם, אז די מאסן זײַנען ניט פעאיק צו זעלבסטשטענדיקער שאפונג אין אלע לעבנס־געביטן. חבר סטאלין האָט דעמאסקירט דעם רעאקציאָ־נערן תוך פון דער „טעאָריע״, אז די עקספּלואטירטע קאָנען זיך ניט באַגיין אָן די עקספּלואטירנדיקע. „איינער פון די וויכ־טיקסטע רעזולטאטן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, — האָט חבר סטאלין געשריבן, — איז דער פאקט, וואָס זי האָט דער־לאַנגט אָט דער ליגנערישער „טעאָריע״ א טויט־קלאַפּ״ [2].

דער חבר סטאלין האָט אויך דעמאסקירט די רעאקציאָנערע לעגענדע, אז די פעלקער טיילן זיך כלומרשט אויף העכערע און נידעריקערע ראסן.

„פריער איז „אָנגענומען געווען״ צו מיינען, אז די וועלט איז פון אייביק צעטיילט אויף נידעריקערע און העכערע ראסן, אויף שווארצע און ווײַסע, וואָס די ערשטע פון זיי זײַנען ניט פעאיק

[1] י. ווי. סטאלין. פראגן פון לעניניזם, 11־טע אויפלאגע, ז. 177.
[2] דאָרט, ז. 420.

צו ציוויליזאציע און זײַנען פאראורטײלט צו זײַן אן אָביעקט פון עקספּלואַטאַציע, און די צווייטע זײַנען די איינציקע טרעגער פון דער ציוויליזאַציע, וועלכע זײַנען באַרופן צו עקספּלואַטירן די ערשטע. איצט דאַרף מען די דאָזיקע לעגענדע האַלטן פאַר צעקלאַפּט און אָפּגעוואָרפן. איינער פון די וויכטיקסטע רעזול־טאַטן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז דער פאַקט, וואָס זי האָט דערלאַנגט דער דאָזיקער לעגענדע א טויט־קלאַפּ, מחמת זי האָט באַוויזן אין דער פּראַקטיק, אז די באַפרײַטע ניט־אייראָ־פּעיִשע פעלקער, וואָס זײַנען אַרײַנגעצויגן געוואָרן אינעם שטראָם פון דער סאָוועטישער אַנטוויקלונג, זײַנען פעיִק צו באַ־וועגן פאָראויס די ווירקלעך פאָרגעשריטענע קולטור און ווירקלעך פאָרגעשריטענע ציוויליזאַציע כּלל ניט ווייניקער, איידער די אייראָפּעיִשע פעלקער״ [1].

★

[1] י. סטאלין, פראגן פון לעניניזם, 11־טע אויפלאגע, ז. 178.

IX

דעם 27 דעצעמבער 1929 יאָר איז סטאַלין ארויסגעטראָטן אויף דער קאָנפערענץ פון די אגראַר-טוער מארקסיסטן. אין זײַן רעדע האָט חבר סטאַלין דעמאסקירט די בורזשואזע טעאָריע פון „גלײַכגעוויכט“ צווישן די סעקטאָרן פון דער פאָלקס-ווירטשאפט, ער האָט צעקלאפּט די אנטימארקסיסטישע טעאָריע פון „זעלבסט-שטראָם“ אין דער סאָציאליסטישער בויאונג און די אנטימארקסיסטישע טעאָריע פון „שטאנדהאפטיקײַט“ פון דער קליין-פויערשער ווירטשאפט. צעשמעטערט אָט די אלע בורזשואזע, אנטימארקסיסטישע, רעכט-אָפּאָרטוניסטישע טעאָריעס, האָט חבר סטאַלין געמאכט א טיפן אנאליז פון דעם מהות פון די קאָלווירטן, אלס סאָציאליסטישע ווירטשאפטספאָרם, און האָט באגרינדעט דעם אריבערגאנג צו דער פּאָליטיק פון דורכאויסיקער קאָלעקטיוויזאציע פון דער לאנדווירטשאפט און פון ליקווידירן אויף דעם דאָזיקן יסוד דאָס בעלי-גופּנטום, אלס קלאס.



י. וו. סטאַלין און א. מ. גאָרקי.

פאָטאָ

לענין האָט נאָך אויפן XI פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר גערעדט וועגן דער לעצטער און אַנטשיידענער שלאַכט קעגן דעם רו־סישן קאַפּיטאַליזם, וואָס וואַקסט אַרויס פון דער קליין-פּויער־שער ווירטשאַפט, אָבער אין יענעם פּעריאָד האָט מען נאָך די צײַט פון דער דאָזיקער שלאַכט ניט געקאָנט פּינקטלעך פעסט־שטעלן. חבר סטאַלין האָט מיט דער געניאַלער ווײַטזעעוודי־קײַט, וואָס איז אים אייגנטימלעך, וויסנשאַפטלעך דערוויזן, אַז די צײַט פון דער לעצטער אַנטשיידענער שלאַכט קעגן דעם אי־נערלעכן קאַפּיטאַליזם איז שוין געקומען. דער גרויסער דיאַלעק־טיקער — סטאַלין האָט באַוויזן, אַז די ליקווידירונג פונעם בעלי־גופנטום, אַלס קלאַס, איז ניט קיין פאַרזעצונג פון דער פריערדי־קער פּאָליטיק פון באַגרענעצן און אַרויסשטויסן דאָס בעלי־גופנטום, נאָר דאָס איז אַ שאַרפער קער אין דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי.

„אויב דאָס קאָנפיסקירן די ערד בײַ די פּריצים איז געווען דער ערשטער שריט פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע אין דאָרף, — אַזוי איז פאַרשריבן אין די באַשלוסן פונעם XVI פּאַר־טיי-צוזאַמענפאָר, — איז דאָס אַריבערגיין צו קאָלווירטן דער צווייטער און דערבײַ דער אַנטשיידנדיקער שריט, וואָס באַ־צייכנט איינעם פון די וויכטיקסטע עטאַפּן אינעם אויסבויען דעם פונדאַמענט פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין פּסס״ר“ [1].

צו דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט איז דאָס דאָרף גע־

[1] „די אַלקפּ(ב) אין די רעזאָלוציעס און באַשלוסן פון די צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן און פּלענומס פון צק“, II טייל, 6-טע אויפלאַגע, 1941 י., ז. 428.

קומען אין רעזולטאט דערפון, וואָס די עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט האָט געפאָדערט אריבערצוגיין צו א גרויסער ארטעלווירטשאפט, צו א קאָלעקטיווער, מאשיניזירטער ערד־ארבעט. די פארטיי באָלשעוויקעס און די סאָוועטישע מלוכה האָבן אין פארלויף פון א ריי יאָרן געשאפן אין דאָרף נייע פראָדוקטיווקרעפטן, איינגעפירט די נייע טעכניק — טראקטאָרן, קאָמביינען אאוו., געגרייט קאדרען פאר דער סאָציאליסטישער ערדארבעט, מיליאָנען מענטשן, וואָס באהערשן די נייע טעכניק.

אין זיין היסטאָרישער באגריסונג צו די ארבעטער פונעם סטאלינגראדער טראקטאָר־זאוואָד אינעם טאָג, ווען דער זאוואָד איז געלאָזט געוואָרן אין גאנג (דעם 17 יוני 1930 יאָר), האָט חבר סטאלין געשריבן:

„איך באגרים און גראטוליר מיטן זיג די ארבעטער און דעם אָנפירנדיקן באשטאנד פונעם ערשטן אין פססר רויטפאָניקן טראקטאָר־גיגאנט. די 50 טויזנט טראקטאָרן, וואָס איר דארפט געבן דעם לאנד יעדעס יאָר,—דאָס זיינען 50 טויזנט הארמאטן־קוילן, וואָס רייסן אויף די אלטע בורזשואזע וועלט און לייגן דורך דעם וועג פאר דעם נייעם סאָציאליסטישן סדר אין דאָרף. איך ווינטש אייך דערפאָלג אינעם אויספילן אייער פראָגראם"[1].

די נייע פראָדוקטיוו־קרעפטן, וואָס זיינען געשאפן געוואָרן אין דאָרף, האָבן אומפארמיידלעך געבראכט צו נייע, **סאָציאליסטישע** באציאונגען צווישן די מענטשן.

אלזייטיק קאָנקרעטיזירט די מארקסיסטיש־לענינישע טעאָריע וועגן סאָציאליזם, האָט סטאלין באוויזן, אז דער אריבערגאנג

[1] „פראַוודא" נומ. 166, 18 יוני 1930 י.

צו דער קאָלעקטיוויזאציע איז מעגלעך ניט דורך א פשוטן און פרידלעכן אריינטרעטן פון די פויערים אין די קאָלווירטן, נאָר דורך א מאסן־קאמף פון די פויערים קעגן דעם בעלי־גופנטום. מען האָט געמוזט צעקלאפן דאָס בעלי־גופנטום אין אן אָפענער שלאכט פארן גאנצן פויערטום אין די אויגן, כדי די פויערים־מאסן זאָלן זיך איבערצייגן אין דער שוואכקייט פון די קאפי־טאליסטישע עלעמענטן, און דעריבער איז דער אריבערגאנג צו דער דורכאויסיקער קאָלעקטיוויזאציע אָרגאניש פארבונדן גע־וואָרן מיט דער אויפגאבע פון ליקווידירן דאָס בעלי־גופנטום, אלס קלאס.

חבר סטאלינס אָנווייזונגען וועגן דעם, אז אין דער פּאָליטיק פון דער פארטיי איז נייטיק מאכן א קער — פון באגרענעצן די עקספּלואטאטאָרישע טענדענצן פונעם בעלי־גופנטום צום ליק־ווידירן דאָס בעלי־גופנטום, אלס קלאס, זיינען געלייגט געוואָרן אין יסוד פון דער באשטימונג פון צק פונעם 5 יאנואר 1930 יאָר „וועגן דעם טעמפּ פון דער קאָלעקטיוויזאציע און די הילפס־מאָסמיטלען פון דער מלוכה פאר דער קאָלווירטישער בויאונג".

די שונאים פון דער פארטיי האָבן אויף אלערליי אופנים גע־פּרוּווט אראָפּרייסן דעם קורס פון דער פארטיי אויף קאָלעק־טיוויזירן די לאנדווירטשאפט. די דאָזיקע פיינטלעכע פּרוואון האָבן זיך אויסגעדריקט ניט בלויז אין דער דירעקטער ארויס־טרעטונג פון די רעכטע קאפּיטוליאנטן קעגן דער קאָלעקטיווי־זאציע, נאָר אויך אינעם „לינקאמשישן" פארקריפּלען די פאר־טיי־ליניע, אינעם ברעכן די קאָלעקטיוויזאציע־טעמפּן, וועלכע די פארטיי האָט איינגעשטעלט, אינעם ברעכן דעם לענינ־יש־סטאלינישן פּרינציפּ פון פרייוויליקייט אין דער קאָלווירטישער

בויאונג, אינעם אומגעלומפּערטן אריבערשפּרינגען צו דער קאָ-מונע, איבערהיפּנדיק דעם ארטעל, אינעם פארגעזעלשאפטלעכן אויף א צוואנגס-אופן די וואוינונגען, דאָס קליינפי, די עופות אאוו.

די אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים, די אינטערוועגטן און זייערע אגענטן האָבן געהאַפּט, אַז אָט די „לינקאטשישע", און צומאָל אויך באוואוסטזיניק פּראָוואָקאציאָנעלע פּראקטיק וועט צעקריגן דאָס פּויערטום מיט דער סאָוועטן-מאכט. אין די שטאבן פון די אימפּעריאליסטישע מלוכות האָט מען שוין גע-נומען אָנמערקן טערמינען פון א נײַער אינטערווענציע. דער פירער פון דער פּארטיי האָט אָבער רעכטצײַטיק באמערקט די נײַע געפאר.

דעם 2 מערץ 1930 יאָר איז לויטן באשלוס פון צק פאר-עפנטלעכט געוואָרן סטאלינס ארטיקל „קאָפּשווינדל פון דער-פאָלגן", אין וועלכן סטאלין האָט געגעבן א ווידערשטאנד די „לינקאטשישע" איבערבייגן, וועלכע האָבן געדראָט אומצוברענ-גען די קאָלווירטישע באוועגונג. „אינעם ארטיקל איז מיט דער גאנצער קראפט באטאָנט געוואָרן דער פּרינציפּ פון פרײַוויליי-קײַט פון דער קאָלווירטישער בויאונג און ס'איז אָנגעוויזן גע-וואָרן, אז בײַם באשטימען די טעמפּן און די מעטאָדן פון דער קאָלעקטיוויזאציע מוז מען נעמען אין באטראכט די פארשיידנ-ארטיקייט פון די באדינגונגען אין פארשיידענע ראיאָנען פון פססר. דער חבר סטאלין האָט דערמאָנט, אז דער גרונט-רינג פון דער קאָלווירטישער באוועגונג איז דער לאנדווירטשאפטלע-כער ארטעל... דעם חבר סטאלינס ארטיקל האָט געהאט די גרעסטע פּאָליטישע באדײַטונג. דער דאָזיקער ארטיקל האָט גע-

האָלפן די פארטיי־אָרגאניזאציעס צו פארריכטן זייערע פעלערן און האָט דערלאנגט א גוואלדיקן קלאַפּ די שונאים פון דער סאָוועטן־מאכט, וועלכע האָבן געהאָפט, אז אויפן באָדן פון די איבערבייגן וועט זיך זיי איינגעבן אויפצוהעצן דאָס פויערטום קעגן דער סאָוועטן־מאכט"[1].

דערלאנגט א צעשמעטערנדיקן קלאַפּ די „לינקאטשישע" פארקריפלונגען און גלייכציייטיק צונישט געמאכט די האָפענונגען פון די אינטערווענטן, האָט חבר סטאלין, אלס לערער פון די מיליאָניקע מאסן, דערקלערט די פארטייאישע און אומפארטייאישע קאדרען, אין וואָס עס באשטייט די קונסט פון אָנפירונג.

„די קונסט פון אָנפירונג, — האָט סטאלין געשריבן, — איז אן ערנסטער ענין. מען טאָר ניט אָפּשטיין פון דער באוועגונג, ווייל אָפּשטיין הייסט — אָפּרייסן זיך פון די מאסן. מען טאָר אָבער אויך ניט פארלויפן פאָראויס, ווייל פארלויפן פאָראויס הייסט — פארלירן די פארבינדונג מיט די מאסן. ווער עס וויל אָנפירן מיט דער באוועגונג און גלייכצייטיק איינהיטן די פארבינדונגען מיט די מיליאָניקע מאסן, דער מוז פירן דעם קאמף אויף צוויי פראָנטן — אי קעגן די, וואָס שטייען אָפּ, אי קעגן די, וואָס פארלויפן פאָראויס"[2].

אינעם ארטיקל „אן ענטפער די חברים קאָלווירטניקעס", וואָס איז פארעפנטלעכט געוואָרן גלייך נאָך דעם, דעם 3 אפריל 1930 יאָר, און וואָס איז געווען געווענדט צו די מיליאָנען קאָלווירטניקעס, האָט סטאלין באוויזן, אין וואָס עס באשטייט דער

---

1 „די געשיכטע פון דער אלקפּ(ב)· קורצער קורס", ז· 295·
2 י· סטאלין· פראגן פון לעניניזם, 11-טע אויפלאגע, ז· 304·

מקור פון די פעלערן אין דער פויערים־פראגע און די הויפּט־פעלערן אין דער קאָלווירטישער באוועגונג, און האָט מיט אויסערגעוויינלעכער קראפט דערקלערט דעם תוך פון די געזעצן פון אָנגריף אויפן פראָנט פון קלאסן־קאמף. מען קאָן ניט פירן קיין אָנגריף, אויב מען פארפעסטיקט ניט די דערגרייכטע פּאָזיציעס, — האָט אָנגעוויזן חבר סטאלין, — אויב מען גרופּירט ניט איבער די כוחות, אויב מען זיכערט ניט דעם פראָנט מיט רעזערוון, אויב מען פירט ניט צו די הינטער־טיילן. די אָפּאָרטוניסטן פארשטייען ניט דעם קלאסן־מהות פון אָנגריף: אָן אָנגריף אויף וואָסער קלאס, אין בונד מיט וואָסער קלאס? ניט כלל אָן אָנגריף, — האָט געזאָגט סטאלין, — דארפן מיר האָבן, נאָר אָן אָנגריף אויפן בעלי־גוף אין בונד מיטן מיטל־פויער.

אדאנק דער סטאלינישער אָנפירונג, אין רעזולטאט פונעם פארריכטן די איבערביינגן, איז געשאפן געוואָרן א פעסטע באזע פאר א נייעם מעכטיקן וואוקס פון דער קאָלווירטישער באוועגונג. די פארטיי בראש מיטן חבר סטאלין האָט געלייזט די שווערסטע — זינט ס'איז דערגרייכט געוואָרן די מאכט — אויפגאבע פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע — די אויפגאבע אריבערצופירן די קליין־פויערשע ווירטשאפטן אויף די רעלסן פון סאָציאליזם, די אויפגאבע צו ליקווידירן דאָס בעלי־גופנטום, אלס דעם סאמע צאָלרייכן עקספּלואטאטאָרישן קלאס.

„דאָס איז געווען אן אויסערגעוויינלעך טיפע רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש, א שפּרונג פון דעם אלטן קוואליטאטיוון צושטאנד פון דער געזעלשאפט צו א נייעם קוואליטאטיוון צושטאנד, אן איבערקערעניש, וואָס האָט לויט אירע פאָלגן די זעל־

בע באַדײַטונג, ווי די רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש אין אָקטאָבער 1917 יאָר.

די אײַנגאַרטיקײַט פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע איז באַשטאַנען דעריִן, וואָס זי איז דורכגעפירט געוואָרן **פון אויבן**, לויט דער איניציאַטיוו פון דער מלוכה-מאַכט, בײַ דער דירעקטער שטיצע **פון אונטן** מצד די מיליאָניקע מאַסן פויערים, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער בעלי-גופישער פאַרקנעכטונג, פאַר אַ פרײַ קאָלווירטיש לעבן"[1].

שטיצנדיק זיך אויף לענינס אָנווײַזונגען וועגן דער נייטיקײַט אַריבערצוגיין אין דער ערד-אַרבעט פון די קליין-פויערשע ווירטשאַפטן צו אַ גרויסער, אַרטעלישער, קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, שטיצנדיק זיך אויף לענינס קאָאָפּעראַטיוון פּלאַן, האָט סטאַלין פאַנאַנדערגעאַרבעט און פאַרווירקלעכט פּראַקטיש די **טעאָריע פון דער קאָלעקטיוויזירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט**. דאָס נײַע אין דעם דאָזיקן געביט באַשטייט בײַ סטאַלינען דעריִן, וואָס ער האָט:

1) אַלזײַטיק פאַנאַנדערגעאַרבעט די פראַגע וועגן דער קאָלווירטישער פאָרם פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט אין דאָרף;

2) באַוויזן, אַז דער גרונט- און הויפּט-רינג פון דער קאָלווירטישער בויאונג איז אויפן איצטיקן עטאַפּ דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרטעל, אַלס די סאַמע ריכטיקע און פאַר די פויערים סאַמע פאַרשטענדלעכע פאָרם, וואָס גיט אַ מעגלעכקײַט צונויפפּאָרן די פּערזענלעכע אינטערעסן פון די קאָלווירטניקעס מיט זייערע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן, צופּאַסן די

[1] „די געשיכטע פון דער אַלקפּ(ב)· קורצער קורס", ז· 291—292·

פּערזענלעכע אינטערעסן פון די קאָלווירטניקעס צו די געזעל־שאַפטלעכע אינטערעסן;

3) באַגרינדעט דאָס אַריבערגיין פון דער פּאָליטיק פון באַגרענעצן און אַרויסשטויסן דאָס בעלי־גופנטום צו דער פּאָליטיק פון ליקווידירן דאָס בעלי־גופנטום, אַלס קלאַס, אויפן יסוד פון דער דורכאויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע;

4) אויפגעדעקט די באַדײַטונג פון די מטס, אַלס שטיץ־פּונקטן פון דער סאָציאַליסטישער איבערבויאונג פון דער לאַנדווירטשאַפט און פון גיבן הילף דער לאַנדווירטשאַפט און דעם פּויערטום מצד דער סאָציאַליסטישער מלוכה.

אין פעברואַר 1930 יאָר האָט דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט פון פססר לויט די פילצאָליקע השתדלותן פון אַ ריי אָרגאַניזאַציעס, אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער, פּויערים און רויטאַרמייער באַשטימט צו באַלוינען י. וו. סטאַלינען מיטן צווייטן אָרדען פון דער רויטער פאָן פאַר די קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן אויפן פראָנט פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג.

דער XVI פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר (26 יוני—13 יולי 1930 י.) איז אַרײַן אין דער געשיכטע, אַלס אַ צוזאַמענפאָר פון פאַנאַנדערגעוויקלטן אָנגריף פונעם סאָציאַליזם איבערן גאַנצן פראָנט. אין זײַן פּאָרטראָג האָט סטאַלין אויפגעדעקט דעם תוך פונעם פאַנאַנדערגעוויקלטן אָנגריף פונעם סאָציאַליזם אויף די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן איבערן גאַנצן פראָנט און האָט פעסטגעשטעלט, אַז אונדזער לאַנד איז שוין **אַרײַנגעטראָטן אין פּעריאָד פון סאָציאַליזם.**

רײדנדיק אין זײַן פּאָרטראָג אויפן צוזאַמענפאָר וועגן די דערגרייכונגען אויפן געביט פון אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד

און קאָלעקטיוויזירן די לאַנדווירטשאַפט, האָט סטאַלין גלײַכ-
צײַטיק אָנגעוויזן, וואָס פארא אויפגאַבן עס שטעלט פאר אונדז
דער נײַער אַנטוויקלונגס-פּעריאָד. אויב לויט די טעמפּן פון
דער אַנטוויקלונג האָבן מיר דעריאָגט און איבערגעיאָגט די
פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איז אָבער לויטן
ניוואָ פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע שטייען מיר נאָך
שטאַרק אָפּ פון די פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.
דערפון דרינגט ארויס די אויפגאַבע נאָך מער צו פארשטארקן
די טעמפּן, די אויפגאַבע צו דעריאָגן און איבעריאָגן די קאַפּי-
טאַליסטישע לענדער אויך אינעם ניוואָ פון דער אינדוסטריעלער
פּראָדוקציע. אין זײַן פאָרטראָג האָט דער חבר סטאַלין אָנגעוויזן
די אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי אויפן געביט פון פאַרווירקלעכן
דעם ערשטן פינפיאָר אין פיר יאָר.

די אַרבעטנדיקע פונעם גאַנצן לאַנד זײַנען מיט ענטוזיאַזם
צוגעטראָטן צו לייזן די גיגאַנטישע אויפגאַבן, וואָס דער צו-
זאַמענפאָר האָט געשטעלט. עס האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגע-
וויקלט די סאָציאַליסטישע פאַרמעסטונג און די שלאָגלערײַ. צום
מאָמענט פונעם XVI צוזאַמענפאָר האָט די סאָציאַליסטישע פאַר-
מעסטונג אַרומגענומען ניט ווייניקער פון צוויי מיליאָן אַרבע-
טער, און אין די שלאָגלער-בריגאַדעס איז געווען העכער א מי-
ליאָן אַרבעטער.

„דאָס סאַמע מערקווירדיקע אין דער פאַרמעסטונג, —
האָט חבר סטאַלין געזאָגט אויפן XVI צוזאַמענפאָר, — באַשטייט
דערין, וואָס זי מאַכט א ראַדיקאַלע איבערקערעניש אין דעם
קוק פון די מענטשן אויף אַרבעט, ווײַל זי פאַרוואַנדלט די אַר-
בעט פון א בזיון און שווערער לאַסט, ווי זי האָט זיך גערעכנט

פריער, אין א זאך פון ערע, אין א זאך פון רום, אין א זאך פון העלדנמוט און הערא̇יזם. דאָס איז אזוינס, וואָס איז ניטאָ און קאָן ניט זיַין אין די קאפיטאליסטישע לענדער" [1].

דאָס אויספילן דעם פלאן פונעם ערשטן פינפיאָר האָט געפאָדערט צו רעקאָנסטרו̇ירן אלע צוויַיגן פון דער פאָלקס=ווירטשאפט אויף דער באזע פון א נייַער, מאָדערנער טעכניק. די טעכניק האָט באקומען אן אנטשיידנדיקע באדייַטונג. אין צוזאמענהאנג דערמיט האָט דער פירער פון דער פארטיי אין דער רעדע „וועגן די אויפגאבן פון די ווירטשאפטלער" אויף דער ערשטער אלפארבאנדישער קאָנפערענץ פון די טוער פון דער סאָצי̇אליסטישער אינדוסטריע דעם 4 פעברואר 1931 י. ארומגעשטעלט א נייַעם לאָזונג: „די באָלשעוויקעס דארפן באהערשן די טעכניק", „די טעכניק אינעם פערי̇אָד פון רעקאָנסטרוקציע אנטשיידט אלץ".

אינעם פערי̇אָד פון דער אָנגעשטרענגטער ארבעט פון דער פארטיי איבער דער בויאונג פונעם סאָציאליזם ווערט אלץ גרעסער די באדייַטונג פון דער מארקסיסטיש=לענינישער דערציאונג פון די מיטגלידער און קאנדידאטן פון דער פארטיי, די באדייַטונג פון שטודירן די היסטאָרישע דערפארונג פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי, פונעם קאמף קעגן די פאלסיפיקאטאָרן פון דער פארטיי=געשיכטע.

אין נאָוועמבער 1931 יאָר האָט סטאלין פארעפנטלעכט דעם באוואוסטן בריוו אין דער רעדאקציע פונעם זשורנאל „פראָלעטארסקאיא רעוואָליוצי̇א", וואָס האָט געשפּילט אן אויס-

[1] י. סטאלין. פראגן פון לעניניזם, 10־טע אויפלאגע, ז. 393.

שליסלעכע ראָליע פאר דער וויַיטערדיקער אידייאישער באַ-
העפטונג פון די פארטיי-רייען. דעמאסקירנדיק די טראָצקיס-
טישע פאלסיפיקאטאָרן פון דער געשיכטע פונעם באָלשעוויזם,
האָט סטאלין אין דעם דאָזיקן בריוו באוויזן, אז דער לעניניזם
איז אנטשטאנען, אויסגעוואקסן און קרעפטיק געוואָרן אין
אָנרחמנותדיקן קאמף קעגן דעם אָפּאָרטוניזם פון אלע קאָלירן,
אז די באָלשעוויקעס זיַינען געווען די איינציקע אין דער וועלט
רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציע, וואָס האָט ביזן סוף צעשמעטערט
די אָפּאָרטוניסטן און צענטריסטן און האָט זיי ארויסגעיאָגט
פון דער פארטיי. אין דעם דאָזיקן בריוו האָט סטאלין מיט דער
גאנצער קראפט באוויזן, אז דער טראָצקיזם איז א פאָדערשטער
אָטריאד פון דער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער בורזשואזיע, וועל-
כער פירט א קאמף קעגן דעם קאָמוניזם, קעגן דער סאָוועטן-
מאכט, קעגן דער בויאונג פונעם סאָציאַליזם אין פססר.

צום אָנהייב 1933 יאָר איז דער ערשטער פינפיאָר געווען
אויסגעפילט פארן טערמין. אין יאנואר 1933 יאָר איז
סטאלין ארויסגעטראָטן אויפן פלענום פון צענטראל-קאָמיטעט
און צענטראלער קאָנטראָל-קאָמיסיע מיט א פאָרטראָג — „די
סך-הכלען פונעם ערשטן פינפיאָר". אונדזער לאנד — האָט ער
אָנגעוויזן — איז פון אן אגראר לאנד פארוואנדלט געוואָרן אין
אן אינדוסטריעל לאנד, פון א קליין-פויעריש לאנד — אין א
לאנד פון דער סאמע גרויסער, פאָרגעשריטענער, סאָציאַליסטי-
שער ערד-ארבעט. די עקספּלואטאטאָרישע קלאסן זיַינען ארויס-
געשלאָגן געוואָרן פון זייערע פראָדוציר-פּאָזיציעס. זייערע
רעשטלעך האָבן זיך צעזייט איבערן גאנצן לאנד און גענומען
פירן א קאמף קעגן דער סאָוועטן-מאכט בשתיקה. דעריבער איז

ניטיק געוועזן צו העכערן די וואכזאמקײט, נעמען פירן א קאמף פאר אָפּהיטן דאָס סאָציאליסטישע אייגנטום, וואָס איז דער יסוד פון דער סאָוועטישער אָרדענונג, און מיט אלע מיטלען פארפעסטיקן די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט.

אין דער צווייטער ארויסטרעטונג אויפן פלענום פון צק — „וועגן דער ארבעט אין דאָרף" האָט סטאלין געגעבן א טיפן אנאליז פון די חסרונות אין דער ארבעט פון דער פארטיי אין דאָרף און האָט אָנגעמערקט א גאנצע פראָגראם פון ארבעט צו פארפעסטיקן די קאָלווירטישע אָרדענונג.

פאר דער פארטיי האָט זיך געשטעלט א נײַע אויפגאבע — קעמפן פאר פארפעסטיקן די קאָלווירטן, פאר אָרגאניזירן די ארבעט אין די קאָלווירטן, פאר דעם, אז מען זאָל מאכן די קאָל-ווירטן פאר באָלשעוויסטישע, זיי זאָלן אָפּגערייניקט ווערן פון פײַנטלעכע בעלי-גופישע, שעדיקערישע עלעמענטן. צוליב דעם דאָזיקן צוועק האָט דער חבר סטאלין פאָרגעלייגט צו שאפן פּאָליט-אָפּטיילן אין די מטס און סאָווירטן. די פּאָליט-אָפּטיילן פון די מטס האָבן פאר צוויי יאָר (1933 — 1934) באוויזן דורכ-צופירן א גרויסע ארבעט צו פארפעסטיקן די קאָלווירטן.

אויפן ערשטן אלפארבאנדישן צוזאמענפאָר פון די קאָל-ווירטניקעס שלאָגלער דעם 19 פעברואר 1933 יאָר האָט חבר סטאלין ארויסגעשטעלט און באגרינדעט דעם לאָזונג: מאכן די קאָלווירטן פאר באָלשעוויסטישע, און די קאָלווירטניקעס פאר פארמעגלעכע.

„כדי די קאָלווירטניקעס זאָלן ווערן פארמעגלעכע, — האָט סטאלין געזאָגט, — פאָדערט זיך איצט בלויז איין זאך —

אַרבעטן אין קאָלווירט ערלעך, ריכטיק אויסנוצן די טראַקטאָרן און מאַשינעס, ריכטיק אויסנוצן דאָס אַרבעט־פי, ריכטיק באַארבעטן די ערד, אָפּהיטן דאָס קאָלווירטישע אייגנטום"[1].

סטאַלינס רעדע איז דערגאַנגען צום באַוואוסטזײַן פון די מיליאָנען קאָלווירטניקעס, זי איז געוואָרן די פּראַקטישע קאַמפּאַן־פּראָגראַם פון די קאָלווירטן.

פּאַראַלעל מיטן פאַרשטאַרקן די דערפאַרונג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג, האָט חבר סטאַלין פאַנאַנדערגעאַרבעט די פראַגע וועגן סאָוועטישן האַנדל אַלס די פאָרם פון פאַרטיילן און אויסטוישן די פּראָדוקטן פון דער אַרבעט אין די באַדינגונגען פונעם סאָציאַליזם.

חבר סטאַלין האָט געזאָגט: „סאָוועטישער האַנדל איז אַ האַנדל אָן קאַפּיטאַליסטן — קליינע און גרויסע, אַ האַנדל אָן ספּעקוליאַנטן — קליינע און גרויסע. דאָס איז אַ באַזונדער מין האַנדל, וואָס פון אַזאַ האָט די געשיכטע ביז אַהער ניט געוואוסט און וואָס בלויז מיר, די באָלשעוויקעס, פּראַקטיקירן אים אין די באַדינגונגען פון דער סאָוועטישער אַנטוויקלונג"[2].

„כדי דאָס עקאָנאָמישע לעבן פונעם לאַנד זאָל קאָנען אַ שלאָג טאָן ווי אַ קוואַל, און די אינדוסטריע און די לאַנדווירטשאַפט זאָלן האָבן אַ סטימול פאַרן ווײַטערדיקן וואוקס פון זייער פּראָדוקציע, — האָט חבר סטאַלין ווײַטער געזאָגט, — דאַרף מען האָבן נאָך איין באַדינג, נעמלעך, — אַ פאַנאַנדערגעוויקלטן סחורה־אומזאַץ צווישן שטאָט און דאָרף, צווישן די ראַ־

[1] י. סטאַלין. פראַגן פון לעניניזם, 11־טע אויפלאַגע, ז. 418.
[2] דאָרט, ז. 390.

יאַנען און געגנטן פונעם לאַנד, צווישן די פאַרשיידענע צווייַגן פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט" [1].

חבר סטאַלין האָט שאַרף קריטיקירט די יעניקע, וואָס האָבן ניט־דערשאַצט דעם סאָוועטישן האַנדל אָדער וואָס האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט ביטול. „אין די רייען פון אַ געוויסן טייל קאָמוניסטן, — האָט געזאָגט חבר סטאַלין, — הערשט נאָך אַלץ אַ גאַוהדיקע, ביטלדיקע באַציאונג צום האַנדל בכלל, צום סאָוועטישן האַנדל, בפרט. די דאָזיקע, מישטיינס געזאָגט, קאָמוניסטן באַטראַכטן דעם סאָוועטישן האַנדל, אַלס אַ צווייטראַנגיקן ענין, מיט וועלכן עס לוינט זיך ניט צו פאַרנעמען, און אויף די האַנדלס־טוער קוקן זיי, ווי אויף פאַרפאַלענע מענטשן... אָט די מענטשן פאַרשטייען ניט, אַז דער סאָוועטישער האַנדל איז אונדזערער, אַ לייַבלעכער, אַ באָלשעוויסטישער ענין, און די האַנדלס־טוער, דערונטער אויך די פאַרקויפער, אויב זיי אַרבעטן נאָר ערלעך, — זייַנען דורכפירער פון אונדזערן, פון אַ רעוואָלוציאָנערן, אַ באָלשעוויסטישן ענין" [2].

אָט די אָנווייַזונגען פונעם חבר סטאַלין האָבן געהאַט אַ וויכטיקע באַדייַטונג פאַרן פאַרשטאַרקן דעם סאָוועטישן האַנדל און פאַרן פאַנאַנדערוויקלען אינעם לאַנד דעם סחורה־אומזאַץ.

אין זייַן פאָרטראָג וועגן דער אַרבעט פונעם צק אַלקפּ(ב), וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין לענינגראַד ערב דעם XVII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, האָט דער פלאַמיקער טריבון פון דער רעוואָלוציע און דער ליבלינג פון דער פּאַרטיי ס. מ. קיראָוו אַזוי

[1] י. סטאַלין. פראַגן פון לעניניזם, 11־טע אויפלאַגע, ז. 461.
[2] דאָרט, ז. 462.

כאראקטעריזירט דעם גרויסן אָרגאַניזאַטאָר פון די סאָציאַליס־טישע נצחונות פונעם ארבעטער־קלאס:

„חברים, ווען מיר ריידן וועגן די פארדינסטן פון אונדזער פארטיי, וועגן די דערפאָלגן פון אונדזער פארטיי, קאָן מען נישט ניט זאָגן וועגן דעם גרויסן אָרגאַניזאַטאָר פון די גיגאַנטישע נצחונות, וואָס מיר האָבן. איך רייד וועגן דעם חבר סטאַלין.

איך דארף אייַך זאָגן, אַז דאָס איז ווירקלעך אַ פולשטענ־דיקער, אַ ווירקלעך אַלזייַטיקער נאָכפאָלגער און פאָרזעצער לענינס. ווייל וואָס עס האָט אונדז איבערגעלאָזט דער גרויסער גרינ־דער פון אונדזער פארטיי, וועלכן מיר האָבן אָנגעוואוירן שוין באַלד צען יאָר.

ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן אַזאַ פיגור פון אַ גיגאַנט, ווי סטאַלין איז. די לעצטע יאָרן, זינט מיר ארבעטן אָן לענינען, ווייסן מיר ניט קיין איין קער אין אונדזער ארבעט, קיין איין וויפל־ניט־איז גרויסן אויפטו, לאָזונג, ריכטונג אין אונדזער פאָליטיק, וואָס דער אויטאָר פון דעם זאָל זייַן ניט דער חבר סטאַלין, נאָר עמעצער אַן אַנדערער. די גאַנצע גרונט־ארבעט — דאָס באַדארף וויסן די פארטיי — גייט דורך לויט די אָנווייַזונגען, לויט דער איניציאַטיוו און אונטער דער אָנפירונג פונעם חבר סטאַלין. די גרעסטע פראַגן פון דער צווישנפעלקערלעכער פאָליטיק ווערן געלייזט לויט זייַן אָנווייַ־זונג, און ניט בלויז אָט די גרויסע פראַגן, נאָר אויך, ווי עס וואָלט זיך געדוכט, דריטראַנגיקע און אפילו צענטראַנגיקע פראַגן אינ־

טערעסירן אים, אויב זיי זײַנען נוגע די ארבעטער, די פויערים און אלע ארבעטנדיקע פון אונדזער לאנד.

איך דארף זאָגן, אז דאָס באציט זיך ניט בלויז צו דער בויאונג פונעם סאָציאליזם אינגאנצן גענומען, נאָר אויך צו איינצלנע פראגן פון אונדזער ארבעט. אויב מען זאָל נעמען, צום בײַשפּיל, די פראגן פון אונדזער לאנדשוץ, דארף מען מיט דער גאנצער קראפט באטאָנען, אז די אלע דערפאָלגן אונדזערע, וועגן וועלכע איך האָב גערעדט, האָבן מיר אינגאנצן און דורכאויס צו פארדאנקען סטאלינען.

דער מעכטיקער ווילן, דער קאָלאָסאלער אָרגאניזאטאָרישער טאלאנט פון דעם דאָזיקן מענטשן זיכערט דער פארטיי דאָס רעכטצײַטיקע דורכפירן די גרויסע היסטאָרישע ווענדונגען, וואָס זײַנען פארבונדן מיט דער זיגרײַכער בויאונג פונעם סאָציאליזם.

נעמט דעם חבר סטאלינס לאָזונגען: „מאכן דעם קאָלווירטניק פאר א פארמעגלעכן", „מאכן די קאָלווירטן פאר באָלשעוויסטישע", „באהערשן די טעכניק", חבר סטאלינס זעקס היסטאָרישע באדינגונגען, — אלץ, וואָס עס ריכטעט די בויאונג פונעם סאָציאליזם אויף דער געגעבענער סטאדיע פון אונדזער ארבעט, שטאמט פון דעם דאָזיקן מענטשן, און אלץ, וואָס מיר האָבן דעראָבערט אינעם ערשטן פינפיאָר, איז דערגרייכט געוואָרן אויפן גרונט פון זײַנע אָנווײַזונגען"[1].

אין אָנהייב 1934 יאָר פירט סטאלין אָן מיט דער ארבעט פונעם XVII פארטיי־צוזאמענפאָר, וואָס איז אריין אין דער

---

[1] ס. מ. קירא וו. געוויילטע ארטיקלען און רעדעס פון 1912—1934, אויפלאגע פון 1939 י., ז. 609—610.

געשיכטע אלס צוזאמענפאָר פון זיגער. אין זײַן באריכט־פאַרטראַג אויפן צוזאמענפאָר װעגן דער ארבעט פונעם צק אלקפּ(ב) האָט חבר סטאלין אונטערגעצויגן דעם סך־הכל פון די היסטאָרישע נצחונות פון דער פארטיי, פון די נצחונות פונעם סאָציאליזם אין פססר.

עס האָט געזיגט די פּאָליטיק פון אינדוסטריאליזירן דאָס לאנד, די פּאָליטיק פון דורכאויסיקן קאָלעקטיװיזירן די לאנד־װירטשאפט, פון ליקװידירן דאָס בעלי־גופנטום, אלס קלאס. עס האָט געזיגט די לערע װעגן דער מעגלעכקײַט אויסצובויען דעם סאָציאליזם אין איין לאנד. די סאָציאליסטישע סיסטעם איז געװאָרן די אומבאגרענעצט הערשנדיקע קראפט אין דער גאנצער פאָלקס־װירטשאפט, אלע איבעריקע װירטשאפט־סיסטעמען זײַנען געגאנגען צו גרונט. די קאָלװירטן האָבן געזיגט ענדגילטיק און אויף שטענדיק.

סטאלין האָט אָבער געװאָרנט, אז דער קאמף איז נאָך װײַט ניט פארענדיקט. הגם די שונאים זײַנען צעקלאפט, לעבן נאָך אָבער די רעשטלעך פון זייער אידעאָלאָגיע און זיי לאָזן זיך גאנץ אָפט פילן. עס איז געבליבן די קאפּיטאליסטישע ארומ־רינגלונג. זי באלעבט און נוצט אויס די רעשטלעך פונעם קאפּי־טאליזם אינעם באװאוסטזײַן פון די מענטשן.

חבר סטאלין האָט אָנגעװיזן, אז די רעשטלעך פונעם קאפּי־טאליזם אינעם באװאוסטזײַן פון די מענטשן זײַנען א סך מער לעבהאפט אויפן געביט פון דער נאציאָנאלער פראגע, איידער אויף א װאָסער־ניט־איז אנדערן געביט. ענטפערנדיק אויף דער פראגע, װעלכער אָפּנייג עס איז די הויפּט־געפאר, — דער

אָפּנייג צום גרויס-רוסישן נאַציאָנאַליזם אָדער דער אָפּנייג צום אָרטיקן נאַציאָנאַליזם, — האָט חבר סטאַלין געזאָגט, אז ביי די איצטיקע באַדינגונגען „איז די הויפּט-געפאר דער אָפּנייג, קעגן וועלכן מען האָט אויפגעהערט צו קעמפן און וועלכן מען האָט אַזוי-אַרום געלאָזט פאַנאַנדערוואַקסן זיך ביז צו א מלוכה-געפאר" [1].

מען דאַרף פירן א סיסטעמאטישע אַרבעט אויף בייצוקומען די רעשטלעך פונעם קאַפּיטאַליזם אינעם באַוואוסטזיין פון די מענטשן; מען דאַרף סיסטעמאטיש קריטיקירן די אידעאָלאָגיע פון אַלע שטרעמונגען, וואָס זיינען פייַנטלעך צום לעניניזם; עס איז נייטיק אומדערמידלעך צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם לעניניזם, העכערן דעם אידעאָלאָגישן ניוואָ פון די פּאַרטיי-מיטגלידער, דערציִען אין אינטערנאַציאָנאַלן גייסט די אַרבעטנדיקע. סטאַלין האָט מיט א באַזונדערער קראַפט באַטאָנט די נייטיקייט צו העכערן די וואַכזאַמקייט פון דער פּאַרטיי:

„ניט פאַרוויגן דאַרף מען די פּאַרטיי, — נאָר אַנטוויקלען אין איר די וואַכזאַמקייט, ניט איינשלעפערן זי, — נאָר האַלטן אין א צושטאַנד פון קאַמפּס-גרייטקייט, ניט אַנטוואָפענען, — נאָר באַוואָפענען, ניט דעמאָביליזירן, — נאָר האַלטן זי אין א צושטאַנד פון מאָביליזירטקייט צום פאַרווירקלעכן דעם צווייטן פינפיאָר" [2].

אין זיין פאָרטראָג האָט סטאַלין געגעבן א קאָנקרעטע פּראָגראַם פון דער ווייטערדיקער אַרבעט פון דער פּאַרטיי אויפן געביט פון דער אינדוסטריע, פון דער לאַנדווירטשאַפט, פונעם

[1] י. סטאַלין, פראגן פון לענינּיזם, 11-טע אויפלאַגע, ז. 474.
[2] דאָרט, ז. 484.

האנדל, פונעם טראנספּאָרט, א פּראָגראם פון אָרגאניזאציאָנעלער ארבעט (קאדרען, קאָנטראָל פון דער אויספילונג); דאָ איז געשטעלט געוואָרן די אויפגאבע — „אויפצוהייבן די אָרגאניזאציאָנעלע אָנפירונג ביז צום ניוואָ פון דער פּאָליטישער אָנפירונג“. אין סטאלינס פּאָרטראָג איז געגעבן געוואָרן א פּראָגראם פון ארבעט אויפן געביט פון קולטור, פון וויסנשאפט, פון פאָלקס-בילדונג, פון אידעאָלאָגישן קאמף.

ריידנדיק אין זײַן פּאָרטראָג וועגן דער אויסערן-פּאָליטיק פון פּסטר, האָט חבר סטאלין געזאָגט, אז אין דער קאפּיטאליסטישער וועלט בושעוועט אן עקאָנאָמישער קריזיס, און אין א גאנצער ריי לענדער גייט א פיבערהאפטיקע צוגרייטונג צו מלחמה, באזונדערס אין דײַטשלאנד, אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס צו דער מאכט זײַנען געקומען די פאשיסטן. צווישן די עקאָנאָמישע דערשיטערונגען און מיליטער-פּאָליטישע קאטאסטראָפעס בלײַבט שטיין דער סאָוועטן-פארבאנד זיכער און מויערפעסט אויף זײַנע שלום-פּאָזיציעס, קעמפנדיק קעגן דער מלחמה-געפאר און דורכפירנדיק קאָנסעקווענט די פּאָליטיק פון שלום.

„אונדזער אויסערן-פּאָליטיק איז א קלאָרע, — האָט געזאָגט חבר סטאלין. — דאָס איז א פּאָליטיק פון אײַנהיטן דעם שלום און פארשטארקן די האנדלס-באציאונגען מיט אלע לענדער. פּסטר האָט ניט בדעה וועמען-ניט-איז צו באדראָען און — אודאי ניט — אויף וועמען-ניט-איז אָנצופאלן. מיר זײַנען פאר שלום און פארטיידיקן די זאך פון שלום. מיר האָבן אָבער קיין מורא ניט פאר דראָונגען און זײַנען גרייט אָפּצוענטפערן מיט א קלאפּ אויפן קלאפּ פון די מלחמה-אונטערצינדער... די אָבער,

— וואָס וועלן א פּרואוו טאָן אָנצופאַלן אויף אונדזער לאַנד, וועלן קריגן א צעשמעטערנדיקן ווידערשטאַנד אַזוי, אַז בײַ זיי זאָל אויף ווײַטער אָפּפאַלן דער חשק צו שטעקן זייער חזירשן שנוק אין אונדזער סאָוועטישן גאָרטן"[1].

דער XVII צוזאַמענפאָר האָט לויט ס. מ. קיראָווס פאָרשלאָג אָנגענומען דעם חבר סטאַלינס פאָרטראָג, אַלס א באַשלוס פונעם צוזאַמענפאָר, אַלס א פּאַרטיי-געזעץ, אַלס אַן אַרבעטס-פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי אויפן נאָענטסטן פּעריאָד. אויפן צוזאַמענפאָר איז אויך באַשטעטיקט געוואָרן דער צווייטער פינפיאָר-פּלאַן פון דער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט.

★

[1] י. סטאַלין. פראגן פון לעניניזם, 11־טע אויפלאגע, ז. 438.

X

אין רעזולטאט פון די דערפאָלגן פון דער גענעראַלער פּאַרטיי־ליניע האָבן די אינדוסטריע און די לאַנדווירטשאַפט אין לאַנד געהאַלטן אין איין וואַקסן. דער צווייטער סטאַלינישער פינפיאָר איז אויפן געביט פון דער אינדוסטריע אויסגעפילט געוואָרן צו אַפּריל 1937 י., פאַרן טערמין — אין פיר יאָר מיט דריי חדשים. דאָס פאַרענדיקן די רעקאָנסטרוקציע פון דער אינדוסטריע און פון דער לאַנדווירטשאַפט האָט געבראַכט דערצו, אַז אונדזער פאָלקס־ווירטשאַפט איז באַזאָרגט געוואָרן מיט דער סאַמע פאָרגעשריטענער טעכניק אין דער וועלט. אונדזער אינדוסטריע האָט באַקומען אַ קאָלאָסאַלע צאָל מאַשינעס, ווערקשטעלן און אַנדערע מינים פּראָדוציר־געציַיג. אונדזער לאַנדווירטשאַפט האָט באַקומען ערשטקלאַסיקע סאָוועטישע טראַקטאָרן, קאָמבייַנען און אַנדערע קאָמפּליצירטע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס. דער טראַנספּאָרט האָט באַקומען ערשט־

קלאסיקע אויטאָמאָבילן, לאָקאָמאָטיוון, דאמף־שיפן, עראָפּלא־
נען. די רויטע ארמיי האָט באקומען א נײַע, אויסגעצייכנטע
טעכנישע אויסשטאטונג — ארטילעריע, טאנקען, עראָפּלאנען,
שיפן פארן קריגס־פלאָט.

אָט די גאנצע גיגאנטישע ארבעט פון איבערבאוואָפּענען
טעכניש אונדזער פאָלקס־ווירטשאפט גייט דורך אונטער דער
דירעקטער אָנפירונג פונעם חבר סטאלין. נײַע מארקעס מאשי־
נעם, גרויסע טעכנישע נײַסן אָדער דערפינדונגען זײַנען איינ־
געגלידערט געוואָרן און ווערן אײַנגעגלידערט אין דער פראק־
טיק לויט די דירעקטע אָנווײַזונגען פונעם חבר סטאלין. ער
דרינגט פערזענלעך ארײַן אין אלע דעטאלן פון דער ארבעט
אויפן געביט פון טעכנישן רעקאָנסטרוירן די אינדוסטריע און
די לאנדווירטשאפט, ער באגײַסטערט און באפליגלט די אר־
בעטער און אינזשעניערן, די אָנפירער פון די אונטערנעמונגען
און פון די הויפּט־פארוואלטונגען, די דערפינדער און די קאָנסט־
רוקטאָרן. א באזונדערס גרויסע און ליבעפולע אויפמערקזאמ־
קײַט שענקט ער דער טעכנישער אויסשטאטונג פון אונדזער
רויטער ארמיי, אוויאציע און קריגס־פלאָט. אין רעזולטאט
דערפון איז די רויטע ארמיי געוואָרן א גרויזאמע קראפט פאר
די שונאים פונעם סאָציאליזם.

איינע פון די וויכטיקסטע פראגן פון דער סאָציאליסטישער
בויאונג, מיט וועלכע דער פארטיי איז אויסגעקומען צו בא־
שעפטיקן זיך, איז געווען די פראגע וועגן דעם, אז די סאָוועט־
טישע געזעלשאפט זאָל דערציען אייגענע קאדרען, אז דאָס סאָ־
וועטישע פאָלק און פריער פאר אלץ דער ארבעטער־קלאס זאָל
שאפן זײַן אייגענע אינטעליגענץ. ארויסגייענדיק פון לעבנס

אָנווײַזונגען, אז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע איז דער גרונט־באדינג פאר א מעכטיקן אויפשטײַג פון דער קולטור פון די פאָלקס־מאסן, האָט דער חבר סטאלין געהאלטן, אז די פראגע וועגן די קולטור־קרעפטן פונעם ארבעטער־קלאס איז איינע פון די אנטשיידנדיקע פראגן פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג. דער חבר סטאלין האָט געזאָגט:

„צווישן אלע הערשנדיקע קלאסן, וואָס זײַנען געווען ביז אהער, פארנעמט אין דער געשיכטע דער ארבעטער־קלאס, אלס הערשנדיקער קלאס, אַן עטוואָס באזונדערע און ניט גאָר גינ־סטיקע לאגע. אלע קלאסן, וואָס האָבן ביז אהער געהערשט, — די שקלאפן־באזיצער, די גוטבאזיצער, די קאפיטאליסטן — זײַ־נען אין דער זעלבער צײַט געווען רײַכע קלאסן. זיי האָבן געהאט די מעגלעכקײַט צו געבן זייערע זין קענטעניש און דערפארונג, וואָס זײַנען נייטיק פאר אָנפירונג. דער ארבעטער־קלאס שיידט זיך אונטער פון די דאָזיקע קלאסן, צווישן אנדערס, דערמיט, וואָס ער איז ניט קיין רײַכער קלאס, ער האָט פריער ניט גע־האט די מעגלעכקײַט צו געבן זײַנע זין קענטעניש און דערפא־רונג פון אָנפירונג, אזא מעגלעכקײַט האָט ער געקראָגן ערשט איצט, נאָכן קומען צו דער מאכט. אָט דערין, אגב, באשטייט טאקע די שארפקײַט פון דער פראגע וועגן דער קולטור־רעוואָ־לוציע בײַ אונדז“ [1].

די פראגע וועגן אייגענע קאדרען פון די ארבעטנדיקע האָט בײַ אונדז געקראָגן א באזונדערע באדײַטונג דעמלט, ווען אונ־

[1] י. סטאלין, וועגן דער ארבעט פונעם אפרילער פאראייניקטן פלע־נום פון צק און צקק. פאָרטראָג אויף דער פארזאמלונג פונעם אקטיוו פון דער מאָסקווער אָרגאניזאציע פון דער אלקפ(ב) דעם 13 אפריל 1928 י. אויפלאגע פון 1928 י., ז. 15.

דזער לאנד איז שוין געווען בשפע אָנגעזעטיקט מיט נײַער טעכ־
ניק און ווען ס'איז אויפגעקומען א גרויסע באדערפעניש אין
מענטשן, וואָס האָבן באהערשט די טעכניק און זײַנען אימשטאנד
אין דער פולער מאָס זי אויסצונוצן לטובת אונדזער היימלאנד.

די נײַע, מעכטיקע טעכניק האָט געפאָדערט מענטשן, וואָס
זאָלן קאָנען פולקום אויסנוצן די דאָזיקע טעכניק, ארויסצוקריגן
פון איר אלץ, וואָס זי קאָן נאָר געבן. ס'איז נייטיק געווען שארף
א ווענד טאָן די אויפמערקזאמקײַט פון אונדזערע קאדרען צום
באהערשן די נײַע טעכניק, צום פארשטארקן מיט אלע מיטלען
די ארבעט פון אויסכאָוועון א גרויסע צאָל קאדרען, וואָס זאָלן
אימשטאנד זײַן ארויסצוקריגן פון דער דאָזיקער טעכניק דעם
מאקסימום עפעקט. אין דער דאָזיקער הינזיכט האָט אן אויס־
שליסלעך גרויסע באדײַטונג געהאט חבר סטאלינס ארויסטרע־
טונג אויפן ארויסלאָז פון די אקאדעמיקער פון דער רויטער
ארמיי אין מײַ 1935 יאָר.

„כדי צו ברענגען די טעכניק אין באוועגונג, — האָט געזאָגט
דער חבר סטאלין, — און אויסנוצן זי ביזן גרונט, זײַנען נייטיק
מענטשן, וואָס האָבן באהערשט די טעכניק, זײַנען נייטיק קאד־
רען, וואָס זײַנען אימשטאנד צו באהערשן און מײַסטערהאפט
אויסצונוצן די דאָזיקע טעכניק. טעכניק אָן מענטשן, וואָס
האָבן באהערשט די טעכניק, — איז טויט. טעכניק בראש מיט
מענטשן, וואָס האָבן באהערשט די טעכניק, קאָן און דארף בא־
ווײַזן וואונדער. ווען מיר וואָלטן אין אונדזערע ערשטקלאסיקע
זאוואָדן און פאבריקן, אין אונדזערע סאָווירטן און קאָלווירטן,
אויף אונדזער טראנספּאָרט, אין אונדזער רויטער ארמיי געהאט
א גענוגע צאָל קאדרען, וואָס זײַנען אימשטאנד פולקום אויסנוצן

די דאָזיקע טעכניק, וואָלט דאָס לאנד אונדזערס באקומען אין דרײַ און אין פיר מאָל א גרעסערן עפעקט, איידער עס האָט איצט... מען דארף, סוף-כל-סוף, פארשטיין, אז פון אלע ווערט-פולע קאפיטאלן, וואָס זײַנען פאראן אין דער וועלט, זײַנען די מענטשן, די קאדרען — דער סאמע ווערטפולער און סאמע אנט-שיידנדיקער קאפיטאל. מען דארף פארשטיין, אז בײַ אונדזערע איצטיקע באדינגונגען „אנטשיידן די קאדרען אלץ“. וועלן מיר האָבן גוטע און צאָלרײַכע קאדרען אין דער אינדוסטריע, אין דער לאנדווירטשאפט, אויפן טראנספּאָרט, אין דער ארמיי — וועט אונדזער לאנד זײַן אומבאזיגבאר. וועלן מיר אזוינע קאדרען ניט האָבן, — וועלן מיר הינקען אויף ביידע פיס“

חבר סטאלינס ארויסטרעטונג האָט געדינט אלס מעכטיקער שטויס צום לייזן איינע פון די וויכטיקסטע פראגן פון דער סאָ-ציאליסטישער בויאונג — די קאדרען-פּראָבלעם. די קראפט פון דער דאָזיקער אָנווײַזונג פונעם פירער פון דער פארטיי איז באַ-שטאנען ניט נאָר דערין, וואָס זי האָט א ווענד געטאָן די אויפ-מערקזאמקײַט פון אלע פארטייאישע און סאָוועטישע אָרגאני-זאציעס צו דער קאדרען-פּראָבלעם. די קראפט אירע איז באַ-שטאנען אויך דערין, וואָס זי האָט געקראָגן א ברייטן און מאַ-סעוון אָפּקלאנג פון אונטן, וואָס זי האָט ארויסגערופן א נײַעם ארבעטס-שוואונג.

לויט דער איניציאטיוו פון די פאָרגעשריטענע ארבעטער האָט זיך פון אונטן אויפגעהויבן מיט א מעכטיקער קראפט די סטאכאנאָווישע באוועגונג. אָנגעהויבן האָט זיך די דאָזיקע

---

1 י. סטאלין, פראגן פון לעניניזם, 11-טע אויפלאגע, ז. 490, 491.

באוועגונג אין דאָנבאס, אין דער קוילן־אינדוסטריע, און זי האָט אומגעהייער שנעל ארומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד, אַלע צווייַגן פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט. צענדליקער און הונדערטער טויזנטער מערקווירדיקע ארבעטס־העלדן האָבן באַוויזן מוסטערן פון באַהערשן די טעכניק און פון סאָציאַליסטישער ארבעטס־פּראָדוקטיווקייַט אין דער אינדוסטריע, אויפן טראַנספּאָרט, אין דער לאַנדווירטשאַפט.

חבר סטאַלין האָט באַלויכטן פאַר דער פּאַרטיי און פאַרן גאַנצן לאַנד די גרויסע היסטאָרישע באַדייַטונג פון אָט דער נייַער באַוועגונג. ארויסטרעטנדיק אין נאָוועמבער 1935 י. אויף דער ערשטער אַלפאַרבאַנדישער באַראַטונג פון די סטאַכאַנאָווצעס, האָט סטאַלין געזאָגט, אַז די סטאַכאַנאָווישע באַוועגונג „דריקט אויס אַ נייַעם אויפשטייַג פון דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג, אַ נייַעם, אַ העכערן עטאַפּ פון דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג... די באַדייַטונג פון דער סטאַכאַנאָווישער באַוועגונג באַשטייט דערין, וואָס זי איז אַזאַ באַוועגונג, וועלכע ברעכט די אַלטע טעכנישע נאָרמעס, אַלס קנאַפּע, זי שטייַגט אין אַ גאַנצער ריי פאַלן איבער די ארבעטס־פּראָדוקטיווקייַט פון די פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער און גיט, אַזוי־ארום, אַ פּראַקטישע מעגלעכקייַט צו פאַרפעסטיקן ווייַטער דעם סאָציאַליזם ביַי אונדז אין לאַנד, די מעגלעכקייַט צו פאַרוואַנדלען אונדזער לאַנד אין דעם סאַמע פאַרמעגלעכן לאַנד“ [1].

חבר סטאַלין האָט באַוויזן, אַז די סטאַכאַנאָווישע באַוועגונג לייגט דורך דעם וועג צום קאָמוניזם, אַז זי אַנטהאַלט אין זיך

---

[1] י. סטאַלין. פראַגן פון לעניניזם, 11־טע אויפלאַגע, ז. 493, 494—495.

דאָס קערנדל פון אזא קולטור־טעכנישן אויפשטייג פונעם ארבע־טער־קלאס, וואָס פירט צו דער ליקווידירונג פון דער קעגנזעצ־לעכקייט צווישן אינטעלעקטועלער און פיזישער ארבעט.

ריידנדיק וועגן די פאַר־הנחות פון דער סטאכאנאָווישער באוועגונג, האָט חבר סטאלין באוויזן, אין וואָס עס באשטייט די גרויסע קראפט און די אומבאזיגבארקייט פון אונדזער רע־וואָלוציע:

„אונדזער רעוואָלוציע איז די איינציקע, וואָס האָט ניט בלויז צעבראָכן די קייטן פונעם קאפיטאליזם און געגעבן דעם פאָלק פרייהייט, נאָר זי האָט נאָך אויך באוויזן צו געבן דעם פאָלק מאטעריעלע באדינגונגען פאר א פארמעגלעך לעבן. דערין באשטייט די קראפט און די אומבאזיגבארקייט פון אונדזער רעוואָלוציע" [1].

סטאלין האָט דירעקט אָנגעפירט מיט דער ארבעט פון דער אלפארבאנדישער בארַאטונג פון די סטאכאנאָווצעס און פון די אנדערע באראטונגען פון די פאָרגעשריטענע מענטשן פון דער אינדוסטריע, פונעם טראנספּאָרט און פון דער לאנדווירטשאפט, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין קרעמל. צוזאמען מיט די סטאכא־נאָווצעס פון דער אינדוסטריע און פונעם טראנספּאָרט, מיט די קאָמביינערס, מיט די טראקטאָריסטן, מיט די מעלקערנס, מיט די העלדנס פון די בורעקעס־פעלדער האָט ער דעטאל באהאנדלט די פראגן פון טעכניק און פראָדוקציע אין אלע צווייגן פון דער פאָלקס־ווירטשאפט.

אין קרעמל האָט סטאלין צוזאמען מיט די מיטגלידער פון צק און פון דער רעגירונג אויפגענומען א סך דעלעגאציעס פון

[1] י. סטאלין. פראגן פון לעניניזם, 11-טע אויפלאגע, ז. 499.

די ברידערלעכע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן. דאָס איז געווען אַ בולטע דעמאָנסטראַציע פון דער גרויסער פריינטשאַפט צווישן די פעלקער פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַ פריינטשאַפט, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אויף דער באַזע פונעם פאַרווירקלעכן די לעניניש־סטאַלינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. צוזאַמען מיט די פאָרגעשריטענע אַרבעטער און קאָלווירטניקעס האָבן חבר סטאַלין און זיינע מיטקעמפער אויסגעאַרבעט די וויכטיקסטע באַשלוסן איבער די באַדייטנדיקסטע פראַגן פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג.

„לענין האָט געלערנט, אַז אמתע אָנפירער באָלשעוויקעס קאָנען זיין נאָר אַזוינע אָנפירער, וואָס קענען ניט נאָר לערנען די אַרבעטער און פּויערים, נאָר אויך זיך לערנען ביי זיי“, — אַזוי האָט דער חבר סטאַלין געזאָגט אין זיין אַרויסטרעטונג אויף דער באַראַטונג פון די סטאַכאַנאָווצעס. ער אַליין האָט געגעבן דעם בעסטן מוסטער פון אַזאַ מין פאַרבינדונג מיט די מאַסן, אָנגעהויבן גלייך פון די ערשטע שריט פון זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

די סאָציאַליסטישע רעקאָנסטרוקציע פון דער גאַנצער פאָלקס־ווירטשאַפט האָט אַרויסגערופן אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין די קלאַסן־פאַרהעלטענישן אינעם לאַנד. דאָס האָט געפאָדערט אַריינצוטראָגן ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן נאָך אין 1924 יאָר. לויט חבר סטאַלינס איניציאַטיוו האָט דער צק פון דער פּאַרטיי אַריינגעטראָגן אויפן VII סאָוועטן־צוזאַמענפאָר פון ססר אַ פאָרשלאָג צו ענדערן די קאָנסטיטוציע.

אַ ספּעציעלע קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע אונטערן פאָרזיץ פונעם

י. וו. סטאַלין צווישן קינדער אויפֿן טושינער אַעראָדראָם. 1936 י.

פֿאָטאָ

חבר סטאלין האָט אויסגעארבעט א פּראָיעקט פון א נייַער קאָנ־סטיטוציע. דער פּראָיעקט איז געשטעלט געוואָרן אויף באַ־האנדלונג פונעם גאנצן פאָלק; די באהאנדלונג האָט געדויערט פינף מיט א האלבן חדשים. עס איז ניט געווען קיין איין ווינ־קעלע ביַי אונדז אין לאנד, וואו די ארבעטנדיקע זאָלן ניט האָבן שטודירט און באהאנדלט אָט דעם גרעסטן דאָקומענט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייַט. דאָס גאנצע סאָוועטישע פאָלק האָט מיט קאָלאָסאַלער פרייד און שטאָלץ באגריסט און באוויליקט דעם פּראָיעקט פון דער קאָנסטיטוציע.

אין זיַין פאָרטראָג אויפן אויסעראָרדנטלעכן VIII אלפאר־באנדישן סאָוועטן־צוזאמענפאָר וועגן דעם פּראָיעקט פון דער נייַער קאָנסטיטוציע דעם 25 נאָוועמבער 1936 יאָר האָט חבר סטאלין געגעבן א טיפע באגרינדונג פון דעם דאָזיקן קאָנסטיטו־ציע־פּראָיעקט און האָט אויפגעדעקט די קאָלאָסאלע ענדערונ־גען, וואָס זיַינען פאָרגעקומען ביַי אונדז אין לאנד, פון זינט ס'איז אָנגענומען געוואָרן די קאָנסטיטוציע פונעם 1924 יאָר. דער זיג פונעם סאָציאליזם האָט געגעבן א מעגלעכקייט אריבער־צוגיין צו דער וויַיטערדיקער דעמאָקראטיזירונג פון דער וואל־סיסטעם, איַינצופירן אלגעמיינע, גלייַכע און דירעקטע וואל־רעכט ביַי געהיימער אָפּשטימונג.

אלע גראנדיעזע נצחונות פונעם סאָציאליזם זיַינען פארפיק־סירט אין דער קאָנסטיטוציע פון פססר. לויט דער קאָנסטיטוציע באשטייט די סאָוועטישע געזעלשאפט פון צוויי צווישן זיך פריַינטלעכע קלאסן — פון ארבעטער און פויערים. דעם פּאָלי־טישן יסוד פון פססר בילדן די סאָוועטן פון דעפּוטאטן פון די ארבעטנדיקע. דער עקאָנאָמישער יסוד פון פססר איז דאָס סאָ־

ציאַליסטישע אייגנטום אויף די פּראָדוציר-מיטלען. אַלע ביר-גער פון פססר ווערט געזיכערט דאָס רעכט אויף אַרבעט, אויף אָפּרו, אויף בילדונג, אויף מאַטעריעלער פאַרזאָרגונג אויף דער עלטער, אין פאַל פון קראַנקייט און פון פאַרלירן די אַרבעטס-פעיִקייט. די גלייכבארעכטיקונג פון די בירגער, אומאָפּהענגיק פון זייער נאַציאָנאַליטעט, ראַסע און געשלעכט איז א געזעץ, וואָס קאָן ניט געענדערט ווערן. מיטן צוועק צו פאַרפעסטיקן די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט גאַראַנטירט די קאָנסטיטוציע די פרייהייט פון וואָרט, פון פּרעסע, פון פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, דאָס רעכט צו פאַראייניקן זיך אין געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, די אומבארירלעכקייט פון פּערזאָן, די אומבא-רירלעכקייט פון דער וואוינונג און די געהיימקייט פון קאָרעס-פּאָנדענץ, דאָס אזיל-רעכט פאַר אויסלענדישע בירגער, וואָס ווערן פאַרפאָלגט פאַר פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אַרבע-טנדיקע, אָדער פאַר וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט, אָדער פאַר נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס-קאַמף. אָט די אין דער געשיכטע ניט געזעענע גרויסע רעכט און פרייהייטן פון די אַרבעטנדיקע זיי-נען מאַטעריעל און עקאָנאָמיש געזיכערט דורך דער גאַנצער סיסטעם פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, וואָס ווייסט ניט פון קיין קריזיסן, פון קיין אַנאַרכיע, פון קיין אַרבעטסלאָזיקייט.

גלייכצייטיק לייגט אַרויף די קאָנסטיטוציע פון פססר אויף אַלע בירגער ערנסטע פליכטן: אויספילן די געזעצן, אָפּהיטן די אַרבעטס-דיסציפּלין, ערלעך באַציען זיך צום געזעלשאַפטלעכן חוב, אַכטן די כללים פון סאָציאַליסטישן צוזאַמענלעבן, אָפּהיטן און פאַרפעסטיקן דאָס סאָציאַליסטישע אייגנטום, פאַרטיידיקן דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד.

דאָס, וועגן וואָס די בעסטע, די פאָרגעשריטנסטע דענקער פון דער מענטשהייט האָבן געטרוימט הונדערטער יאָרן, האָט די קאָנסטיטוציע פון פססר, די קאָנסטיטוציע פונעם זיגרייכן סאָציאַליזם און פון פאַנאַנדערגעוויקלטער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע — געמאַכט פאַר אַ געזעץ, וואָס קאָן ניט געענדערט ווערן.

די דאָזיקע קאָנסטיטוציע האָט דער VIII סאָוועטן־צוזאַמענפאָר דעם 5 דעצעמבער 1936 יאָר באַוויליקט און באַשטעטיקט. די פעלקער פון פססר האָבן די נייַע קאָנסטיטוציע פון פססר איינמוטיק אָנגערופן לכבוד איר שעפער — סטאַלינישע קאָנסטיטוציע. פאַר די אַרבעטנדיקע פון פססר איז זי אַ סך־הכל פון קאַמף און נצחונות, פאַר די אַרבעטנדיקע פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז זי אַ גרויסע קאַמפּס־פּראָגראַם. די קאָנסטיטוציע האָט פאַרפיקסירט דעם וועלט־היסטאָרישן פאַקט, אַז פססר איז אַריינגעטראָטן אין אַ נייַעם אַנטוויקלונגס־פּעריאָד, אין דעם פּעריאָד פון פאַרענדיקן די בויאונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און פון אַריבערגיין בהדרגה צום קאָמוניזם. זי באַוואָפנט די אַרבעטנדיקע פון דער גאַנצער וועלט מאָראַליש און פּאָליטיש צום קאַמף קעגן דער בורזשואַזער רעאַקציע. זי באַווייזט, אַז דאָס, וואָס עס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין פססר, קאָן פאַרווירקלעכט ווערן אויך אין אַנדערע לענדער.

כאַראַקטעריזירנדיק די צוויישנפעלקערלעכע באַדייַטונג פון דער קאָנסטיטוציע פון פססר, האָט סטאַלין געזאָגט:

„אַצינד, ווען די מוטנע כוואַליע פונעם פאַשיזם באַשפּייַט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פונעם אַרבעטער־קלאַס און מאַכט מיט דער בלאָטע גלייַך די דעמאָקראַטישע שטרעבונגען פון די

בעסטע מענטשן פון דער ציוויליזירטער וועלט, וועט די נײַע קאָנסטיטוציע פון פסםר זײַן א באשולדיקונגס־אקט קעגן פא־שיזם, א באשולדיקונגס־אקט, וואָס רעדט וועגן דעם, אז סאָציאַליזם און דעמאָקראטיע זײַנען אומבאזיגבאר. די נײַע קאָנ־סטיטוציע פון פסםר וועט זײַן א מאָראלישע הילף און א רעאלע אונטערשטיצונג פאר די אלע, וואָס פירן איצט א קאמף קעגן דער פאשיסטישער בארבארײַ" [1].

די נצחונות פונעם סאָציאַליזם, וואָס די פארטיי האָט אָפּ־געהאלטן, האָבן נאָך מער ארויסגעבראכט פון די כלים די שונאים פון פאָלק. אין 1937 יאָר זײַנען אויפגעדעקט געוואָרן נײַע פאקטן וועגן די אויסוואורפן פון דער בוכארעניש־טראָצ־קיסטישער באנדע שפּיאָנען, שעדיקער, מערדער, וואָס האָבן געדינט בײַ די אויסשפּיר־אָרגאנען פון די קאפּיטאליסטישע מלוכות. די פּראָצעסן האָבן באוויזן, אז אָט די אויסוואורפן פון מענטשלעכן מין האָבן שוין גלײַך פון די ערשטע טעג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אָרגאניזירט א פארשווערונג קעגן לענינען, וועמען זיי האָבן געהאט בדעה צו ארעסטירן, א פאר־שווערונג קעגן דער פארטיי, קעגן דער סאָוועטישער מלוכה. אויספילנדיק דעם ווילן פון זייערע אימפּעריאַליסטישע בעלי־בתים, האָבן זיי פאר זיך געשטעלט א ציל פארניכטן די פארטיי און די סאָוועטישע מלוכה, אונטערררײַסן די לאנדשוץ, פאר־לײַכטערן אן אויסלענדישע אינטערווענציע, צוגרייטן א מפּלה פון דער רויטער ארמיי, צעגלידערן פסםר, פארוואנדלען אים אין א קאָלאָניע פונעם אימפּעריאַליזם, צוריק אויפשטעלן אין

[1] י. סטאלין, פראגן פון לענינאיזם, 11־טע אויפלאגע, ז. 533—534.

פסטר די קאַפּיטאַליסטישע קנעכטשאַפט. די פּאַרטיי און די סאָוועטן־מאַכט האָבן צעשמעטערט די שלאַנגען־היילן פון די שונאים פון פאָלק. אין זײַן פאַרטראַג אויפן פלענום פון צק אין מערץ 1937 י. „וועגן די חסרונות פון דער פּאַרטיי־אַרבעט“ האָט סטאַלין געגעבן אַ דיטאַלעכע פּראָגראַם פון פּאַרפעסטיקן די פּאַרטייאישע און סאָוועטישע אָרגאַנען, אַ פּראָגראַם פון מאַס־מיטלען צו העכערן די פּאָליטישע וואַכזאַמקייט, און האָט אַרויס־געשטעלט דעם לאָזונג „באַהערשן דעם באָלשעוויזם“. סטאַלין האָט באַוואָפנט די פּאַרטיי צום קאַמף קעגן די שונאים פון פאָלק, האָט אויסגעלערנט אַראָפּרײַסן פון זיי די מאַסקעס.

דער סאָוועטישער געריכט האָט אויפגעדעקט זייערע פאַר־ברעכערישע מעשים און פאַרמשפּט די טראָצקיסטיש־בוכאַרי־נישע אויסוואורפן צום שיסן. דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט באַ־וויליקט דאָס צעשמעטערן די טראָצקיסטיש־בוכאַרינישע באַנדע און איז אַריבער צו זײַנע אָרדנטלעכע ענינים — צום צוגרייטן די וואַלן צום אויבער־סאָוועט פון פסטר.

אונטער דער אָנפירונג פונעם צק און פונעם חבר סטאַלין האָט די פּאַרטיי פאַנאַנדערגעוויקלט אין דער גאַנצער ברייט די צוגרייטונגס־אַרבעט צו די וואַלן. דאָס אײַנפירן די נײַע קאָנ־סטיטוציע האָט באַטײַט אַ קער אינעם פּאָליטישן לעבן פונעם לאַנד, די ווײַטערדיקע דעמאָקראַטיזירונג פון דעם גאַנצן פּאָלי־טישן לעבן זײַנעם. די נײַע וואַל־סיסטעם האָט געבראַכט דער־צו, אַז ס׳האָט זיך פאַרשטאַרקט די פּאָליטישע אַקטיווקײַט פון די מאַסן, זייער קאָנטראָל בנוגע די אָרגאַנען פון דער סאָוועטן־מאַכט, ס׳האָט זיך פאַרשטאַרקט די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פון די אָרגאַנען פון דער סאָוועטן־מאַכט בנוגע צום פאָלק. אונטער

דער אָנפירונג פונעם צק, אונטער דער אָנפירונג פון סטאלינען האָט די פארטיי אין הסכם מיט די נײַע אויפגאבן איבערגעבויט די פאָרמען פון איר ארבעט אין גײַסט פון אנטוויקלען די אינער־לעך־פארטייאישע דעמאָקראטיע, פון פעסטיקן די פרינציפּן פון דעמאָקראטישן צענטראליזם, פון אנטוויקלען די קריטיק און זעלבסט־קריטיק, פון פארשטארקן די פאראנטוואָרטלעכקײַט פון די פארטיי־אָרגאנען פאר די פארטיי־מאסן. אין צענטער פון דער וואל־קאמפאניע האָט די פארטיי געשטעלט די סטאלינישע אידיי פון א בלאָק פון די קאָמוניסטן און די אומפארטייאישע.

דעם 11 דעצעמבער 1937 י., ערב די וואלן, איז סטאלין ארויסגעטראָטן אינעם סטאלינער וואל־קרײַז פון דער שטאָט מאָסקווע. אין זײַן רעדע האָט ער אויפגעדעקט דעם ראדיקאלן אונטערשייד צווישן די וואלן אין פסםר, דיווירקלעך פרײַע, די ווירקלעך דעמאָקראטישע, און די וואלן אין די קאפיטאליס־טישע לענדער, וואו עס דריקן אויפן פאָלק די עקספּלואטאטאָ־רישע קלאסן. בײַ אונדז אין פסםר זײַנען די עקספּלואטאטאָ־רישע קלאסן ליקווידירט, דער סאָציאליזם איז שוין ארײַן אין שטייגער און אויף דעם דאָזיקן יסוד קומען פאָר די וואלן. ווײַ־טער האָט סטאלין פאָרמולירט, וואָס פארא פּאָליטישע טוער עס דארפן זײַן די פאָלקס־אויסדערוויילטע, די דעפּוטאטן פונעם אויבער־סאָוועט. דאָס פאָלק דארף פאָדערן, אז זיי זאָלן זײַן פּאָליטישע טוער פון לענינישן טיפּ, זיי זאָלן זײַן פונקט אזוי קלאָר, פרינציפּיעל, שרעקלאָז אין קאמף, פרײַ פון יעדן מין פּאניק, אָנרחמנותדיק צו די שונאים פון פאָלק, קלוג און ניט־אײַלעוודיק בײַם לייזן קאָמפּליצירטע פּאָליטישע פראגן, וואו עס איז נייטיק אן אלזײַטיקע אָריענטאציע, פונקט אזוי אויפ־

ריכטיק, ווי לענין, און זאָלן פונקט אזוי ליב האָבן דאָס פאָלק, ווי לענין.

דאָס גאנצע לאנד האָט געהערט די רעדע פון זײַן קלוגן, גענ:אלן פירער. זײַנע ווערטער האָבן זיך טיף אײַנגעקריצט אינעם באוואוסטזײַן פון די ארבעטנדיקע. סטאלינס רעדע האָט פעסטגעשטעלט די פרינציפּן פון דער טעטיקייט פון די פאָלקס-אויסדערוויילטע, זי האָט באגײַסטערט דאָס פאָלק, זי האָט נאָך מער פארפעסטיקט דעם בלאָק פון די קאָמוניסטן און די אום-פּארטייאישע.

דעם 12 דעצעמבער זײַנען פאָרגעקומען די וואלן צום אויבער-סאָוועט פון פסםר. זיי האָבן זיך פארוואנדלט אין אן אלגעמיינעם פאָלקס-יום-טוב, אין א פײַער-טאָג פונעם סאָוועטישן פאָלק. פון 94 מיליאָן וויילער האָבן אין דער אָפּשטימונג זיך באטייליקט העכער 91 מיליאָן (96,8 פּראָצענט); 90 מיליאָן מענטשן האָבן מיט זייער איינמוטיקן שטימען פאר די קאנדידאטן פונעם בלאָק פון די קאָמוניסטן און די אומפּארטייאישע באשטעטיקט דעם זיג פונעם סאָצ:אליזם. דאָס איז געווען א מערקווירדיקער זיג פונעם סטאלינישן בלאָק פון די קאָמוניסטן און פון די אום-פּארטייאישע, א טר:ומף פון דער פּארטיי פון לענין—סטאלין, א טר:ומף פון דער לעניניש-סטאלינישער אָנפירונג פון דער פּארטיי.

די מאָראליש-פּאָליטישע איינהײַט פונעם סאָוועטישן פאָלק האָט דאָ באקומען איר גלענצנדיקע באשטעטיקונג. סטאלין איז דער ערשטער פאָלקס-אויסדערוויילטער, דער ערשטער דעפּוטאט פונעם אויבער-סאָוועט פון פסםר.

די ריזיק געשטיגענע אקטיוויקײַט פון די מאסן און די

קאָלאָסאַלע אויפגאַבן פון דער וויַטערדיקער סאָציאַליסטישער בויאונג האָבן אויף א נייַעם אופן געשטעלט די פראגע וועגן דער אידייאישער און פּאָליטישער פאַרהאַרטונג פון אונדזערע קאַדרען.

חבר סטאַלין האָט אין א ריי אַרויסטרעטונגען זייַנע מיט דער גאַנצער שאַרפקייַט אַוועקגעשטעלט פאַר אונדזערע קאַדרען די אויפגאַבע צו באַהערשן דעם באָלשעוויזם. חבר סטאַלין האָט אָנגעוויזן, אַז מיר האָבן אַלע מיטלען און מעגלעכקייַטן, וואָס זייַנען נייטיק אויף צוצוגרייטן אונדזערע קאַדרען אידעאָלאָגיש און פאַרהאַרטעווען זיי פּאָליטיש, און אַז דערפון הענגט אָפּ אויף נייַן צענטל די לייזונג פון אַלע אונדזערע פּראַקטישע אויפגאַבן.

אין 1938 יאָר איז דערשינען דאָס בוך „די געשיכטע פון דער אַלקפּ(ב). קורצער קורס“, וועלכעס איז אָנגעשריבן געוואָרן פונעם חבר סטאַלין און באַוויליקט געוואָרן פון א קאָמיסיע פון צק אַלקפּ(ב).

דאָס דערשייַנען פון דעם דאָזיקן בוך איז געווען זייער א גרויסע געשעעניש אינעם אידייאישן לעבן פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. די פּאַרטיי האָט באַקומען א נייַ מעכטיק אידייאיש געווער פונעם באָלשעוויזם, אַן אמתע ענציקלאָפּעדיע פון די גרונט־קענטענישן אויפן געביט פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם. מיט סטאַלינישער קלאָרקייַט און טיפקייַט איז אין דעם דאָזיקן בוך איבערגעגעבן און פאַראַלגעמיינערט די ריזיקע היסטאָרישע דערפאַרונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, די דערפאַרונג, וואָס קיין גלייַכע צו איר האָט ניט געהאַט און האָט ניט קיין איין פּאַרטיי אין דער וועלט. אינעם „קורצן קורס געשיכטע פון דער אַלקפּ(ב)“ איז באַוויזן געוואָרן די וויַטערדיקע אַנטוויקלונג

י. וו. סטאַלין אינעם אַרבעטס-קאַבינעט.

פאָטאָ·

פון דעם מאַרקסיזם אין די נײַע באַדינגונגען פונעם קלאַסן־קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט, פון דעם מאַרקסיזם פון דער עפּאָכע פונעם אימפּעריאַליזם און פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס, פון דעם מאַרקסיזם פון דער עפּאָכע פונעם זיג פונעם סאָציאַליזם אויף איין זעקסטל־חלק פון דער ערד. דאָס דאָזיקע בוך איז אין פאַרלויף פון אַ קורצער צײַט זיך צעגאַנגען אין אַ קאָלאָסאַלער צאָל עקזעמפּלאַרן. „מען דאַרף זאָגן אָפן, — האָט דער חבר א. א. זשדאַנאָוו געזאָגט אויפן XVIII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, — אַז זינט דער מאַרקסיזם עקזיסטירט, איז עס דאָס ערשטע מאַרקסיסטישע בוך, וואָס האָט באַקומען אַזאַ ברייטע פאַרשפּרייטונג“.

אינעם „קורצן קורס געשיכטע פון דער אַלקפּ(ב)“, אינעם אָפּטייל „וועגן דעם דיאַלעקטישן און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם“, זײַנען אין אַ העכסט קלאָרער און געפּרעסטער פאָרם גענויאַל פאָרמולירט די יסודות פונעם דיאַלעקטישן און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. אין דעם דאָזיקן ווערק האָט חבר סטאַלין פאַראַלגעמיינערט דאָס אַלץ, וואָס מאַרקס, ענגעלס און לענין האָבן אַרײַנגעבראַכט אין דער לערע וועגן דעם דיאַלעקטישן מעטאָד און מאַטעריאַליסטישער טעאָריע און האָט אַנטוויקלט ווײַטער די לערע וועגן דיאַלעקטישן און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם אויפן גרונט פון די נײַסטע אָנגאַבן פון דער וויסנשאַפט און פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראַקטיק.

חבר סטאַלין אַנטוויקלט דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם אַלס דעם טעאָרעטישן יסוד פונעם קאָמוניזם, אַלס די וועלטאַנשויאונג פון דער מאַרקסיסטיש־לענינישער פּאַרטיי, וואָס באַוואָפנט אידייאיש דעם אַרבעטער־קלאַס אין זײַן קאַמף פאַר דעראָבערן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און אויסבויען דעם

קאָמוניזם. מיט א באזונדערער קראפט איז אין דעם דאָזיקן ווערק באוויזן דער אינערלעכער צוזאמענהאנג, וואָס איז פאראן צווישן דער פילאָסאָפיע פונעם מארקסיזם־לעניניזם און דער פראקטישער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי. כדי מען זאָל ניט מאכן קיין פעלערן אין דער פּאָליטיק, לערנט חבר סטאלין, דארף מען זיך האלטן ביי די הנחות פונעם מארקסיסטישן דיאלעקטישן מעטאָד, דארף מען וויסן די געזעצן פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג.

י. וו. סטאלינס ווערק „וועגן דעם דיאלעקטישן און היסטאָרישן מאטעריאליזם", וואָס איז אָנגעשריבן דורך אן אומפארגלייכלעכן מייסטער פונעם מארקסיסטישן דיאלעקטישן מעטאָד און וואָס פאראלגעמיינערט די גיגאנטישע פראקטישע און טעאָרעטישע דערפארונג פונעם באָלשעוויזם, הייבט אויף אויף א נייער, א העכערער שטופע דעם דיאלעקטישן מאטעריאליזם און איז באמת דער הויך־פונקט פונעם מארקסיסטיש־לענינישן פילאָסאָפישן געדאנק.

אין מערץ 1939 יאָר פירט סטאלין אָן מיט דער ארבעט פונעם XVIII פארטיי־צוזאמענפאָר. דער צוזאמענפאָר איז געווען א גראנדיעזע דעמאָנסטראציע פון א נאָך ניט־געזעענער איינהייט און מאָנאָליטקייט פון דער גאנצער פארטיי, פון איר באהעפטקייט ארום דעם לעניניש־סטאלינישן צענטראל־קאָמיטעט.

אינעם באריכט־פּאָרטראָג האָט סטאלין געגעבן א טיפן אנאליז פון דער צווישנפעלקערלעכער לאגע פונעם סאָוועטן־פארבאנד און האָט דעמאסקירט די פּלענער פון די פּראָוואָקאטאָרן פון א מלחמה און אן אינטערווענציע קעגן פסס"ר. פון זינט דעם

XVII פּאַרטיי־צוזאַמענפאַר איז אוועק פינף יאָר. פאַר די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז דאָס געווען א פּעריאָד פון ביז גאָר ערנסטע דערשיטערונגען סיי אויפן געביט פון עקאָנאָמיק סיי אויפן געביט פון פּאָליטיק. נאָך דעם עקאָנאָמישן קריזיס פון די יאָרן 1929—1932 און נאָך דער דעפּרעסיע פון באַזונדערן מין האָט זיך פון דער צווייטער העלפט 1937 י. אָנגעהויבן א נייַער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט ארומגעכאַפּט די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייַך און א רייע אנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. עס האָט זיך ביז גאָר פאַרשאַרפט די צווישנפעלקערלעכע לאַגע, עס האָט געליטן א קראַך די נאָכמלחמהדיקע סיסטעם פון די שלום-אָפּמאַכן, עס האָט זיך אָנגעהויבן א נייַע מלחמה, די צווייטע וועלט-מלחמה.

די נייַע מלחמה האָבן אָנגעהויבן די צוויי הויפּט-אַגרעסיווע אימפּעריאַליסטישע מלוכות — דייַטשלאַנד און יאַפּאַניע. די דאָזיקע מלחמה, האָט אָנגעוויזן חבר סטאַלין, האָט אַרייַנגעצויגן אין איר אָרביטע העכער פינף הונדערט מיליאָן באַפעלקערונג, און איר ווירקונגס־ספער האָט זיך פאַרשפּרייט אויף א ריזיקער טעריטאָריע — פון טיאַנצזין, שאַנכייַ און קאַנטאָן דורך אַביסיניע ביז גיבראַלטאַר. די מלחמה האָט אַלץ מער און מער געצומען אָנרירן די אינטערעסן פון די ניט־אַגרעסיווע מלוכות, פריער פאַר אַלץ פון ענגלאַנד, פראַנקרייַך און פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע. די רעגירונגען פון די דאָזיקע מלוכות האָבן אָבער ניט געשטעלט קיין געהעריקן ווידערשטאַנד די אַגרעסאָרן. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער פּאָליטיק פון קאָלעקטיווער זיכערהייַט און זייַנען אריבער אויף דער

פּאָזיציע פון „נייטראַליטעט“, אויף דער פּאָזיציע פון ניט אַרייַנמישן זיך. די פּאָליטיק פון ניט־אַרייַנמישונג האָט באַטייַט נאָכגעבן דער אַגרעסיע, פאַנאַנדערבינדן די מלחמה. די אינספּיראַטאָרן פון דער טרויעריק־באַרימטער „מינכענער פאַרשטענדיקונג“ — די רעגירער פון ענגלאַנד און פראַנקרייַך — טשעמבערלען און דאַלאַדיע האָבן געוואָלט ריכטן די אַגרעסיע פון דעם דייַטשישן פאַשיזם אויף מזרח, קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

חבר סטאַלין האָט דעמאַסקירט די מאַכינאַציעס פון די מלחמה־אונטערצינדער קעגן פּסס"ר, וואָס האָבן געטענהט, אַז די מינכענער הנחות, וועלכע מען האָט געגעבן די אַגרעסאָרן, און די מינכענער פאַרשטענדיקונג וועגן ניט־אַרייַנמישונג זייַנען כּלומרשט אָן אָנהייב פון אַ נייַער ערע — די ערע פון „פּאַציפיקאַציע“. חבר סטאַלין האָט געוואָרנט, אַז „די גרויסע און געפערלעכע פּאָליטישע שפּיל, וואָס עס האָבן אָנגעהויבן די אָנהענגער פון דער ניט־אַרייַנמישונגס־פּאָליטיק, קאָן זיך פאַר זיי ענדיקן מיט אַן ערנסטן דורכפאַל“ [1].

חבר סטאַלין האָט מיט אויסערגעוויינלעכער טיפקייַט אויפגעדעקט, פאַר דער פּאַרטיי און פאַרן סאָוועטישן פאָלק, ווי ווייַט קאָמפּליצירט און געפערלעך עס איז די צווישנפעלקערלעכע לאַגע, וואָס האָט זיך דעמאָלט געשאַפן, און ער האָט פעסטגעשטעלט די פּרינציפּן אויפן געביט פון דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק. ער האָט געזאָגט:

„די אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי אויפן געביט פון דער אויסערן־פּאָליטיק זייַנען:

[1] י. סטאַלין. פראַגן פון לעניניזם, 11־טע אויפלאַגע, ז. 572.

1. דורכפירן אויך ווײַטער די פּאָליטיק פון שלום און פון פארפעסטיקן די געשעפטלעכע באַציאונגען מיט אלע לענדער;

2. זײַן פּאָרזיכטיק און ניט לאָזן די מלחמה־פּראָוואָקאטאָרן, וואָס זײַנען געוואוינט צו שארן הייסע קוילן מיט פרעמדע הענט, זיי זאָלן ארײַנציען אין קאָנפליקטן אונדזער לאנד;

3. מיט אלע מיטלען פארפעסטיקן די שלאכט־מעכטיקייט פון אונדזער רויטער ארמיי און פון אונדזער רויטן קריגס־פלאָט;

4. פעסטיקן די אינטערנאציאָנאלע פרײַנטשאפט־פארבינדונגען מיט די ארבעטנדיקע פון אלע לענדער, וועלכע זײַנען פאראינטערעסירט אין שלום און פרײַנטשאפט צווישן די פעלקער"[1].

כאראקטעריזירט די דערגרייכונגען און די דערפאָלגן פונעם סאָציאליזם, דעם וואוקס פון דער סאָציאליסטישער ווירטשאפט, דעם אויפשטײַג פונעם מאטעריעלן און קולטורעלן ניוואָ פונעם פאָלק, די ווײַטערדיקע פארפעסטיקונג פון דער סאָוועטישער אָרדענונג, האָט חבר סטאלין געשטעלט פאר דער פארטיי און פארן גאנצן סאָוועטישן פאָלק א נײַע גרויסע היסטאָרישע אויפגאבע: אין פארלויף פון די נאָענטסטע 10—15 יאָר דעריאָגן און אריבעריאָגן די וויכטיקסטע קאפּיטאליסטישע לענדער אין עקאָנאָמישער הינזיכט, דה. אינעם זין פון אויסארבעטן פּראָדוקציע אויף יעדן איינעם פון דער באפעלקערונג.

„מיר האָבן אריבערגעיאָגט, — האָט געזאָגט חבר סטאלין, — די וויכטיקסטע קאפּיטאליסטישע לענדער אינעם זין פון דער

[1] י. סטאלין, פראגן פון לעניניזם, 11־טע אויפלאגע, ז. 574—575.

פראָדוציר־טעכניק און פון די אנטוויקלונגס־טעמפּן פון דער אינ־דוסטריע. דאָס איז זייער גוט. דאָס איז אָבער ווייניק. מען דאַרף זיי אַריבעריאָגן אויך אין עקאָנאָמישער הינזיכט. מיר קאָנען דאָס טאָן, און מיר דאַרפן דאָס טאָן. נאָר אין דעם פאַל, אויב מיר וועלן אריבעריאָגן עקאָנאָמיש די ווּיכטיקסטע קאפּיטאַליס־טישע לענדער, קאָנען מיר אויסרעכענען, אז אונדזער לאַנד וועט זײַן פולשטענדיק אָנגעזעטיקט מיט געברויך־אַרטיקלען, אַז עס וועט בײַ אונדז זײַן אַ שפע פּראָדוקטן, און מיר וועלן באַקומען די מעגלעכקייט צו מאַכן דעם איבערגאַנג פון דער ערשטער פאַזע פונעם קאָמוניזם צו דער צווייטער פאַזע זײַנער" [1].

אין זײַן פאָרטראָג האָט חבר סטאַלין אָנגעמערקט אַ גאַנצע וויסנשאַפטלעך־באַגרינדעטע באַלשעוויסטישע פּראָגראַם פון אַר־בעט אין פּרט פון אויסבאָוען, דערציִען, צוקלײַבן, אַרויסרוקן, קאַדרען און קאָנטראָלירן די קאַדרען. די דאָזיקע פּראָגראַם פון אַרבעט האָט ער אָנגעמערקט אַלס איינע פון די צענטראַלע אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי.

שילדערנדיק דעם וועג, וואָס די פּאַרטיי האָט דורכגעמאַכט אינעם פּעריאָד פונעם XVII ביזן XVIII צוזאַמענפאָר, האָט חבר סטאַלין געזאָגט:

„דער הויפּט־סך־הכל באַשטייט דערין, וואָס דערמיט, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס פון אונדזער לאַנד האָט פאַרניכטעט די עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש און אײַנגעשטעלט די סאָציאַליסטישע אָרדענונג, האָט ער דערוויזן דער גאַנצער וועלט די גערעכטקייט פון זײַן זאַך. דערין באַשטייט דער הויפּט־סך־הכל, ווײַל ער פאַרפעסטיקט דעם גלויבן אין די כוחות פונעם

[1] י. סטאַלין. פראַגן פון לעניניזם, 11־טע אויפלאַגע, ז. 578—579.

זיצונג פונעם פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר.

פאָטאָ.

ארבעטער-קלאס און אין דער אומפארמײַדלעכקייט פון זײַן ענדגילטיקן זיג"[1].

חבר סטאלינס פאָרטראָג אויפן XVIII צוזאמענפאָר פון דער אלקפּ(ב) איז א פּראָגראם-דאָקומענט פונעם קאָמוניזם, א ווײַטערדיקער שריט פאָראויס אין דער אנטוויקלונג פון דער מארקסיסטיש-לענינישער טעאָריע. סטאלין האָט ווײַטער אנטוויקלט די לענינישע טעאָריע פון דער סאָציאליסטישער רעוואָלוציע. ער האָט קאָנקרעטיזירט די טעאָריע וועגן דער מעגלעכקייט אויסצובויען דעם סאָציאליזם אין איין לאנד און איז געקומען צום אויספיר, **אז ס'איז מעגלעך אויסצובויען דעם קאָמוניזם בײַ אונדז אין לאנד אויך אין דעם פאל, אויב עס וועט בלײַבן די קאפּיטאליסטישע ארומרינגלונג.** דער דאָזיקער אויספיר חבר סטאלינס בארײַכערט דעם לעניניזם, באוואָפנט דעם ארבעטער-קלאס מיט א נײַ אידייאיש געווער, גיט דער פּארטיי די גראנדיעזע פּערספּעקטיוו פון קאמף פארן זיג פונעם קאָמוניזם, באוועגט פאָראויס די מארקסיסטיש-לענינישע טעאָריע.

לענין האָט זײַן באוואוסט ווערק „מלוכה און רעוואָלוציע" אָנגעשריבן אין אויגוסט 1917 יאָר, דאָס הייסט עטלעכע חדשים פאר דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע און פאר דעם, ווי ס'איז געשאפן געוואָרן די סאָוועטישע מלוכה. לענין האָט אין דעם דאָזיקן בוך פארטיידיקט מארקס' און ענגעלסעס לערע וועגן מלוכה קעגן דער פארקריפּלונג און פארפלאכונג מצד די אָפּאָרטוניסטן. לענין האָט זיך געקליבן אָנצושרײַבן א צווייטן טייל פון „מלוכה

---

[1] י. סטאלין. פראגן פון לעניניזם, 11-טע אויפלאגע, ז. 610.

און רעוואָלוציע", וואו ער האָט געהאט בדעה אונטערציען די הויפט־סך־הכלען פון דער דערפאַרונג פון די רוסישע רעוואָלוציעס אין די יאָרן 1905 און 1917. דער טויט האָט אים אָבער געשטערט אויסצופילן די דאָזיקע אויפגאַבע. דאָס, וואָס עס האָט אין די פראַגן פון מלוכה־טעאָריע נים באַוויזן אָפּצוטאָן לענין, האָט געטאָן סטאַלין!

שטיצנדיק זיך אויף דער ריזיקער דערפאַרונג פון די העכער צוואַנציק יאָר עקזיסטענץ פון דער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער מלוכה אין די באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליסטישער ארומרינגלונג, האָט חבר סטאַלין געשאַפן **אַ פּאַרגאַנצטע און פּאַרענדיקטע לערע וועגן דער סאָציאַליסטישער מלוכה.** סטאַלין האָט געגעבן אַן אויספירלעכן אַנאַליז פון די אַנטוויקלונגס־עטאַפּן פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה, פון דער ענדערונג פון אירע פונקציעס, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ענדערונג פון דער סיטואַציע. ער האָט פאַראַלגעמיינערט די גאַנצע דערפאַרונג פון דער סאָוועטישער מלוכה־בויאונג און איז געקומען צום אויספיר, אַז מען מוז איינהיטן די מלוכה ביים קאָמוניזם אין דעם פאַל, אויב עס וועט נאָך אַלץ עקזיסטירן די קאַפּיטאַליסטישע ארומרינגלונג.

סטאַלין האָט שאַרף באַטאָנט די קאָלאָסאַלע וויכטיקייט און באַדייטונג פון דער פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדע און פון דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער דערציאונג פון די טוער פונעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט, פון די טוער פון די קאָמיוגישע, פּראָפפאַראיינישע, האַנדלס־קאָאָפּעראַטיווע, ווירטשאַפטלעכע, סאָוועטישע, אויפקלערערישע, מיליטערישע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. ער האָט געזאָגט:

„אויב עס הייבט אָן פאלן די ארבעט פון דער מארקסיסטיש־לענינישער דערציאונג פון אונדזערע קאדרען, אויב עס ווערט אָפּגעשוואכט אונדזער ארבעט צו העכערן דעם פּאָליטישן און טעאָרעטישן ניוואָ פון אָט די קאדרען, און די קאדרען גופא הערן מחמת דעם אויף צו אינטערעסירן זיך מיט דער פּערספּעקטיוו פון אונדזער באוועגן זיך פאָראויס, הערן אויף צו פארשטיין די גערעכטקייט פון אונדזער זאך און ווערן פערספּעקטיוולאָזע געשעפטסמאכער, וואָס פילן בלינד און מעכאניש אויס די אָנווייזונגען פון אויבן,—מוז אומבאדינגט אָנהייבן פאלן אונדזער גאנצע מלוכהשע און פארטייאישע ארבעט. מען דאַרף האלטן פאר אן אקסיאָמע, אז וואָס העכער עס איז דער פּאָליטישער ניוואָ און די מארקסיסטיש־לענינישע באוואוסטזיניקייט פון די טוער אין וואָס פאר א געביט פון מלוכהשער און פארטייאישער ארבעט דאָס זאָל ניט זיין, אלץ העכער און פרוכטבארער איז די עצם ארבעט, אלץ עפעקטיווער זיינען די רעזולטאטן פון דער ארבעט, און פארקערט, — וואָס נידעריקער עס איז דער פּאָליטישער ניוואָ און די מארקסיסטיש־לענינישע באוואוסטזיניקייט פון די טוער, אלץ מער זיינען ווארשיינלעך אויסגליטשן און דורכפאלן אין דער ארבעט, אלץ מער איז ווארשיינלעך, אז די עצם טוער זאָלן ווערן קליינלעכע און זאָלן זיך פארוואנדלען אין באגרענעצטע געשעפטסמאכער, אלץ מער איז ווארשיינלעך, אז זיי זאָלן איבערגעבוירן ווערן. מע קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אז אויב מיר וואָלטן אימשטאנד געווען צוגרייטן אידעאָלאָגיש אונדזערע קאדרען פון אלע ארבעטס־געביטן און פּאָליטיש פארהארטעווען זיי אויף אזוי־פיל, אז זיי זאָלן זיך קאָנען פריי אָריענטירן אין דער אינערלעכער און צווישנ־

פעלקערלעכער סיטואַציע, אויב מיר וואָלטן אימשטאַנד געווען צו מאַכן זיי פאַר פולשטענדיק רײַפע מאַרקסיסטן לעניניצעס, וואָס זײַנען פעיִק צו לייזן אָן ערנסטע פעלערן די פראַגן פון אָנפירן מיטן לאַנד, — וואָלטן מיר געהאַט דעם פולן גרונט צו האַלטן נײַן צענטל פון אַלע אונדזערע פראַגן שוין פאַר געלייזטע. און לייזן קאָנען מיר די דאָזיקע אויפגאַבע זיכער, ווײַל מיר האָבן אַלע מיטלען און מעגלעכקײַטן, וואָס זײַנען נייטיק אויף צו לייזן זי"[1].

ווײַטער האָט סטאַלין געזאָגט: „עס איז פאַראַן איין געביט פון דער וויסנשאַפט, וואָס קענען אים איז אַ מוז פאַר די באָלשעוויקעס פון אַלע וויסנשאַפטס־געביטן, — דאָס איז די מאַרקסיסטיש־לעניניש וויסנשאַפט וועגן דער געזעלשאַפט, וועגן די אַנטוויקלונגס־געזעצן פון דער געזעלשאַפט, וועגן די אַנטוויקלונגס־געזעצן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וועגן די אַנטוויקלונגס־געזעצן פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג, וועגן דעם זיג פונעם קאָמוניזם. ווײַל מען קאָן ניט האַלטן פאַר אַ ווירקלעכן לעניניסט אַזאַ מענטשן, וואָס רופט זיך אָן לעניניסט, נאָר ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין ד' אַמות פון זײַן פאַך, האָט זיך פאַרשלאָסן, לאָמיר זאָגן, אין מאַטעמאַטיק, באָטאַניק אָדער כעמיע און זעט גאָרנישט ווײַטער פון זײַן פאַך. אַ לעניניסט קאָן נישט זײַן בלויז אַ פאַכמאַן פון דעם וויסנשאַפטס־געביט, וואָס ער האָט פאַר זיך אויסגעוויילט, — ער דאַרף גלײַכצײַטיק זײַן אַ פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער טוער, וואָס אינטערעסירט זיך שטאַרק מיטן גורל פון זײַן לאַנד, וואָס איז באַ-

[1] י. סטאַלין, פראַגן פון לעניניזם, 11־טע אויפלאַגע, ז. 598.



י. וו. סטאלין.

פאטא.

קאנט מיט די געזעצן פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג, וואָס ווייסט, ווי צו באנוצן זיך מיט די דאָזיקע געזעצן און שטרעבט צו זײַן אן אקטיווער אָנטיילנעמער פון דער פּאָליטישער אָנפירונג מיטן לאנד. געווים וועט עס זײַן א צוגאָבלעכע אָנלאָדונג פאר די באָלשעוויקעס די פאכלײַט. דאָס איז אָבער אזא אָנלאָדונג, וואָס וועט נאָכדעם קאָמפּענסירט ווערן מיט פּראָצענט.

די אויפגאבע פון דער פּארטייאישער פּראָפּאגאנדע, די אויפגאבע פון דער מארקסיסטיש-לעניניסטישער דערציאונג פון די קאדרען באשטייט דערין, אז מען זאָל העלפן אונדזערע קאדרען פון אלע ארבעטס-געביטן צו באהערשן די מארקסיסטיש-לעניניסטישע וויסנשאפט וועגן די אנטוויקלונגס-געזעצן פון דער געזעלשאפט"[1].

חבר סטאלינס פּאָרטראָג אויפן XVIII צוזאמענפאָר פון דער אלקפּ(ב) — דאָס איז א פּראָגראם פון פּארענדיקן אויסבויען די קלאסנלאָזע סאָציאליסטישע געזעלשאפט און פון אריבערגיין בהדרגה פון סאָציאליזם צו קאָמוניזם. דער צוזאמענפאָר פון די באָלשעוויקעס האָט איינמוטיק באוויליקט דעם באריכט-פּאָרטראָג פונעם פירער און האָט באשטעטיקט דעם דאָזיקן פּאָרטראָג אלס דירעקטיוו, אלס געזעץ פון דער גאנצער טעטיקײַט פון דער פּארטיי.

חבר סטאלינס פּאָרטראָג אויפן XVIII צוזאמענפאָר פון דער אלקפּ(ב) איז א גלענצנדיקער בײַשפּיל פון מארקסיסטיש-לעניניסטישן וויסנשאפטלעכן פּאָראויסזען אויפן געביט פון די צווישנ-

[1] י. סטאלין, פּראגן פון לעניניזם, 11-טע אויפלאגע, ז. 598—599.

פעלקערלעכע באציאונגען. די קלוגע סטאַליניסטישע אָנווייַזונגען וועגן די אויפגאַבן פון אונדזער אויסערן־פּאָליטיק, די סטאַליניסטישע קונסט פון אָנפירונג האָבן געזיכערט דער אויסערן־פּאָליטיק פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד גראַנדיעזע נצחונות, האָבן נאָך העכער אויפגעהויבן די באַדייַטונג פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַלס ערנסטע צווישנפעלקערלעכע קראַפט, וואָס קאָן אויפווירקן אויף דער צווישנפעלקערלעכער סיטואַציע און ענדערן זי אין די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע. האַלטנדיק זיך בייַ די אָנווייַזונגען פונעם חבר סטאַלין, האָט די רעגירונג פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד צעשטערט די אינטריגאַנישע פּלענער פון די מלחמה־פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס האָבן ליב צו שאַרן הייסע קוילן מיט פרעמדע הענט, האָט געזיכערט די פרידלעכע מי פון די פעלקער פון פּסס״ר. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געשלאָסן אָפּמאַכן וועגן קעגנזייַטיקער הילף מיט די באַלטישע מלוכות, און דערמיט האָט ער אומגעהייער פאַרפעסטיקט די שוין־פּאָזיציעס פונעם סאָציאַליסטישן לאַנד, פאַרפעסטיקט זייַן צווישנפעלקערלעכע לאַגע.

די סאָוועטן־רעגירונג האָט זיך באמת ניט צו דערלאָזן די ווייַטערדיקע צעפלאַקערונג פון דער מלחמה און האָט געקעמפט פאַר דורכפירן די פּאָליטיק פון קאָלעקטיווער זיכערהייַט. די דאָזיקע פּאָליטיק איז אָבער ניט געשטיצט געוואָרן מצד די רעגירנדיקע קרייַזן פון ענגלאַנד און פראַנקרייַך. די מינכענער ניט־אַרייַנמישונגס־פּאָליטיק האָט אָפּגעקאָסט טייַער די פעלקער פון די ניט־אַגרעסיווע לענדער. אויסגענוצט די נאָכגיביקייַט פון דער ענגליש־פראַנצויזישער דיפּלאָמאַטיע, האָט דאָס היטלערישע דייַטשלאַנד שוין אין מערץ 1939 יאָר פאַרכאַפּט טשעכאָסלאָ־

וואקיע. אינגיכן האָבן די דײַטשישע אגרעסאָרן אָנגעהויבן זייער אָנגריף אויף די לענדער פון מזרח־אייראָפּע. עס האָט זיך אויך אקטיוויזירט די אימפּעריאליסטישע יאפּאָניע — דײַטשלאנדס פארבינדעטע אויפן ווײַטן מזרח. אין מײַ 1939 יאָר האָט זי געמאכט עטלעכע פּראָוואָקאציאָנעלע אָנפאלן אויף דער גרענעץ פון דער מאָנגאָלישער פאָלקס־רעפּובליק. אָבער די טיילן פון דער רויטער ארמיי האָבן אינעם ראיאָן פון כאלכין־גאָל צעקלאפּט דאָס יאפּאָניש־מאנטשוזשורישע מיליטער.

די ענגליש־פראנצויזישע דיפּלאָמאטיע האָט אין דער זעלבער צײַט געפירט אַן אומאָרנטלעכע פּאָליטיק בנוגע דעם פּסטר, זי האָט מיט אלערליי מיטלען פארצויגן די אונטערהאנדלונגען מיטן סאָוועטן־פארבאנד וועגן אָרגאניזירן אַ קאָלעקטיוון ווידערשטאנד דעם מעגלעכן אגרעסאָר, פאָרלייגנדיק דעם סאָוועטן־פארבאנד בפירוש ניט־אָנעמבארע באדינגונגען פאר שליסן א פארשטענדיקונג.

זעענדיק, אז די רעגירונגען פון ענגלאנד און פראנקרײַך ווילן ניט מיטארבעטן מיטן סאָוועטן־פארבאנד אינעם קאמף פאר שלום, האָט די רעגירונג פון פּסטר געמוזט פאָרנעמען מיטלען צום באוואָרענען די זיכערהײַט פון אונדזער לאנד.

אין אויגוסט 1939 יאָר האָט די רעגירונג פון פּסטר געשלאָסן מיט דײַטשלאנד אַן אָפּמאך וועגן ניט־אָנפאלן. דער דאָזיקער אָפּמאך האָט, ווי עס האָט שפּעטער אָנגעוויזן חבר סטאלין, ניט דירעקט, ניט אומדירעקט ניט אָנגערירט די טעריטאָריעלע גאנצקײַט, די אומאָפּהענגיקײַט און די ערע פון אונדזער מלוכה. ער האָט אָבער געזיכערט דעם סאָוועטן־לאנד שלום אויף דער נאָענטסטער צײַט און האָט געגעבן די מעגלעכ־

קייט צוצוגרייטן די קרעפטן פאר א ווידערשטאנד אין פאל, אויב עס וועט געמאכט ווערן אויף פססר אן אָנפאל.

טרייַ דעם חבר סטאלינס אָנווייזונגען וועגן דער נייטי־קייט צו האלטן דאָס לאנד אין א צושטאנד פון מאָביליזאַציע־גרייטקייט אויפן פאל פון א באוואָפנטן אָנפאל פון אויסן, האָט די באָלשעוויסטישע פארטיי אין משך פון א לענגערן פע־ריאָד צייט קאָנסעקווענט און כסדר געפירט אן אלזייטיקע צו־גרייטונג פונעם סאָוועטן־פארבאנד צו אקטיווער שוץ. אין רע־זולטאט דערפון, וואָס פאר די יאָרן פון די סטאלינישע פינפיאָר־פּלענער איז פארווירקלעכט געוואָרן די סאָוועטישע פּאָליטיק פון אינדוסטריאליזירן דאָס לאנד און קאָלעקטיוויזירן די לאנד־ווירטשאפט, איז געשאפן געוואָרן א מעכטיקע עקאָנאָמישע באזע, וואָס האָט געקאָנט אויסגענוצט ווערן פאר דער אקטיווער שוץ פון אונדזער מלוכה.

אָט די פּאָליטיק פון דער פארטיי האָט געגעבן די מעגלעכ־קייט צו פּראָדוצירן אינעם לאנד גענוג מעטאל אויף אויסצואר־בעטן באוואָפענונג, אויסשטאטונג און איינריכטונג פאר די אונ־טערנעמונגען, הייצווארג פאר דער נאָרמאלער ארבעט פון די אונטערנעמונגען און פונעם טראנספּאָרט, בוימוואָל אויף צו־גרייטן קליידונג, ברויט אויף באזאָרגן די ארמיי.

אין רעזולטאט פון דער פּאָליטיק פון אינדוסטריאליזירן דאָס לאנד און קאָלעקטיוויזירן די לאנדווירטשאפט איז אינעם סאָוועטן־פארבאנד אין פארלויף פון 1940 יאָר פּראָדוצירט גע־וואָרן: 15 מיליאָן טאָן טשוהון, דה. כמעט אין 4 מאָל מער, איידער אינעם צארישן רוסלאנד אין 1913 יאָר; 18 מיליאָן 300 טויזנט טאָן שטאָל, דה. אין 4 מיט א האלבן מאָל מער,

איידער אין 1913 יאָר; 166 מיליאָן טאָן קוילן, דה. אין פינף מיט א האלבן מאָל מער, איידער אין 1913 יאָר; 31 מיליאָן טאָן נאפט, דה. אין דרײַ מיט א האלבן מאָל מער, איידער אין 1913 יאָר; 38 מיליאָן 300 טויזנט טאָן סחורהדיקע תבואה, דה. אויף 17 מיליאָן טאָן מער, איידער אין 1913 יאָר; 2 מיליאָן 700 טויזנט טאָן רוי־בוימוואָל, דה. אין 3 מיט א האלבן מאָל מער, איידער אין 1913 יאָר.

„אזא אומגעהייערן וואוקס פון דער פּראָדוקציע, — האָט געזאָגט דער חבר סטאלין, — קאָן מען ניט האלטן פאר קיין פּשוטער און געוויינלעכער אנטוויקלונג פון א לאנד — פון אָפּגעשטאנענקייט צו פּראָגרעס. דאָס איז געווען א שפּרונג, וואָס מיט זײַן הילף איז אונדזער היימלאנד פון אן אָפּגעשטאנען לאנד פארוואנדלט געוואָרן אין א פאָרגעשריטן לאנד, פון אן אגראר לאנד — אין אן אינדוסטריעל לאנד“ [1].

אין הארבסט 1939 יאָר זײַנען לויט דער איניציאטיוו פונעם חבר סטאלין באפרײַט געוואָרן פונעם יאָך בײַ די פּוילישע פּריצים אונדזערע בלוט־אייגענע ברידער — די פעלקער פון מערב־אוקראינע און מערב־ווײַסרוסלאנד. די דאָזיקע פעלקער האָבן זיך ארײַנגעגאָסן אין דער איינהײַטלעכער ברידערלעכער משפּחה פון די פרײַע פעלקער פון פססר. שפּעטער זײַנען אין באשטאנד פון פססר צוריקגעקערט געוואָרן די סאָוועטישע באלטישע רעפּובליקן — ליטע, לעטלאנד און עסטלאנד.

דעם 20 דעצעמבער 1939 יאָר האָט י. וו. סטאלין דורך אן אוקאז פונעם פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר אין

[1] י. סטאלין, רעדע אויף דער פאָרוואל־פארזאמלונג פון די וויילער פונעם סטאלינער וואל־קרײַז פון דער שטאָט מאָסקווע דעם 9 פעברואר 1946 י., ז. 15.

צוזאמענהאנג מיט זײַן 60־טן געבורטס־טאָג געקראָנן דעם טיטל העלד פון סאָציאַליסטישער ארבעט — פאר די אויסשליסלעכע פארדינסטן אינעם אָרגאניזירן די באָלשעוויסטישע פארטיי, אינעם שאפן די סאָוועטישע מלוכה, אינעם אויסבויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאפט אין פססר און אינעם פארפעסטיקן די פרײַנטשאפט צווישן די פעלקער פונעם סאָוועטן־פארבאנד.

דעם 22 דעצעמבער 1939 יאָר איז חבר סטאלין אויסגעוויילט געוואָרן פאר אן ערן־מיטגליד פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר.

דעם 15 — 20 פעברואר 1941 יאָר איז פאָרגעקומען די XVIII אלפארבאנדישע קאָנפערענץ פון דער אלקפּ(ב). די קאָנפערענץ האָט באטראכט די פראגן וועגן די אויפגאבן פון די פארטיי־אָרגאניזאציעס אויפן געביט פון דער אינדוסטריע און פונעם טראנספּאָרט, וועגן די ווירטשאפטלעכע סך־הכלען פונעם 1940 יאָר און וועגן דעם פּלאן פון דער אנטוויקלונג פון דער פאָלקס־ווירטשאפט פון פססר אויפן 1941 יאָר, און אויך אָרגאניזאציאָנעלע פראגן.

טרײַ דעם חבר סטאלינס אָנווײַזונגען, איז די קאָנפערענץ דורכגעגאנגען אונטערן צייכן פון ווײַטערדיקער פארפעסטיקונג פון דער שוץ־מעכטיקײַט פונעם סאָוועטן־לאנד.

לויט חבר סטאלינס איניציאַטיוו האָבן דער צק אלקפּ(ב) און די סאָוועטן־רעגירונג, ארויסגייענדיק פון די באשלוסן פונעם XVIII צוזאמענפאָר פון דער אלקפּ(ב), באאויפטראָגט דער מלוכהשער פּלאן־קאָמיסיע פון פססר צוצוטרעטן צונויפשטעלן א גענעראלן ווירטשאפטס־פּלאן פון פססר אויף 15 יאָר. דער דאָזיקער פּלאן איז געווען אויסגערעכנט אויף לייזן די אויפגאבע פון

אריבעריאָגן די וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין עקאָ-נאָמישער הינזיכט, דה. אין דעם, וויפל עס ווערט פּראָדוצירט אויף יעדן איינעם פון דער באַפעלקערונג משוהון, שטאָל, הייצ-ווארג, עלעקטראָ-ענערגיע, מאשינעס און אנדערע פּראָדוציר-מיטלען און געברויך-ארטיקלען.

דעם 6 מיי 1941 יאָר איז י. וו. סטאלין דורך אן אוקאז פונעם פּרעזידיום פונעם אויבער-סאָוועט פון פססר באשטימט געוואָרן פארן פּאָרזיצער פונעם ראט פון די פאָלקס-קאָמיסארן פון פססר.

געפירט פון דעם גרויסן סטאלין, איז דאָס סאָוועטישע פאָלק געגאנגען צו נייע נצחונות, פאָראויס, צום קאָמוניזם. אין יוני 1941 יאָר איז אָבער די פרידלעכע שעפערישע ארבעט פונעם סאָוועטישן פאָלק איבערגעריסן געוואָרן דורך דער מלחמה, וואָס איז אויסגעבראָכן מחמת דעם אָנפאל פון דייטשלאנד אויף פססר.

★

XI

דעם 22 יוני 1941 יאָר האָט דאָס אימפּעריאַליסטישע היטלער-דײַטשלאַנד גראָב געבראָכן דעם פּאַקט וועגן ניט אָנפאַלן און איז אומגעריכט, טרײַ-ברעכעריש אָנגעפאַלן אויפן סאָוועטן-פאַרבאַנד. די מלחמה איז געוואָרן א ווענד-פּונקט אין דער אַנטוויקלונג פונעם סאָוועטן-לאַנד. דער פּעריאָד פון פרידלעכער בויאונג האָט זיך געענדיקט. עס האָט זיך אָנגעהויבן א פּעריאָד פון א פּאַטערלענדישער באַפרײַאונגס-מלחמה פונעם סאָוועטישן פאָלק קעגן די דײַטשישע פאַרכאַפּער.

כדי שנעל צו מאָביליזירן אַלע כוחות פון די פעלקער פונעם סאָוועטן-פאַרבאַנד אויף צו געבן א ווידערשטאַנד דעם שונא, האָבן דער פּרעזידיום פונעם אויבער-סאָוועט פון פססר, דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער אלקפּ(ב) און דער ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן פון פססר דעם 30 יוני 1941 יאָר אָנגענומען

א באשלום וועגן שאפן א מלוכהשן שוץ־קאָמיטעט, וואָס זאָל קאָנצענטרירן בײַ זיך די פולע מאכט אין דער מלוכה. אלס פאָרזיצער פונעם מלוכהשן שוץ־קאָמיטעט איז באשטימט געוואָרן יאָסיף וויסאריאָנאָוויטש סטאלין.

דער פירער און לערער פון די ארבעטנדיקע — דער חבר סטאלין האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון די באוואָפנטע קרעפטן פון ססר, בראש פונעם קאמף פונעם סאָוועטישן פאָלק קעגן דעם פארביסנסטן און נידערטרעכטיק־פאלשן שונא — קעגן דעם דײַטשישן פאשיזם.

דאָס היטלער־דײַטשלאנד האָט אָנגעהויבן זײַן רויבערישע און פארכאפערישע מלחמה קעגן ססר בײַ גינסטיקע פארזיך באדינגונגען. די היטלערישע ארמיי איז שוין צו יענער צײַט געווען פולשטענדיק מאָביליזירט און האָט געהאט די דערפארונג פון פירן מלחמה אין מערב־איראָפּע. 170 דײַטשישע דיוויזיעס, באוואָפנטע מיט טויזנטער טאנקען און עראָפּלאנען, זײַנען צוגערוקט געוואָרן צו די גרענעצן פון ססר און אומגעריכט געוואָרפן געוואָרן קעגן דעם לאנד פון די סאָוועטן. די באוואָפנטע קרעפטן פון דעם פרידנס־ליבנדיקן סאָוועטן־פארבאנד האָבן אין דער ערשטער צײַט פון דער מלחמה זיך געפונען אין אן אומגינסטיקער לאגע. אונטערן דרוק פון די אין צאָל איבערשטײַגנדיקע קרעפטן און טעכניק פון דעם שונא, וואָס האָט אויסגענוצט די פאָרצוגן פון א פלוצלינגדיקן אָנפאל, איז די סאָוועטישע ארמיי געווען געצוואונגען צוריקטרעטן מיט שלאכטן אין דער טיף פונעם לאנד.

פאר די ערשטע 10 טעג מלחמה האָט זיך דעם היטלערישן מיליטער אײַנגעגעבן צו פארכאפּן ליטע, א היפּשן טייל לעט-

לאנד, דעם מערב־טייל ווייסרוסלאנד, א טייל מערב־אוקראינע. אויפן סאָוועטן־פארבאנד האָט זיך אָנגערוקט אן ערנסטע סכנה.

דעם 3 יולי 1941 יאָר איז דער חבר סטאלין ארויסגעטראָטן דורך ראדיאָ מיט א ווענדונג צום סאָוועטישן פאָלק, צו די קריגער פון דער רויטער ארמיי און פונעם קריגס־פלאָט. אין אָט דער היסטאָרישער ארויסטרעטונג האָט חבר סטאלין געגעבן א טיפן אנאליז פון די פאָרקומענדיקע געשעענישן און פאָרמולירט די אויפגאבן פון דער ארמיי און פונעם פאָלק אינעם פארטיידיקן דאָס סאָציאליסטישע פאָטערלאנד.

חבר סטאלין האָט דערציילט דעם הארבן אמת וועגן דער קריגס־סיטואציע, וועלכע האָט זיך געשאפן, ער האָט גערופן די סאָוועטישע מענטשן, זיי זאָלן באגרייפן, ווי גרויס עס איז די סכנה, וואָס באדראָט דאָס היימלאנד, און זאָלן זיך שיידן מיט די שטימונגען פון פרידלעכער בויאונג. חבר סטאלין האָט געוואָרנט, אז די סאָוועטישע מענטשן טאָרן ניט וויסן פון קיין ווייכמוטיקייט, פון קיין זאָרגלאָזיקייט און פון קיין שרעק אין קאמף, עס טאָרן צווישן זיי ניט זיין קיין קלאָגמוטערס, קיין פאניק־מאכער און קיין דעזערטירן.

חבר סטאלין האָט אויפגעדעקט דעם ציל פון דער מלחמה, וואָס דאָס היטלער־דייטשלאנד האָט פארפירט קעגן דעם סאָוועטן־פארבאנד, און האָט געזאָגט: „דער שונא איז אכזריותדיק און אומדערבארעמדיק. ער שטעלט זיך פאר א ציל צו פארכאפן אונדזער ערד, וואָס איז באגאָסן מיט אונדזער שווייס, פארכאפן אונדזער ברויט און אונדזער נאפט, וואָס מיר האָבן ארויסבאקומען מיט אונדזער מי. ער שטעלט זיך פאר א ציל צוריק אויפצושטעלן די מאכט פון די פריצים, צוריק אויפשטעלן דעם

צאריזם, פארניכטן די נאציאָנאלע קולטור און די נאציאָנאלע מלוכהשקייט פון די רוסן, אוקראַינער, ווייסרוסן, ליטווינער, לעטן, עסטן, אוזבעקן, טאָטערן, מאָלדאוואנער, גרוזינער, אר-מענער, אזערבייַדזשאנער און פון די אנדערע פרייַע פעלקער פונעם סאָוועטן-פארבאנד, דייַטשיזירן זיי, פארוואנדלען זיי אין קנעכט פון די דייַטשישע פירשטן און באראָנען. עס גייט דאָ אזוי-ארום אינעם לעבן און טויט פון דער סאָוועטן-מלוכה, אינעם לעבן און טויט פון די פעלקער פון פססר, עס גייט אין דעם — צי זאָלן די פעלקער פון סאָוועטן-פארבאנד זייַן פרייַע אָדער ווערן פארשקלאפט"[1].

פעסטשטעלנדיק די צילן פון דער מלחמה פונעם סאָוועטן-פארבאנד קעגן דעם פאשיסטישן דייַטשלאנד, האָט חבר סטאלין אָנגעוויזן, אז אָט די מלחמה איז א גרויסע מלחמה פון דעם גאנצן סאָוועטישן פאָלק קעגן דעם דייַטשיש-פאשיסטישן מילי-טער. דער ציל פון אָט דער אלפאָלקישער פאָטערלענדישער מלחמה איז ניט בלויז ליקווידירן די געפאר, וואָס האָט זיך אָנ-געקוקט אויף אונדזער לאנד, נאָר אויך העלפן אלע פעלקער פון אייראָפּע, וואָס קרעכצן אונטערן יאָך פונעם דייַטשישן פאשיזם.

דער חבר סטאלין האָט נביאיש פאָראויסגעזאָגט, אז אין דער דאָזיקער באפרייַאונגס-מלחמה וועלן די סאָוועטישע מענטשן ניט זייַן איינזאם. „אונדזער מלחמה פאר דער פרייַהייט פון אונדזער פאָטערלאנד וועט זיך צוזאמענגיסן מיטן קאמף פון די פעלקער פון אייראָפּע און אמעריקע פאר זייער אומאָפּהענ-גיקייט, פאר די דעמאָקראטישע פרייַהייטן. דאָס וועט זייַן אן

[1] י. סטאלין. וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן-פארבאנד, 5-טע אויפלאגע, ז. 13.

איינהייטלעכער פראָנט פון פעלקער, וואָס זיינען פאַר פרייהייט קעגן פארשקלאַפונג און קעגן דער געפאַר פארשקלאַפט צו ווערן פון היטלערס פאשיסטישע ארמייען" [1].

דאָס לעבן האָט באשטעטיקט די נביאישע ווערטער פונעם חבר סטאלין. דעם 12 יולי 1941 יאָר האָט ענגלאנד געשלאָסן מיטן פססר א „פארשטענדיקונג וועגן געמיינזאמע אקציעס אין דער מלחמה קעגן דייטשלאנד". שפּעטער (יוני 1942 י.) האָבן די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע אונטערגעשריבן מיט פססר א „פארשטענדיקונג וועגן די פּרינציפּן, וואָס ווערן אָנגעווענדט צו דער קעגנזייטיקער הילף אינעם פירן די מלחמה קעגן דער אגרעסיע". עס האָט זיך אויסגעבילדעט אן ענגליש-סאָוועטיש-אמעריקאנישע קאָאליציע, וואָס האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו צעשמעטערן די איטאליעניש-דייטשישע קאָ-אליציע.

חבר סטאלין האָט גערופן דאָס סאָוועטישע פאָלק איבערצו-בויען די גאנצע ארבעט אויף א קריגס-אופן, אונטערוואַרפנדיק אלץ די אינטערעסן פונעם פראָנט און די אויפגאבן צו אָרגאני-זירן די צעשמעטערונג פונעם שונא. די רויטע ארמיי מיטן פלאָט און אלע סאָוועטישע בירגער דארפן פארטיידיקן איטלעכן שפּאן פון דער סאָוועטישער ערד, שלאָגן זיך ביזן לעצטן טראָפּן בלוט פאַר יעדער שטאָט און דאָרף. חבר סטאלין האָט אָנגעוויזן, אז ס'איז נייטיק צו אָרגאניזירן אלזייטיקע הילף דער רויטער ארמיי, פארפעסטיקן איר הינטער-לאנד, באזאָרגן די ארמיי מיט וואָפן, מיט קריגס-מאטעריאלן, מיט דערנערונג.

---

[1] י. סטאלין, וועגן דער גרויסער פאַטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן-פארבאנד, 5-טע אויפלאגע, ז. 16.

חבר סטאלין האָט געגעבן אַן אָנווייַזונג, אַז ווען די טיילן פון דער רויטער ארמיי זייַנען געצוואונגען צוריקטרעטן, זאָל דעם שונא ניט איבערגעלאָזט ווערן קיין איין לאָקאָמאָטיוו, קיין איין וואגאָן, קיין איין קילאָגראם ברויט, קיין איין ליטער ברענשטאָף. חבר סטאלין האָט גערופן צו אָרגאניזירן פּארטיזאנישע אָטריאדן, צו פאראייניקן די פּארטיזאנישע מלחמה בייַם שונא אין הינטער־לאנד מיט די קריגס־אָפּעראציעס פון דער רויטער ארמיי

„אלע כוחות פונעם פאָלק — אויף צעשמעטערן דעם שונא! פאָראויס, פאר אונדזער זיג!" — האָט געזאָגט דער חבר סטאלין.

אויפן רוף פון דער פּארטיי האָבן זיך אויפגעהויבן צו פאר־טיידיקן דאָס היימלאנד אלע פעלקער פונעם סאָוועטן־פארבאנד.

שנעל און אנטשיידן איז די גאנצע פאָלקס־ווירטשאפט, די ארבעט פון אלע פּארטייאישע, מלוכהשע און געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס איבערגעבויט געוואָרן אויף א קריגס־אופן, צום באדינען די נויט־באדערפענישן פונעם פראָנט. דער פראָנט און דאָס הינטער־לאנד זייַנען פארוואנדלט געוואָרן אין איין איינ־הייַטלעכן קריגס־לאגער. דאָס גאנצע סאָוועטישע פאָלק האָט מער ווי ווען־עס־איז אנדערש זיך פאראייניקט און באהעפט ארום דער באָלשעוויסטישער פּארטיי און דער רעגירונג.

אין א קורצער צייַט איז די גאנצע אינדוסטריע איבערגע־בויט געוואָרן אויף אויסארבעטן לאנדשוץ־פּראָדוקציע. טויזנטער אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון די ראיאָנען, וואָס זייַנען באדראָט געווען פונעם שונא, האָבן זיך עוואקוירט אין הינטער־לאנד און דאָרט פאָרגעזעצט זייער ארבעט. אין די מזרח־ראַ־יאָנען פונעם לאנד האָט זיך מיט דערפאָלג אנטוויקלט די בוי־

אונג פון נײַע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון לאַנדשאַפֿט־כאַראַקטער. אין דער רויטער ארמיי האָבן זיך אריינגעגאָסן אַלץ נײַע און נײַע קרעפֿטן. אין די שטעט און געגנטן פון דער פראָנט־זאָנע האָבן זיך פאַרמירט טיילן פון פאָלקס־מיליטער („אָפּאָל־טשעניע"). אויף די סאָוועטישע טעריטאָריעס, וואָס זײַנען צײַט־ווײַליק פארכאפּט געוואָרן פונעם שונא, האָבן באַלד אין די ערש־טע טעג מלחמה אָנגעהויבן אָפּערירן די פאָלקס־נקמה־נעמער — די געוואגטע סאָוועטישע פארטיזאנער.

דעם 19 יולי 1941 יאָר האָט דער פרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פסםר באשטימט י. וו. סטאַלינען פאַרן פאָלקס־קאָמיסאר פון דער לאַנדשאַפֿט פונעם פארבאנד ססר. חבר סטאלין פירט דורך א ריזיקע ארבעט צו פארפעסטיקן די סאָוועטישע באוואָפנטע קרעפטן. אונטער חבר סטאַלינס אָנפירונג האָט די סאָוועטישע ארמיי אָנגעווענדט די טאַקטיק פון אקטיווער שיץ, וואָס האָט געהאט דעם ציל אויסצומאטערן דעם שונא, מאקסי־מאַל פארניכטן זײַן לעבעדיקע קראפט און טעכניק און צוגרייטן די באדינגונגען אויף אריבערצוגיין אין אָנגריף.

דער חשבון פון דער היטלערישער קאָמאנדשאַפט איז גע־ווען — בליץ־שנעל צעקלאַפּן פסםר, אויף גיך פארכאַפּן מאָסקווע און לענינגראד, זי האָט דעריבער, ניט רעכענענדיק זיך מיט די קאָלאָסאַלע פארלוסטן פון דער דײַטשישער ארמיי אין מענטשן און טעכניק, געהאלטן אין איין ווארפן אויפן סאָוועטיש־דײַטשישן פראָנט אירע רעזערוון. אין אָקטאָבער האָט זיך די דײַטשן מיטן פרײַז פון קאָלאָסאַלע פארלוסטן אײַנגעגעבן ארײַנרײַסן זיך אויף דער טעריטאָריע פון מאָסקווער געגנט.

עס האָט זיך געשאַפן די געפערלעכסטע לאגע, וואָס איז נאָר

געוועזן אין דער גאנצער קאמפאניע פון 1941 יאָר. א טויט-געפאר האָט זיך אָנגערוקט אויף מאָסקווע. דעם 19 אָקטאָבער 1941 יאָר איז מיט דער אונטערשריפט פונעם פאָרזיצער פונעם מלוכהשן שוץ-קאָמיטעט חבר סטאלין פארעפנטלעכט געוואָרן א באשטימונג וועגן איינפירן אין מאָסקווע באלאגערונגס-צושטאנד. חבר סטאלין האָט פאנאנדערגעארבעט און גלענצנדיק פארווירקלעכט דעם פלאן פון באשיצן די הויפט-שטאָט, דעם פלאן פון צעקלאפן דאָס דייטשישע מיליטער אונטער מאָסקווע.

דער שונא האָט זיך געפונען ביי די שוועלן פון מאָסקווע נאָר ניט געקוקט דערויף, איז אין מאָסקווע דעם 6 נאָוועמבער 1941 יאָר צו שטאנד געקומען די טראדיציאָנעלע פייערלעכע זיצונג פונעם מאָסקווער סאָוועט פון די דעפוטאטן פון די ארבעטנדיקע צוזאמען מיט די פארטייאישע און געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס פון דער שטאָט מאָסקווע, געווידמעט דעם 24-טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאליסטישער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. מיט א פאָרטראָג איז ארויסגעטראָטן חבר סטאלין.

אין זיין פאָרטראָג האָט חבר סטאלין אונטערגעצייגן די סךהכלען פון דער מלחמה פאר פיר חדשים. הארב און אָפן האָט דער פירער פון דער ארמיי און פונעם פאָלק געזאָגט, אז די ערנסטע סכנה, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויפן לאנד, איז ניט שוואכער געוואָרן, נאָר האָט זיך נאָך מער פארשטארקט. אין דער זעלבער צייט אָבער האָט חבר סטאלין נביאיש פאָראויסגעזען, אז די צעשמעטערונג פון די דייטשישע אימפעריאליסטן און פון זייערע ארמייען איז אומפארמיידלעך.

דער פלאן פון די דייטשיש-פאשיסטישע פארבאפער „א סוף צו מאכן" מיטן סאָוועטן-פארבאנד דורך א „בליץ-קריג"

אין פאַרלויף פון אַנדערהאַלבן-צוויי חדשים איז ענדגילטיק דורכ-געפאַלן. עס האָבן זיך ניט באַרעכטיקט די האָפענונגען פון די דייטשיש-פאַשיסטישע סטראַטעגן צו שאַפן אַן אַלגעמיי-נע קאָאַליציע קעגן ססס"ר און צו איזאָלירן דעם סאָוועטן-פאַר-באַנד, ס'האָט זיך ניט באַרעכטיקט זייער אויסרעכענען אויף דער ניט-פעסטקייט פון דער סאָוועטישער אָרדענונג, אויף דער ניט-פעסטקייט פון סאָוועטישן הינטער-לאַנד, אויף דער שוואַכ-קייט פון דער רויטער אַרמיי און פונעם רויטן פלאָט.

אויפדעקנדיק די סיבות פון די צייטווייליקע אומדערפאָלגן פון דער רויטער אַרמיי, האָט חבר סטאַלין אויפגעוויזן, אַז איינע פון די סיבות פון די דאָזיקע אומדערפאָלגן איז דאָס, וואָס עס איז ניטאָ קיין צווייטער פראָנט אין אייראָפּע. אַ צווייטע סיבה איז דאָס, וואָס דער רויטער אַרמיי פעלן טאַנקען און טייל-ווייז אַוויאַציע, הגם די קוואַליטעט זייערע איז אַ בעסערע, ווי ביי די דייטשן.

חבר סטאַלין האָט געשטעלט די אויפגאַבע צו ליקווידירן דעם איבערוואָג, וואָס די דייטשן האָבן אין דער צאָל טאַנקען און אַוויאַציע, און דערמיט גופא אויף אַ ראַדיקאַלן אופן פאַר-בעסערן די לאַגע פון אונדזער אַרמיי.

אָט די אָנווייזונג פונעם פירער האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַרן אויסגאַנג פון דער מלחמה. אויספילנדיק די דאָזיקע אָנווייזונג, האָט די סאָוועטישע אינדוסטריע מיט יעדן חודש אַלץ מער און מער אַרויסגעלאָזט עראָפּלאַנען, טאַנקען און מיטלען פון קאַמף קעגן זיי און האָט אין גאַנג פון דער מלחמה ליקווידירט דעם שונאס איבערוואָג אין דער צאָל קריגס-טעכניק.

דער חבר סטאלין האָט אראָפּגעריסן פון די היטלעריסטן די מאסקע פון „נאציאָנאל-סאָציאליזם“, ער האָט זיי דעמאסקירט פאר דער גאנצער וועלט, אלס א פארטיי פון די סאמע רויבע־רישע אימפּעריאליסטן, אלס שונאים פון די דעמאָקראטישע פרייהייטן, אלס א פּארטיי פון מיטלאלטערלעכער רעאקציע און שווארץ־מאהדיקע פּאָגראָמען, אלס א פּארטיי פון מערדער, וואָס האָבן אָנגעוואָרן דעם אָנבליק פון מענטשן און האָבן דע־גענערירט ביז צום גראד פון ווילדע חיות.

„און די דאָזיקע מענטשן, — האָט דער חבר סטאלין גע־זאָגט, — אָן געוויסן און אָן ערע, מענטשן מיט דער מאָראל פון חיות, האָבן די חוצפּה צו רופן פארניכטן די גרויסע רוסישע נאציע—די נאציע פון פּלעכאנאָוו און לענין, פון בעלינסקי און טשערנישעווסקי, פון פּושקין און טאָלסטאָי, פון גלינקא און טשײַ־קאָווסקי, פון גאָרקי און טשעכאָוו, פון סעטשענאָוו און פּאוולאָוו, פון רעפּין און סוריקאָוו, פון סוּוואָראָוו און קוטוזאָוו!..“ [1].

חבר סטאלין האָט גערופן דאָס גאנצע סאָוועטישע פאָלק, עס זאָל נאָך מער פארשטארקן זײַן שטיצע דער ארמיי און דעם פלאָט, עס זאָל מסירת־נפשדיק ארבעטן צו הילף דעם פראָנט, און ער האָט אוועקגעשטעלט די אויפגאבע — אויסראָטן די דײַטשיש־פאשיסטישע פארכאפּער. „די דײַטשישע פארכאפּער ווילן האָבן אן אויסראָטונגס־מלחמה מיט די פעלקער פון ססר. מילא, אויב די דײַטשן ווילן האָבן אן אויסראָטונגס־מלחמה, וועלן זיי זי באקומען“ [2], — האָט געזאָגט חבר סטאלין.

[1] י. סטאלין. וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן־פארבאנד, 5־טע אויפלאגע, ז. 30.
[2] דארט.

חבר סטאלינס ווערטער „אונדזער זאך איז א גערעכטע, — דער זיג וועט געהערן אונדז!“[1] האָבן אויסגעדריקט די געדאנ-קען, די שטרעבונגען און די טיפסטע זיכערקייט פון אלע סאָוועט-טישע מענטשן דעריין, אז דער שונא וועט אומפארמיידלעך צע-קלאפּט ווערן.

דעם 7 נאָוועמבער 1941 יאָר איז אין מאָסקווע אויפן רויטן פלאַץ פאָרגעקומען א פאראד פונעם מיליטער פון דער רויטער ארמיי. פון דער טריבונע פונעם לענין-מאַוזאָליי האָט חבר סטאלין גערעדט וועגן דער גרויסער באפרייאונגס-מיסיע פון דער רויטער ארמיי און האָט געוואונטשן די סאָוועטישע קריגער, די פארטיזאנער און פארטיזאנקעס: „זאָל אייך בא-גייסטערן אין דער דאָזיקער מלחמה דאָס מוטיקע געשטאלט פון אונדזערע גרויסע אבות — אלעקסאנדער נעווסקי, דימיטרי דאָנסקאָי, קוזמא מינין, דימיטרי פּאָזשארסקי, אלעקסאנדער סוואָראָוו, מיכאיל קוטוזאָוו! זאָל אייך באשירעמען די זיגרייכע פאָן פונעם גרויסן לענין!“[2].

די רויטע ארמיי האָט אויף די ארויסטרעטונגען פון איר מיליטער-פירער געענטפערט מיט פארשטארקן די איינגע-שפּארטקייט און אויסדויערונג, מיט פארשטארקן די קלעפּ אי-בערן שונא.

חבר סטאלין האָט פערזענלעך אָנגעפירט מיט דער שוץ פון מאָסקווע, ער האָט אוממיטלבאר געריכטעט די אָפּעראציעס פון דער רויטער ארמיי, ער האָט באגייסטערט די קריגער און קאָמאנדירן, אכטונג געגעבן אויפן גאנג פון דער בויאונג פון די

[1] י. סטאלין, וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן-פארבאנד, 5-טע אויפלאגע, ז. 36.

[2] דאָרט, ז. 40.

שוץ-איינריכטונגען אויף די שוועלן פון דער סאָוועטישער הויפּט-שטאָט.

אין דעצעמבער האָבן לויט חבר סטאַלינס באַפעל עטלעכע סאָוועטישע ארמייען, וואָס זיינען געווען קאָנצענטרירט אינעם ראַיאָן פון מאָסקווע, אומגעריכט זיך א לאָז געטאָן אויפן דייטשישן מיליטער. נאָך עקשנותדיקע שלאַכטן האָבן די דייטשן ניט אויסגעהאלטן דעם דאָזיקן דראַנג און האָבן אָנגעהויבן צו-ריקטרעטן אין אומאָרדענונג. דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט ווייטער געיאָגט די צעקלאַפּטע דייטשישע ארמייען און האָט אין פארלויף פון ווינטער ערטערווייז זיך א רוק געטאָן אויף מערב מער ווי אויף 400 קילאָמעטער. דער היטלערישער פּלאַן ארומצוזינגלען און איינעמען מאָסקווע איז דורכגעפאַלן.

די צעגראָמירונג פונעם דייטשיש-פאַשיסטישן מיליטער אונ-טער מאָסקווע איז געווען די אנטשיידנדיקע קריגס-געשעעניש פון דעם ערשטן יאָר מלחמה און די ערשטע גרויסע מפּלה פון די דייטשן אין דער צווייטער וועלט-מלחמה. די דאָזיקע מפּלה האָט אויף שטענדיק געמאַכט א סוף צו דער לעגענדע, וואָס די היטלעריסטן האָבן געשאַפן, אז די דייטשישע ארמיי איז אומבאַזיגבאַר.

די צעגראָמירונג פון די דייטשן אונטער מאָסקווע האָט באַוויזן די מעלות פון חבר סטאַלינס סטראַטעגישן פּלאַן פון די אָנגריף-אָפּעראַציעס לגבי דער סטראַטעגיע פון די דייטשן.

אינעם באַפעל נומער 55 פון דעם 23 פעברואַר 1942 יאָר האָט י. וו. סטאַלין אלס דעם וויכטיקסטן סך-הכל פון די פאַרלאָפענע אכט חדשים מלחמה באַצייכנט דעם פאַקט, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעוואָרן זייער קריגס-פאַרצוג, וועלכן זיי האָבן געהאַט

אין רעזולטאט פון דעם טרײַ-ברעכערישן און פלוצלינגדיקן אָנפאל אויף פּסםר.

„דער מאָמענט פון פלוצלינגדיקײַט און אומגעריכטקײַט, אלס רעזערוו פונעם דײַטשיש-פאשיסטישן מיליטער, איז פארנוצט אינגאנצן. דערמיט גופא איז ליקווידירט געוואָרן די אומגלײַכהײַט אין די באדינגונגען פון דער מלחמה, — די אומגלײַכהײַט, וואָס האָט זיך געשאפן מחמת דער פלוצלינגדיקײַט פונעם דײַטשיש-פאשיסטישן אָנפאל. איצט וועט דער גורל פון דער מלחמה געלייזט ווערן ניט דורך אזא נעבן-זאכלעכן מאָמענט, ווי דער מאָמענט פון פלוצלינגדיקײַט, נאָר דורך שטענדיק ווירקנדיקע פאקטאָרן: די פעסטקײַט פונעם הינטער-לאנד, דער מאָראלישער גײַסט פון דער ארמיי, די צאָל און די קוואליטעט פון די דיוויזיעס, די באוואָפענונג פון דער ארמיי, די אָרגאניזאטאָרישע פעיִקײַטן פונעם אָנפירנדיקן באשטאנד פון דער ארמיי" [1].

דער סטאלינישער טעזיס וועגן דער באדײַטונג פון די שטענדיק ווירקנדיקע מלחמה-פאקטאָרן, אלס די אנטשיידנדיקע פאקטאָרן, איז געווען א ווײַטערדיקע שעפערישע אנטוויקלונג פון דער מארקסיסטיש-לענינישער וויסנשאפט וועגן קריג, וועגן דער אוממיטלבארער אָרגאנישער פארבינדונג פונעם גאנג און אויסגאנג פון דער מלחמה מיטן גראד און כאראקטער פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אנטוויקלונג פון דער מלוכה און מיט איר אידעאָלאָגיע, מיטן גראד געשולטקײַט און רײַפקײַט פון אירע קאדרען.

---

[1] י. סטאלין, וועגן דער גרויסער פאטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן-פארבאנד, 5-טע אויפלאגע, ז. 43—44.

דער סטאַלינישער טעזיס וועגן דער ראָליע פון די שטענדיק ווירקנדיקע מלחמה־פאַקטאָרן האָט א קאָלאָסאַלע טעאָרעטישע און פּראַקטישע באַדײַטונג. האָט מען אין אכט און מען נוצט ריכטיק אויס די דאָזיקע פאַקטאָרן, באַקומט מען אין דער מיליטערישער און אָרגאַניזאַטאָרישער ארבעט די מעגלעכקײַט צו קאָנצענטרירן די הויפּט־אויפמערקזאַמקײַט אויף לייזן די גרונט־אויפגאַבן, פון וועלכע עס הענגט אָפּ דער גורל פון דער מלחמה.

א באַזונדערע באַדײַטונג גיט צו חבר סטאַלין דער באַהערשונג פון דער קריגס־קונסט מצד די קאָמאַנדירן און קריגער. אינעם באַפעל פונעם 1 מײַ 1942 יאָר האָט חבר סטאַלין באַטאָנט, אז די רויטע ארמיי פאַרמאָגט אלדאָס נייטיקע אויף צו צעקלאַפּן דעם שונא און צו פאַרטרײַבן אים פון סאָוועטן־לאַנד. „עס פעלט בלויז איינס — דאָס קענען פולשטענדיק אויסנוצן קעגן דעם שונא די ערשטקלאַסיקע טעכניק, וואָס אונדזער היימלאַנד גיט איר. דעריבער איז די אויפגאַבע פון דער רויטער ארמיי, פון אירע קריגער, פון אירע קוילנוואַרפלער, פון אירע ארטילעריסטן, פון אירע מינענוואַרפלער, פון אירע טאַנקיסטן, פון אירע פליער און קאַוואַלעריסטן — לערנען זיך דאָס קריגס־וועזן, לערנען זיך פאַרעקשנט, יעדערער זאָל פולקום דערלערנען זײַן געווער, ווערן א מײַסטער פון זײַן פאַך און אויסלערנען זיך אזוי־ארום צו שלאָגן דעם שונא אויף זיכער. בלויז אזוי קאָן מען זיך אויסלערנען די קונסט פון באַזיגן דעם שונא“ [1].

אויך ווײַטער, אין פאַרלויף פון דער גאַנצער מלחמה האָט חבר סטאַלין כסדר אָנגעוויזן, אז ס'איז נייטיק צו פאַרפולקומען

[1] י. סטאַלין. וועגן דער גרויסער פאַטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, 5־טע אויפלאַגע, ז. 57.

די קריגס־געשולטקייט, העכערן דאָס וויסן און דאָס קענען אויסנוצן די קריגס־טעכניק און דאָס באהערשן די קונסט פון פירן דאָס מיליטער, די קונסט אָפּצוהאלטן נצחונות איבערן שונא לויט אלע כללים פון דער מאָדערנער קריגס־וויסנשאפט. אויס־פילנדיק די דאָזיקע אָנווייַזונגען, האָט די רויטע ארמיי עקשנות־דיק און אייַנגעשפּארט כסדר דערלערנט דאָס קריגס־וועזן און האָט זיך אויסגעלערנט די קונסט צו שלאָגן דעם שונא אויף זיכער.

זומער 1942 יאָר האָבן די דייַטשן, אויסנוצנדיק די לאגע, וואָס עס איז ניט געווען קיין צווייטער פראָנט אין אייראָפּע, אריבערגעוואָרפן אלע זייערע רעזערוון, דערונטער אויך דאָס מיליטער פון זייערע פארבינדעטע, אויפן סאָוועטיש־דייַטשישן פראָנט און האָבן אין דער דרום־מערבדיקער ריכטונג קאָנצענט־רירט א גרויסע צאָל מיליטער.

חבר סטאלין האָט באצייַטנס אויפגעדעקט דעם פּלאן פון דער דייַטשישער קאָמאנדשאפט, וואָס האָט געפּרואווט שאפן דעם אייַנדרוק, אז, כלומרשט, דער הויפּט־ציל און ניט קיין בייַ־ציל פון דעם זומער־אָנגריף פונעם דייַטשישן מיליטער איז צו פארכאפּן די נאפט־ראיאָנען פון גראָזני און באקו. אין דער אמתן איז דער הויפּט־ציל געווען, האָט אָנגעוויזן חבר סטאלין, ארומגיין מאָסקווע פון מזרח־זייַט, אָפּשנייַדן זי פון וואָלגער און אוראלער הינטער־לאנד און דערנאָך דערלאנגען א קלאפּ אויף מאָסקווע און דערמיט גופא פארענדיקן די מלחמה אין 1942 יאָר.

לויטן באפעל פון דעם אויבער־הויפּט־קאָמאנדיר חבר סטאלין האָט דאָס סאָוועטישע מיליטער פארצאמט דעם שונא די וועגן, וואָס פירן אויף צפון, אין רוקן פון מאָסקווע. אינמיטן

יולי 1942 יאָר האָבן די דײַטשן אָנגעהויבן אַן אָנגריף אויף סטאַלינגראַד, — זיי האָבן אויסגערעכנט דערויף, אַז זיי וועט זיך אײַנגעבן אײַנצונעמען די שטאָט מיט איין קלאַפּ, צערײַסן דעם סאָוועטישן פראָנט און פאָרזעצן דעם מאַרש לענג־אויס דער וואָלגע אויף צפון, פאַרגייענדיק מאָסקווע פון הינטן־אַרום. חבר סטאַלין האָט באַפוילן צו פאַרטיידיקן סטאַלינגראַד אום יעדן פּרײַז. דעם 5 אָקטאָבער 1942 יאָר האָט חבר סטאַלין אָפּגעגעבן אַ באַפעל דעם קאָמאַנדיר פונעם סטאַלינגראַדער פראָנט: „איך פאָדער, אַז איר זאָלט אָננעמען אַלע מיטלען צום פאַרטיידיקן סטאַלינגראַד. סטאַלינגראַד טאָר ניט אָפּגעגעבן ווערן דעם שונא” [1].

עס האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט פאַר סטאַלינגראַד, די גרעסטע שלאַכט אין דער געשיכטע פון מלחמות. די רויטע אַרמיי האָט העראָיִש פאַרטיידיקט די באַרימטע שטאָט אויף דער וואָלגע, וואָס טראָגט סטאַלינס נאָמען. די שלאַכט־טראַדיציעס פון דער צאַריצינער עפּאָפּייע 1918 זײַנען אויפגעלעבט געוואָרן אין די שלאַכטן פאַר סטאַלינגראַד. אין ברען פון די שלאַכטן האָבן די קריגער, קאָמאַנדירן און פּאָליט־טוער פונעם סטאַלינגראַדער פראָנט זיך געווענדעט צום חבר סטאַלין מיט אַ בריוו. יעדעס וואָרט האָט דאָ געקלונגען ווי אַ שבועה: „פאַר אונדזערע שלאַכט־פאָנען, פאַרן גאַנצן סאָוועטן־לאַנד שווערן מיר, אַז מיר וועלן ניט פאַרשעמען דעם רום פונעם רוסישן וואָפן, מיר וועלן זיך שלאָגן ביז דער לעצטער מעגלעכקײַט. אונטער אײַער אָנפירונג האָבן אונדזערע פאָטערס געזיגט אין

[1] „פּראַווּדאַ” נומ׳ 28, 2 פעברואַר 1944 י׳

דער צאריצינער שלאכט, אונטער אײַער אָנפירונג װעלן מיר זינגן אויך איצט אין דער גרויסער שלאכט אונטער סטאלינ־גראד!" [1].

אין די טעג, װען דער שונא האָט זיך געהאט אדורכגעריסן צו סטאלינגראד און צו די פאָרבערג פון קאװקאז, האָט דאָס כאָװועטן־לאנד אָפּגעמערקט דעם 25־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאליסטישער אָקטאָבער־רעװאָלוציע. דעם 6 נאָװעמבער 1942 יאָר איז מיט א פאָרטראָג אויף דער פײַערלעכער זיצונג פונעם מאָסקװער סאָװעט ארויסגעטראָטן סטאלין.

חבר סטאלין האָט אויספירלעך כאראקטעריזירט די טעטיקײַט פון די סאָװעטישע מלוכהשע און פארטייאישע אָרגאנען פארן פארלאָפענעם יאָר אויפן געביט פון דער פרידלעכער בוי־אונג און פון אָרגאניזירן א פעסטן הינטער־לאנד פארן פראָנט און אויפן געביט פון דורכפירן די שוץ־ און אָנגריף־אָפּעראציעס פון דער רויטער ארמיי.

כאראקטעריזירנדיק די אָרגאניזאטאָרישע ארבעט אינעם הינטער־לאנד, האָט חבר סטאלין פארצייכנט, אז פאר דער צײַט פון דער מלחמה איז אָפּגעטאָן געװאָרן א ביז גאָר שװערע און קאָמפּליצירטע אָרגאניזאטאָרישע ארבעט, עס איז איבערבאַזירט געװאָרן די קריגס־אינדוסטריע און די ציװילע אינדוסטריע אין די מזרח־ראיאָנען פונעם לאנד, עס איז איבערגעבויט און ראדיקאל פארבעסערט געװאָרן די ארבעט פון די אונטערנעמונגען, װאָס באזאָרגן דעם פראָנט. „מען דארף אָנערקענען, — האָט דער חבר סטאלין געזאָגט, — אז אונדזער לאנד האָט נאָך

[1] „פראװדא" נומ. 310, 6 נאָװעמבער 1942 י.

קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ פעסט און אָרגאַניזירט הינטער־לאַנד" [1].

דערקלערנדיק, פאַרוואָס די דייַטשן האָבן זומער 1942 יאָר אָפּגעהאַלטן ערנסטע טאַקטישע דערפאָלגן, האָט חבר סטאַלין פאַרצייכנט, אַז די אָפּוועזנהייַט פון אַ צווייטן פראָנט אין אייראָפּע האָט געגעבן די דייַטשן די מעגלעכקייַט צו שאַפן אַ גרויסן כוחות־איבערוואָג אין דער דרום־מערבדיקער ריכטונג.

באַטראַכטנדיק די פראַגע וועגן דעם צווייטן פראָנט אין אייראָפּע אין היסטאָרישן אַספּעקט, האָט חבר סטאַלין געבראַכט פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע ציפער: אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דייַטשלאַנד, וואָס האָט מלחמה געהאַלטן אויף צוויי פראָנטן, אַרויסגעשטעלט קעגן דעם רוסישן פראָנט סך־הכל 127 דיוויזיעס מיליטער אייגענע און פון די פאַרבינדעטע זייַנע. אין דער איצטיקער מלחמה האָט דייַטשלאַנד, שלאָגנדיק זיך בלויז אויף איין פראָנט, געוואָרפן אויפן סאָוועטיש־דייַטשישן פראָנט בייַ 240 דיוויזיעס, ד.ה. כמעט אין צוויי מאָל מער ווי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

טאַקע נאָר אַדאַנק דעם העראָיזם פון דער סאָוועטישער אַרמיי און פון די פּאַרטיזאַנער, אַדאַנק דער מסירת־נפשדיקער אַרבעט פון די סאָוועטישע פּאַטריאָטן אינעם הינטער־לאַנד און דער ריכטיקער אָנפירונג פון דעם אויבער־הויפּט־קאָמאַנדיר, דעם אָנפירער פון דער פּאַרטיי און דער סאָוועטן־מלוכה חבר סטאַלין איז מען בייַגעקומען די ריזיקע שווועריקייַטן בייַם אָפּשלאָגן דעם אָנגריף פון די היטלערישע חילות. מיט גרויס שטאָלץ פאַרן

[1] י. סטאַלין. וועגן דער גרויסער פּאַטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, 5־טע אויפלאַגע, ז. 62.

סאָוועטן־לאַנד, פאַרן סאָוועטישן פאָלק און זײַן ארמײ האָט חבר סטאלין געזאָגט:

„איך מײן, אז קײן שום אנדער לאַנד און קײן שום אנדער ארמײ וואָלט ניט געקאָנט אויסהאלטן אזא מין אָנדראַנג פון די צעווילדעוועטע באַנדעס פון די דײַטשיש־פאַשיסטישע רוצחים און פון זײערע פאַרבינדעטע. בלויז אונדזער סאָוועטן־לאַנד און בלויז אונדזער רויטע ארמײ זײַנען אימשטאַנד אויסצוהאלטן אזא מין אָנדראַנג. און ניט בלויז אויסהאלטן, נאָר אויך בײַקומען אים" [1].

חבר סטאלין האָט געשטעלט פאַר דער רויטער ארמײ די אויפגאַבע ניט לאָזן דעם שונא גײן פאָראויס, פאַרעקשנט און אײַנגעשפּאַרט גרײטן א קלאַפּ איבערן שונא.

די רויטע ארמײ און דאָס גאַנצע סאָוועטישע פאָלק האָבן מיט קאָלאָסאַלער באַגײַסטערונג אויפגענומען די אַרויסטרעטונג פון זײער פירער און סטראַטעג. די מיליאָנען ארבעטער און קאָלווירטניקעס האָבן נאָך מער פאַרגרעסערט די אויסאַרבעטונג פון קריגס־פּראָדוקציע פאַרן פראָנט און שפּײַז־פּראָדוקטן פאַר דער ארמײ. לויט דער איניציאַטיוו פון די טאַמבאָווער קאָל־ווירטניקעס און קאָלווירטניצעס האָט זיך אינעם לאַנד פאַנאַנ־דערגעוויקלט א ברײטע באַוועגונג צו זאַמלען מיטלען פאַרן פאָנד פון דער רויטער ארמײ.

מיט פעסטער זיכערקײַט אינעם זיג האָט אָנגעפילט די הער־צער פון די סאָוועטישע מענטשן דער באַפעל פונעם פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר לאַנדשוץ י. וו. סטאלין פונעם 7 נאָוועמבער

[1] י. סטאלין, וועגן דער גרויסער פאַטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, 5־טע אויפלאַגע, ז. 69—70.

1942 יאָר. „דער שונא האָט שוין איינמאָל פאַרזוכט די קראַפט פון די קלעפּ פון דער רויטער אַרמיי אונטער ראָסטאָוו, אונטער מאָסקווע, אונטער טיכווין. ניט ווײַט איז דער טאָג, ווען דער שונא וועט דערפילן די קראַפט פון נײַע קלעפּ פון דער רויטער אַרמיי. עס וועט זײַן יום־טוב אויך אויף אונדזער גאַס" [1].

א גלענצנדיקע באַשטעטיקונג פון אָט די ווערטער חבר סטאַלינס איז געווען די צעשמעטערונג פון די דײַטשן אונטער סטאַלינגראַד.

דער געניאַלער מיליטער־פירער, וואָס מיט זײַן נאָמען אויף די ליפּן זײַנען געגאַנגען אין שלאַכט די סאָוועטישע קריגער, האָט פאָראויסגעזען די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן און האָט באַהערשט מיט זײַן שטאָלענעם ווילן דעם גאַנג פון דער גיגאַנטישער שלאַכט.

לויט סטאַלינס באַפעל איז דאָס סאָוועטישע מיליטער דעם 19 נאָוועמבער 1942 יאָר אויף די שוועלן פון סטאַלינגראַד אַריבער אין אָנגריף. דער קלאַפּ איז דערלאַנגט געוואָרן איבער די פלאַנגען, און דערנאָך אין רוקן פונעם דײַטשישן מיליטער. דער סטראַטעגישער פּלאַן פון פלאַנגען־קלעפּ, וואָס איז אויסגעאַרבעט און דורכגעפירט געוואָרן אונטער חבר סטאַלינס אָנפירונג, האָט געזיכערט א נײַעם גלענצנדיקן זיג פון דער רויטער אַרמיי. פאַר א קורצער צײַט האָט דאָס סאָוועטישע מיליטער אַרומגערינגלט אין ראַיאָן פון סטאַלינגראַד א 300־טויזנטיקע אַרמיי דײַטשן, א טייל פון איר פאַרניכטעט און א טייל גענומען אין געפאַנגענשאַפט.

[1] י. סטאַלין. וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, 5־טע אויפלאַגע, ז. 81.

דאָס איז געווען דער מערקווירדיקסטער זיג אין דער געשיכטע פון גרויסע מלחמות. די שלאכט פאר סטאלינגראד איז דער קרוין פון דער קריגס־קונסט; דאָ האָט זיך נאָכאמאָל אנטפּלעקט די פולקומענהײַט פון דער פאָרגעשריטענער סאָוועטישער קריגס־וויסנשאפט. דער היסטאָרישער זיג, וואָס איז דאָ אָפּגעהאלטן געוואָרן, איז אן אויסדרוקפולער טריומף פון דער סטאלינישער סטראטעגיע און טאקטיק, דער טריומף פונעם געניאלן פּלאן און קלוגער פּאָראויסזעונג פון דעם גרויסן מיליטער־פירער, וואָס האָט גלענצנד אויפגעדעקט די כונות פון דעם שונא און אויסגענוצט די שוואכקײַטן פון זײַן אוואנטוריסטישער סטראטעגיע.

לויט סטאלינס אָפּשאצונג איז „סטאלינגראד געווען די ירידה פון דער דײַטשיש־פאשיסטישער ארמיי. ווי באוואוסט, האָבן נאָך דער סטאלינגראדער שלאכט די דײַטשן שוין מער ניט געקאָנט קומען צו זיך“ [1].

גענומען אין די טעג פון דער סטאלינגראדער שלאכט די איניציאטיוו צו זיך אין די הענט, האָט די סאָוועטישע ארמיי ווײַטער געפירט אירע אָנגריף־אָפּעראציעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מאסנווײַזע ארויסיאָגן דעם שונא פון סאָוועטן־לאנד.

אינעם באפעל פונעם 23 פעברואר 1943 יאָר האָט חבר סטאלין, כאראקטעריזירנדיק די דערפּאָלגן פון אונדזער מיליטער און דעם העראָיזם פון די סאָוועטישע מענטשן, געזאָגט: „אונדזער פאָלק וועט אויף אייביק פארהיטן דעם אָנדענק וועגן דער העראָישער פארטיידיקונג פון סעוואסטאָפּאָל און אָדעס,

[1] י. סטאלין. וועגן דער גרויסער פּאטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן־פארבאנד, 5־טע אויפלאגע, ז. 113.

ווענן די פאַרעקשנטע שלאַכטן אונטער מאָסקווע און אין די פאָרבערג פון קאווקאז, אינעם ראַיאָן פון רזשעוו און בײַ לעני-גראַד, ווענן דער שלאַכט, דער גרעסטער אין דער געשיכטע פון מלחמות, בײַ די ווענט פון סטאַלינגראַד. אין אָט די גרויסע שלאַכטן האָבן אונדזערע העלדישע קריגער, קאָמאַנדירן און פּאָליט-טוער באַדעקט מיט אייביקן רום די קאַמפּס-פאָנען פון דער רויטער אַרמיי און געלייגט דעם פעסטן פונדאַמענט פאַרן זיג איבער די דײַטשיש-פאַשיסטישע אַרמייען" [1].

גלײַכצײַטיק האָט דער אויבער-הויפּט-קאָמאַנדיר געוואָרנט די קריגער און קאָמאַנדירן פון דער סאָוועטישער אַרמיי, זיי זאָלן זיך ניט אַרײַנלאָזן אין שעדלעכער זעלבסט-גענאַרעריי בנוגע די דערפאָלגן. חבר סטאַלין האָט גערופן פעסט צו פאַרגעדעני-קען די געבאָטן פונעם גרויסן לענין: „די ערשטע זאַך — ניט פאַרשכורט ווערן פונעם זיג און ניט גרויסהאַלטן זיך, די צווייטע זאַך — פאַרפעסטיקן פאַר זיך דעם זיג, די דריטע זאַך — דער-שלאָגן דעם שונא ביזן סוף" [2].

דער רעזולטאַט פון דער ווינטערדיקער אָנגריף-קאַמפּאַניע פון די יאָרן 1942—1943 איז געווען, אַז דאָס סאָוועטישע מי-ליטער האָט ניט בלויז צונישט געמאַכט די טאַקטישע דער-פאָלגן, וואָס דער שונא האָט אָפּגעהאַלטן זומער 1942 יאָר, נאָר עס האָט אויך גענומען באַפרײַען ראַיאָנען, וואָס די דײַטשן האָבן געהאַט פאַרכאַפּט נאָך אין אָנהייב פון דער מלחמה.

די סאָוועטישע מלוכה האָט הויך אָפּגעשאַצט די אויסער-

[1] י. סטאַלין, וועגן דער גרויסער פאַטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, 5-טע אויפלאַגע, ז. 89—90.

[2] דאָרט, ז. 94—95.

געוויינלעכע פארדינסטן פון דעם אויבער-הויפט-קאָמאנדיר פון די באוואָפנטע קרעפטן פון פססר חבר סטאלין. דעם 6 מערץ 1943 יאָר האָט דער פרעזידיום פונעם אויבער-סאָוועט פון פססר געגעבן יאָסיף וויסאריאָנאָוויטש סטאלינען דעם מיליטע-רישן טיטל מארשאל פונעם סאָוועטן-פארבאנד.

ניט געקוקט אויף זייערע מפּלות און קאָלאָסאלע פארלוסטן, האָבן די דײַטשן זומער 1943 יאָר פאָרגענומען א נײַעם אָנגריף. חבר סטאלין האָט באצײַטנס אויפגעדעקט דעם פּלאן פונעם שונא, וועלכער האָט בדעה געהאט מיט א קלאַפּ פון צוויי זײַטן — פונעם ראיאָן אָריאָל און פון בעלגאָראָד — ארומרינג-לען און פארניכטן דאָס סאָוועטישע מיליטער, וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אינעם אויסבייג פונעם קורסקער בויגן, און דער-נאָך פאָרנעמען אן אָנגריף אויף מאָסקווע.

דעם 2 יולי האָט חבר סטאלין געוואָרנט די מיליטער-קאָמאנדשאפט אויף דער אָריאָל-קורסקער ריכטונג וועגן א מעגלעכן אָנגריף פון די דײַטשן דעם 3—6 יולי. און ווען דעם 5 יולי זײַנען גרויסע קרעפטן פונעם דײַטשיש-פאשיסטישן מיליטער אריבער אין אָנגריף אין דער אָריאָל-קורסקער און בעלגאָראָדער ריכטונגען, האָט זיך עס אָנגעשטויסן אויף א פארביסענעם ווידערשטאנד מצד דעם סאָוועטישן מיליטער. דער פּלאן פונעם דײַטשישן אָנגריף האָט געפּלאצט — די סאָווע-טישע שוץ איז געווען שטארקער.

דער רעזולטאַט פון דער בארימטער קורסקער שלאכט איז געווען—אויסגעמאטערט און אנטבלוטיקט די אָפּגעקליבענע פא-שיסטישע דיוויזיעס, האָט דאָס סאָוועטישע מיליטער דורכגעריסן דעם פראָנט פונעם קעגנער און איז אליין אריבער אין אָנגריף.

י. וו. סטאלין.

צייכענונג פונעם קינסטלער ב. קאַרפּאָוו.

דעם 24 יולי האָט דער אויבער־הויפּט־קאָמאנדיר דער מאר־שאל פונעם סאָוועטן־פארבאנד י. וו. סטאלין אין צוזאמענהאנג מיטן ענדגילטיקן ליקווידירן דעם דייטשישן יולי־אָנגריף ארויס־געגעבן א באפעל. אינעם באפעל איז געווען געזאָגט, אז דער דייטשישער פּלאן פונעם זומער־אָנגריף איז פולשטענדיק דורכ־געפאלן און „דערמיט גופא איז געמאכט א סוף צו דער לע־גענדע וועגן דעם, אז זומער־צייט האלטן די דייטשן שטענדיק אָפּ דערפאָלגן אין אָנגריף, און דאָס סאָוועטישע מיליטער איז כלומרשט געצוואונגען צוריקטרעטן"[1].

דער אָנגריף פון דער סאָוועטישער ארמיי איז מיט דער־פאָלג געגאנגען ווייטער. דעם 5 אויגוסט 1943 יאָר האָט דאָס סאָוועטישע מיליטער גענומען די שטעט אָריאָל און בעלגאָראָד. דער אויבער־הויפּט־קאָמאנדיר מארשאל פונעם סאָוועטן־פאר־באנד י. וו. סטאלין האָט מיט א ספּעציעלן באפעל באצייכנט אָט דעם נייעם גלענצנדיקן זיג פונעם סאָוועטישן מיליטער. אין דער הויפּט־שטאָט פון אונדזער היימלאנד — אין מאָסקווע איז געגעבן געוואָרן אן ארטילעריע־סאליוט לכבוד דעם העלדנמו־טיקן מיליטער, וואָס האָט באפרייט אָריאָל און בעלגאָראָד. פון דעמלט אָן זיינען ביי אונדז די מאָסקווער סאליוטן געוואָרן א טראדיציע פון דער מלחמה־צייט.

די צעשמעטערונג פון די דייטשן ביי קורסק האָט געהאט אן אנטשיידנדיקע באדייטונג פארן ווייטערדיקן גאנג פון דער מלחמה. „אויב די שלאכט ביי סטאלינגראד, — זאָגט סטאלין, — האָט פאָראויסגעזאָגט די ירידה פון דער דייטשיש־פאשיסטישער

[1] „פּראוודא" נומ. 185, 25 יולי 1943 י.

ארמיי, האָט די שלאכט בײַ קורסק אוועקגעשטעלט זי פאר א קאטאסטראָפע"[1].

די שלאכט בײַ קורסק, די ליקווידאציע פונעם אָריאָלער דײַטשישן פלאצדארם זײַנען געווען אָנהייב פון א נײַעם מעכטיקן אָנגריף פון דער סאָוועטישער ארמיי. צו נאָוועמבער 1943 יאָר האָט אונדזער מיליטער שוין געהאט באפרײַט בײַ צוויי דריטל פון דער סאָוועטישער טעריטאָריע, וואָס דער שונא האָט צײַטווײַליק געהאט פארכאפט.

פאר ריכטיקער אָנפירונג מיט די אָפּעראציעס פון דער רויטער ארמיי אין דער פאָטערלענדישער מלחמה קעגן די דײַטשישע פארכאפּער און פאר די דערגרייכטע דערפאָלגן האָט דער פרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר דעם 6 נאָוועמבער 1943 יאָר באלוינט דעם חבר סטאלין מיטן סוואָראָוו־אָרדן פון דער I מדרגה.

אינעם אָנגריף פון 1943 יאָר האָבן דעם סאָוועטישן מיליטער שטארק געהאָלפן די פארטיזאנער. חבר סטאלינס רוף „צעבלאָזן דעם פלאם פון דער אלפאָלקישער פארטיזאנישער באוועגונג בײַם שונא אין הינטער־לאנד, צעשמעטערן דעם שונאס הינטער־טיילן, אויסראָטן די דײַטשיש־פאשיסטישע מנולים"[2] האָט ארויסגערופן א מעכטיקע פארטיזאנישע באוועגונג. די פארטיזאנער האָבן אקטיוו אָפּערירט בײַם שונא אין הינטערלאנד, חרוב מאכנדיק זײַנע קאָמוניקאציעס, פארניכטנדיק די פאשיסטישע סאָלדאטן און אָפיצערן. סטאלין האָט אָנגעפירט

[1] י. סטאלין, וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן־פארבאנד, 5־טע אויפלאגע, ז. 114.

[2] דארט, ז. 81.

מיט דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג; ער פלעגט צונויפרופן אין מאָסקווע באַראַטונגען פון די קאָמאַנדירן פון די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן.

א הערלעך בילד פון די היסטאָרישע נצחונות, וואָס עס האָט אָפּגעהאַלטן דאָס סאָוועטישע פאָלק און זיין ארמיי, האָט חבר סטאַלין געשילדערט אין זיין פּאָרטראָג אויף דער פייערלעכער זיצונג פונעם מאָסקווער סאָוועט דעם 6 נאָוועמבער 1943 יאָר.

דאָס יאָר 1943 איז געווען „אן איבערבראָך־יאָר אין דער פּאַטערלענדישער מלחמה" [1], — האָט געזאָגט חבר סטאַלין.

„די רעזולטאַטן און די פאָלגן פון די נצחונות פון דער רויטער ארמיי זיינען ארויס וויים איבער די ראַמען פונעם סאָוועטיש־דייטשישן פראָנט, זיי האָבן געענדערט דעם גאַנצן ווייטערדיקן גאַנג פון דער וועלט־מלחמה און האָבן באַקומען א גרויסע צווישנפעלקערלעכע באַדייטונג" [2].

די נצחונות פונעם סאָוועטישן מיליטער האָבן נאָך מער פּאַרפעסטיקט די צווישנפעלקערלעכע לאַגע פון פּססר. דאָס יאָר 1943 איז געווען אן איבערבראָך־יאָר ניט בלויז אין דער פּאַטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר אויך אין דער גאַנצער וועלט־מלחמה. דער אָנגריף פון דער רויטער ארמיי אין 1943 יאָר איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך די קריגס־אָפּעראַציעס פונעם מיליטער פון די פאַרבינדעטע אין צפון־אַפריקע און אין איטאַליע און אויך דורך דעם, וואָס די אוויאַציע פון די פאַרבינדעטע האָט באָמבירט די קריגס־אינדוסטריעלע

[1] י. סטאַלין. וועגן דער גרויסער פּאַטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, 5־טע אויפלאַגע, ז. 110.

[2] דאָרט, ז. 121.

צענטערס פון דײַטשלאַנד. דײַטשלאַנדס הויפּט־פאַרבינדע־טער — די פאַשיסטישע איטאַליע האָט אינגיכן געליטן אַ מיליטערישן און פּאָליטישן קראַך און האָט אין סעפּטעמבער 1943 יאָר קאַפּיטולירט אָן שום תּנאים. דאָס איז געווען אַן ערנסטער קלאַפּ איבער דער היטלערישער קאָאַליציע.

אין רעזולטאַט פון דער קלוגער סטאַלינישער אויסערן־פּאָליטיק זײַנען דורכגעפאַלן דעם שונאס פּרואוון אַרײַנצוטראָגן מחלוקת צווישן די גרויסע מלוכות, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אויף צעקלאַפּן דאָס היטלער־דײַטשלאַנד. אויף דער קאָנפערענץ פון די אָנפירער פון די דרײַ פאַרבינדעטע מלוכות אין נאָוועמבער 1943 יאָר אין טעהעראַן, אויף וועלכער חבר סטאַלין האָט זיך באַגעגנט מיטן פּרעזידענט פון פּשא און מיטן פּרעמיער־מיניסטער פון גרויסבריטאַניע, איז אָנגענומען געוואָרן אַ דעקלאַראַציע וועגן געמיינזאַמע אַקציעס אין דער מלחמה קעגן דײַטשלאַנד און וועגן דער נאָכמלחמהדיקער מיטאַרבעט פון די דרײַ מלוכות.

דאָס יאָר 1943 איז געווען אַן איבערבראָך־יאָר אויך אין דער אַרבעט פונעם סאָוועטישן הינטער־לאַנד. די קריגס־ווירטשאַפט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט דער מי פון אונדזער פאָלק, האָט געאַרבעט ריטמיש, איז שנעל געשטיגן, און דאָס האָט געזיכערט די קוואַנטיטאַטיווע און קוואַליטאַטיווע פּרעוואַלירונג פון דער קריגס־טעכניק פון דער סאָוועטישער אַרמיי לגבי דער דײַטשישער. לויט חבר סטאַלינס דירעקטיווע אָנווײַזונגען האָבן די סאָוועטישע קאָנסטרוקטאָרן געפירט אַ פּרוכטבאַרע אַרבעט אויפן געביט פון פאַרפולקומען דאָס וואָפן און שאַפן נײַע טיפּן באַוואָפענונג.

אין די מלחמה-יאָרן האָט דאָס סאָוועטן-לאַנד מלחמה גע-האַלטן און געבויט. עס האָט זיך אויף קיין איין טאָג ניט אָפּגע-שטעלט די בויאונג פון נײַע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, שאַכטעס, דאַמבעס, עלעקטראָ-סטאַנציעס. עס זײַנען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג נײַע מעטאַלורגישע זאַוואָדן אין טשעליאַ-בינסק, אין אוזבעקיסטאַן, נײַע דאַמבעס אין טאַגיל, אין מאַג-ניטאָגאָרסק אאַוו. עס האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַ נײַער אַליומי-ניום-זאַוואָד אין סטאַלינסק. עס זײַנען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג די טשעליאַבינסקער עלעקטראָסטאַנציע, די סטאַלינסקער און פיל אַנדערע.

חבר סטאַלין האָט דערמוטיקט די קאָלעקטיוון פון די אונטערנעמונגען אויף צו דערגרייכן נאָך העכערע בוי-טעמפּן און באַהערשן די נײַע אינדוסטריעלע אָביעקטן. אין דעצעמ-בער 1943 יאָר האָט חבר סטאַלין באַגריסט די בויער און מע-טאַלורגן פונעם מאַגניטאָגאָרסקער קאָמבינאַט, וועלכע האָבן פאַר אַן אויסערסט קורצער צײַט, אין די שווערע באַדינגונגען פון מלחמה-צײַט, אויסגעבויט אַ ריזיקע דאַמבע. דעמלט אויך האָט חבר סטאַלין פאַרצייכנט די דערפאָלגן פון די אַרבעטער פונעם יענאַקיעווער מעטאַלורגישן זאַוואָד. באַגריסנדיק זיי, האָט יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש אָנגעוויזן, אַז זייער אַרבעט איז אַ באַווײַז, אַז „די שווערע אויפגאַבע פון אויפשטעלן די אינ-דוסטריע און ליקווידירן די פאָלגן פונעם באַרבאַרישן באַלעבאַ-טעווען פון די דײַטשן קאָן געלייזט ווערן פאַר אַ קורצער צײַט"[1].

---

[1] „פּראַוודאַ" נומ. 321, 31 דעצעמבער 1943 י.

חבר סטאלין האָט געשענקט אויסשליסלעכע אויפמערקזאַמקייט דער אויפשטעלונג פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט אין די ראַיאָנען, וואָס ווערן באַפרייט דורך דער סאָוועטישער ארמיי. לויט חבר סטאלינס איניציאַטיוו האָבן דער ראט פון די פאָלקס־קאָמיסארן פון פססר און דער צק אלקפ(ב) אין אויגוסט 1943 יאָר אָנגענומען א באשלוס „וועגן דרינגענדיקע מאָסמיטלען צום אויפשטעלן די ווירטשאַפט אין די ראַיאָנען, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן פון דער דייטשישער אָקופּאַציע".

דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט העלדיש געשטיצט די שלאַכט־אָפּעראַציעס פון זיינע באוואָפנטע קרעפטן. די מסירת־נפשדיקע מי פון די סאָוועטישע מענטשן אין הינטער־לאַנד, די פארדינסטן פונעם ארבעטער־קלאַס, פונעם קאָלווירטישן פויערטום און פון דער סאָוועטישער אינטעליגענץ אין די מלחמה־יאָרן האָט חבר סטאלין כאַראַקטעריזירט אלס א ביישפּיללאָזן העלדנטאַט אינעם באַשיצן דאָס היימלאַנד.

אינעם גאַנג פון דער פאָטערלענדישער מלחמה האָט זיך אלץ מער פארשטאַרקט די פריינטשאַפט פון די פעלקער פונעם סאָוועטן־פארבאַנד. אלע פעלקער פונעם סאָוועטן־לאַנד האָבן זיך איינמוטיק אויפגעהויבן צו פארטיידיקן זייער היימלאַנד.

אָנהייב 1944 יאָר האָט דער אויבער־סאָוועט פון פססר לויט חבר סטאלינס איניציאַטיוו אָנגענומען א באשלוס וועגן רעאָרגאַניזירן דעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פון לאַנדשוץ און דעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פון אויסערן־ענינים — פון אַלגעמיין־פארבאַנדישע אין פארבאַנדיש־רעפּובליקאַנישע און וועגן שאַפן אין די פארבאַנדישע רעפּובליקן פאָלקס־קאָמיסאַריאַטן פון לאַנדשוץ און פון אויסערן־ענינים.

די דאָזיקע באַשלוסן האָבן באַטײַט אַ נײַעם שריט אין דער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין פססר, אַ ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער לעניניש־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וואָס זיכערט די דערפאָלגרײַכע אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער מלוכהשקײַט פון אַלע פעלקער פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דאָס יאָר 1944 איז געווען אַ יאָר פון אַנטשיידנדיקע נצחונות פון דער סאָוועטישער אַרמיי. אויספילנדיק חבר סטאַלינס גענіאַלן סטראַטעגישן פּלאַן, האָט די סאָוועטישע אַרמיי דערלאַנגט איינס נאָכן אַנדערן צען מעכטיקע קלעפּ דעם דײַטשישן מיליטער. אַן אויספירלעכע כאַראַקטעריסטיק פון די דאָזיקע קלעפּ האָט חבר סטאַלין געגעבן אין זײַן פאָרטראָג וועגן דעם 27־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע קלעפּ זײַנען פולשטענדיק באַפרײַט געוואָרן פון די דײַטשיש־פאַשיסטישע פאַרכאַפּער די ראַיאָנען פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס זיי האָבן צײַטווײַליק געהאַט אָקופּירט, און דער שונא איז אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון די גרענעצן פון דער סאָוועטישער טעריטאָריע. די קריגס־אָפּעראַציעס פון דער סאָוועטישער אַרמיי זײַנען אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער טעריטאָריע פון דײַטשלאַנד און פון די פאַרבינדעטע פון דײַטשלאַנד.

דעם 20 יוני 1944 יאָר האָט דער פּאָרזיצער פונעם אויספיר־קאָמיטעט פונעם מאָסקווער שטאָטישן סאָוועט פון די דעפוטאַטן פון די אַרבעטנדיקע אינעם נאָמען פונעם פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר איבערגעגעבן אין קרעמל דעם פּאָרזיצער פונעם מלוכהשן שוץ־קאָמיטעט דעם אויבער־

הויפּט-קאָמאַנדיר מאַרשאַל פונעם סאָוועטן-פאַרבאַנד י. וו. סטאַלין דעם ערשטן מעדאַל „פאַר דער פאַרטיידיקונג פון מאָסקווע", מיט וועלכן ער איז באַלוינט געוואָרן פאַר אָנפירן מיט דער העראָאישער פאַרטיידיקונג פון מאָסקווע און פאַר אָר-גאַניזירן די צעשמעטערונג פונעם דייַטשישן מיליטער אונטער מאָסקווע.

פאַר די אויסערסט גרויסע פאַרדינסטן אינעם אָרגאַניזירן און דורכפירן די אָנגריף-אָפּעראַציעס פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע האָבן געבראַכט צו אַ גוואַלדיקער מפּלה פון דער דייַטשי-שער אַרמיי און צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג פון דער לאַגע אויפן פראָנט פונעם קאַמף קעגן די דייַטשיש-פאַשיסטישע פאַר-כאַפּער לטובת דער רויטער אַרמיי, האָט דער פּרעזידיום פונעם אויבער-סאָוועט פון פּססר דעם 29 יולי 1944 יאָר באַלוינט יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלינען מיטן אָרדען „נצחון".

די דערפאָלגרייַכע פאַרווירקלעכונג פונעם סטאַלינישן סטראַ-טעגישן פּלאַן אין 1944 יאָר האָט געבראַכט צו גרויסע מילי-טעריש-פּאָליטישע רעזולטאַטן. אונטער די קלעפּ פונעם סאָ-וועטישן מיליטער האָבן די געוועזענע פאַרבינדעטע פונעם היט-לערישן דייַטשלאַנד: רומעניע, פינלאַנד, בולגאַריע אוועקגע-לייגט דאָס געווער און אָנגעהויבן מלחמה האַלטן קעגן דייַטש-לאַנד. אונגאַרן האָט געהאַלטן ערב קאַפּיטולירן. אַזוי-אַרום איז אין גרונט דורכגעפירט געוואָרן די פולשטענדיקע איזאָלירונג פון דייַטשלאַנד. די געשאַפענע קריגס-סיטואַציע האָט באַטייַט, אַז דער סאָוועטן-פאַרבאַנד איז אימשטאַנד אָן דער הילף פון די פאַרבינדעטע, מיט זייַנע אייגענע כוחות צו אָקופּירן גאַנץ דייַטשלאַנד און באַפרייַען פראַנקרייַך. טאַקע דאָס האָט גע-

צוואונגען דעם געוועזענעם פרעמיער־מיניסטער פון ענגלאנד טשערטשילן, וועלכער האָט זיך ביז אהער אלץ געווערט קעגן עפענען דעם צווייטן פראָנט אין אייראָפּע, פאָרצונעמען אן אינוואזיע אין מערב־אייראָפּע. אין יוני 1944 יאָר האָבן די פאר־בינדעטע מיט דערפאָלג ארויסגעזעצט א גרויסן דעסאנט אין צפון־פראנקרייַך.

און, ווי חבר סטאלין האָט עס פאָראויסגעזען, איז דאָס היט־לערישע דייַטשלאנד געגומען געוואָרן אין קלעם צווישן צוויי פראָנטן.

אינעם פאָרטראָג וועגן דעם 27־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע דעם 6 נאָוועמבער 1944 יאָר האָט חבר סטאלין אויסגעדריקט די זיכערקייַט, אז די רויטע ארמיי, וועלכע האָט אויסגעפילט איר פאטריאָטישן חוב און האָט באפרייַט פונעם שונא דאָס פאָטערלאנד, וועט אויספילן איר היסטאָרישע מיסיע ביזן סוף, זי וועט ענדגילטיק דערשלאָגן די פאשיסטישע חיה אין איר אייגענער הייל און וועט אויפהייבן איבער בערלין די פאָן פון נצחון.

מיט קאָלאָסאלער באגייַסטערונג האָט דאָס סאָוועטישע פאָלק אויפן פראָנט און אין הינטער־לאנד אויפגענומען די סטאלינישע אָפּשאצונג פון דעם וועג, וואָס דאָס לאנד און די ארמיי האָבן דורכגעמאכט, און דעם סטאלינישן רוף: אויף בערלין!

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אנטשיידנדיקער אָנגריף פונעם סאָוועטישן מיליטער אויף דער הייל פון דער פאשיסטישער חיה. פאר א קורצער צייַט האָט די סאָוועטישע ארמיי באפרייַט פון די דייַטשן די הויפּט־שטאָט פון פוילן — ווארשע און איז

אריין טיף אין מזרח־פּרייסן. דער אָנגריף פונעם סאָוועטישן מיליטער האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט איבערן גאנצן פראָנט.

אָנהייב פעברואר 1945 יאָר איז אין קרים פאָרגעקומען א קאָנפערענץ פון די אָנפירער פון די דריי פאַרבינדעטע מלו־כות — פססר, פשא און גרויסבריטאניע.

אויף דער קאָנפערענץ זיינען אָנגענומען געוואָרן העכסט וויכטיקע מיליטערישע און פּאָליטישע באשלוסן איבער די פראגן, וואָס זיינען פארבונדן מיטן צעקלאפּן דייטשלאנד און מיט זיין נאָכמלחמהדיקער לאגע; דאָ זיינען אויך אָנגענומען געוואָרן באשלוסן וועגן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע גרונט־פּראָבלעמען פון דער באפרייטער אייראָפּע. עס זיינען קאָנטאק־טירט געוואָרן און אויספירלעך פארפלאנירט געוואָרן די טער־מינען, די מאסשטאבן און די קאָאָרדינירונג פון נייע מעכטיקע קלעפּ פון די פארבינדעטע ארמייען איבער דייטשלאנד — פון מזרח, מערב, צפון און דרום. אויף דער זעלבער קאָנפערענץ איז פון פאָראויס באשטימט געוואָרן, אז פססר טרעט אריין אין מלחמה קעגן יאפּאָניע.

ביי אויסערגעוויינלעכע היסטאָרישע נצחונות האָט דאָס סאָ־וועטן־לאנד באצייכנט דעם 27־טן יאָרטאָג פון דער עקזיסטענץ פון דער רויטער ארמיי. פאר 40 טעג אָנגריף אין יאנואר— פעברואר 1945 יאָר האָט דאָס סאָוועטישע מיליטער מיט זיינע אימפּעטפולע און געניטע אָפּעראציעס אָפּגעשליידערט דעם שונא וויַט אויף מערב, פולשטענדיק באפרייט פוילן און א היפשן טייל טשעכאָסלאָוואקיע, פארכאפּט א גרויסן טייל מזרח־פּרייסן און דייטשישע שלעזיע. אונטערן דרוק פונעם סאָוועטישן

מיליטער איז ארוים פון מלחמה דײַטשלאנדס לעצטער פאר־בינדעטער אין אייראָפּע — אונגארן.

די דערפאָלגן פונעם ווינטער־אָנגריף פון דער רויטער ארמיי האָט חבר סטאלין פארצייכנט אין זײַן באפעל דעם 23 פעברו־אר 1945 יאָר: „דער פולשטענדיקער זיג איבער די דײַטשן איז איצינד שוין נאָענט"[1], — האָט סטאַלין געזאָגט.

חבר סטאלין האָט אָנגעוויזן, אז די רויטע ארמיי האָט זיך אויסגעלערנט שלאָגן און פארניכטן דעם שונא לויט אלע כללים פון דער מאָדערנער קריגס־וויסנשאפט. „די גענעראלן און די אָפיצערן פון דער רויטער ארמיי פאראייניקן מײַסטערהאפט מאסירטע קלעפּ פון דער מעכטיקער טעכניק מיט קונציקן און האסטיקן מאנעווער"[2].

אויספילנדיק דעם סטאלינישן סטראטעגישן פלאן, האָט די רויטע ארמיי, מיטן אײַננעמען די הויפּט־שטאָט פון עסט־רײַך — ווין, פארכאפּט העכסט וויכטיקע פּלאצדארמען פונעם דײַטשיש־פאשיסטישן מיליטער אין דרום, זי האָט צעקלאפּט די אָפּגעשניטענע מזרח־פּרײַסישע ארמייען־גרופּע דײַטשן, זי האָט פארכאפּט דעם פאר דײַטשלאנד לעבנס־וויכטיקן שלעזיער אינדוסטריעלן ראיאָן און איז ארוים צו די שוועלן פון בערלין. דערמיט זײַנען געשאפן געוואָרן די באדינגונגען פארן לעצטן אנטשיידענעם שטורעם אויפן היטלערישן דײַטשלאנד.

חבר סטאלינס רוף „אויפהייבן איבער בערלין די פאָן פון

---

[1] י. סטאלין. וועגן דער גרויסער פאַטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן־פארבאנד, 3־טע אויפלאגע, ז. 180.

[2] דאָרט, ז. 179.

נצחון״ [1] האָט באַגײַסטערט די סאָוועטישע מענטשן צו נײַע העלדנטאטן אין דער ארבעט און אויף די שלאכט־פעלדער.

ערב דעם שטורעם אויף בערלין האָט י. וו. סטאלין לויט דער באפולמעכטיקונג פון דער רעגירונג פון פססר אונטערגע־שריבן אן אָפּמאך וועגן פרײַנטשאפט, קעגנזײַטיקער הילף און נאָכמלחמהדיקער מיטארבעט צווישן פססר און דער פּוילישער רעפּובליק. אין דער רעדע, וואָס חבר סטאלין האָט געהאלטן דעם 21 אפּריל 1945 יאָר בײַם אונטערשרײַבן דעם אָפּמאך, האָט ער געזאָגט:

„די פרײַהײַטס־ליבנדיקע נאציעס און פריער פאר אלץ די סלאווישע נאציעס ווארטן מיט אומגעדולד, אז דער דאָזיקער אָפּמאך זאָל געשלאָסן ווערן, ווײַל זיי זעען, אז דער דאָזיקער אָפּמאך באטײַט די פארשטארקונג פונעם איינהײַטלעכן פראָנט פון די פאראייניקטע נאציעס קעגן דעם געמיינזאמען שונא אין אייראָפּע״ [2].

דעם 2 מײַ 1945 יאָר האָט די ראַדיאָ צעטראָגן איבער דער גאנצער וועלט די ווערטער פונעם באפעל פונעם אויבער־הויפּט־קאָמאנדיר צום מיליטער פון דער רויטער ארמיי און פונעם קריגס־פלאָט: דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט „פולשטענדיק צעגראָמירט די בערלינער גרופּע דײַטשיש מיליטער און האָט הײַנט, דעם 2 מײַ, אינגאנצן אײַנגענומען די הויפּט־שטאָט פון דײַטשלאנד בערלין — דעם צענטער פונעם דײַטשישן אימפּע־ריאליזם און די נעסט פון דער דײַטשישער אגרעסיע״ [3]. די רוי־

[1] י. סטאלין, וועגן דער גרויסער פאַטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן־פארבאנד, 5־טע אויפלאגע, ז. 168.

[2] דאָרט, ז. 184.

[3] „פּראַווּדאַ״ נומ. 106, 3 מײַ 1945 י.

טע ארמיי האָט אויסגעפילט סטאַלינס רוף: די פאָן פון נצחון האָט אויפגעפלאַטערט איבער בערלין!

דער גורל פונעם היטלערישן דײַטשלאַנד איז אנטשיידט געוואָרן. דעם 8 מײַ 1945 יאָר האָבן די פאָרשטייער פון דער דײַטשישער אויבער-קאָמאַנדשאַפט אונטערגעשריבן אין בערלין דעם אקט וועגן באַדינגלאָזער קאַפּיטולאַציע פון די דײַטשישע באַוואָפנטע קרעפטן. כדי צו באַצייכענען דעם זיגרײַכן סוף פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטישן פאָלק, וועלכע איז באַקרוינט געוואָרן מיט דער פולשטענדיקער צעשמעטערונג פונעם היטלער-דײַטשלאַנד, איז דער 9 מײַ דערקלערט געוואָרן אלס טאָג פון פאָלקס-טריומף, אלס יום-טוב פון נצחון.

אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן טאָג איז יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין אַרויסגעטראָטן דורך ראַדיאָ מיט א ווענדונג צום פאָלק:

„חברים! מיטבירגער און מיטבירגערנס!

געקומען איז דער גרויסער טאָג פון נצחון איבער דײַטשלאַנד. דאָס פאַשיסטישע דײַטשלאַנד, געשטעלט אויף די קני דורך דער רויטער ארמיי און דורכן מיליטער פון אונדזערע פאַרבינדעטע, האָט זיך אָנערקענט פאַר באַזיגט און האָט דערקלערט באַדינגלאָזע קאַפּיטולאַציע...

...אַצינד קאָנען מיר מיט פולן גרונט מעלדן, אז ס'איז געקומען דער היסטאָרישער טאָג פון דער ענדגילטיקער צעשמעטערונג פון דײַטשלאַנד, דער טאָג פונעם גרויסן נצחון פון אונדזער פאָלק איבערן דײַטשישן אימפּעריאַליזם...

...איך באגרים אײַך מיטן זיג, מײַנע טײַערע מיטבירגער און מיטבירגערנס!"[1].

דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט געפײַערט דעם זיג. אַלע געדאַנקען, אַלע געפילן פון די סאָוועטישע מענטשן זײַנען געווען געווענדעט צו דעם, ווער עס האָט געפירט אונדזער לאַנד דורך די שווערינקײַטן און נסיונות פון דער מלחמה, ווער עס האָט געראַטעוועט דאָס לאַנד פון אונטערגאַנג, וועמענס גאוני עס האָט אָנגעוויזן דעם וועג צום זיג, וועמענס ווילן עס האָט געבראַכט דאָס לאַנד צום נצחון, — צום גרויסן סטאַלין!

אַלס גרויסן פאַרדינסט דעם חבר סטאַלינס פאַרן הײמלאַנד דאַרף מען האַלטן דאָס, וואָס ער האָט פאַר דער צײַט פון דער פאַטערלענדישער מלחמה צוגעקליבן, דערצויגן און אַרויסגערוקט אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פאָסטנס נײַע אָנפירנדיקע מיליטער-קאַדרען, וועלכע האָבן אויסגעטראָגן אויף זײערע אַקסלען די גאַנצע לאַסט פון דער מלחמה קעגן דײַטשלאַנד און דײַטשלאַנדס פאַרבינדעטע. דאָס זײַנען: בולגאַנין, וואַסילעווסקי, קאָניעוו, גאָוואָראָוו, זשוקאָוו, וואַטוטין, טשערניאַכאָווסקי, אַנטאָנאָוו, סאָקאָלאָווסקי, מערעצקאָוו, ראָקאָסאָווסקי, מאַלינאָווסקי, וואָראָנאָוו, טאָלבוכין, יאַקאָוולעוו, מאַלינין, גאַליצקי, טראָפימענקאָ, גאָרבאַטאָוו, שטעמענקאָ, קוראַסאָוו, ווערשינין, גאָלאָוואַנאָוו, פעדאָרענקאָ, ריבאַלקאָ, באָגדאַנאָוו, קאַטוקאָוו, לעליושענקאָ און פיל אַנדערע.

דעם 24 מײַ האָט די רעגירונג פונעם פאַרבאַנד ססר אײַנגעאָרדנט אין קרעמל אַן אויפנעם לכבוד די העכערע קאָמאַנ-

[1] י. סטאַלין, וועגן דער גרויסער פאַטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, 5-טע אויפלאַגע, ז. 192—194.

דירן פון דער רויטער ארמיי — די מיליטער־פירער פון דער סטאלינישער שול.

חבר סטאלין איז אויף אָט דעם אויפנעם ארויסגעטראָטן מיט א רעדע וועגן די פארדינסטן פונעם סאָוועטישן פאָלק אין דער פאָטערלענדישער מלחמה, און פריער פאר אלץ פונעם רוסישן פאָלק, אלס די סאמע אָנגעזעענע נאציע צווישן אלע נאציעס, וואָס גייען אריין אין באשטאנד פונעם סאָוועטן־פארבאנד. דאָס רוסישע פאָלק, האָט געזאָגט חבר סטאלין, האָט אין דער דאָזיקער מלחמה פארדינט אלגעמיינע אָנערקענונג, אלס די אָנפירנדיקע קראפט פונעם סאָוועטן־פארבאנד צווישן די פעלקער פון אונ־דזער לאנד. חבר סטאלין האָט געהאלטן א טאָסט לכבוד דעם רוסישן פאָלק ניט בלויז דערפאר, ווייל עס איז דאָס אָנפירנדיקע פאָלק, נאָר אויך דערפאר, ווייל עס פארמאָגט א קלאָרן שכל, פעסטן כאראקטער, מיושבדיקייט, פארנינפטיקן געדולד. דער גרענעצלאָזער צוטרוי פונעם רוסישן פאָלק צו דער סאָוועטן־רעגירונג, זיין גלויבן אין דער ריכטיקייט פון איר פאָליטיק און זיין אלמעגלעכע שטיצע דער סאָוועטן־רעגירונג און דער באָל־שעוויסטישער פארטיי, האָט געזאָגט חבר סטאלין, דאָס איז געווען „יענע אנטשיידנדיקע קראפט, וואָס האָט געזיכערט דעם היסטאָרישן זיג איבערן שונא פון דער מענטשהייט, — אי־בערן פאשיזם“ [1].

לויטן באפעל פונעם אויבער־הויפט־קאָמאנדיר חבר סטאלין איז דעם 24 יוני 1945 יאָר פאָרגעקומען אין מאָסקווע אויפן רויטן פלאץ א פאראד פון דעם מיליטער פון דער אָפערירנדי־

[1] י. סטאלין, וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן־פארבאנד, 5־טע אויפלאגע, ז. 197.

קער ארמיי, פונעם קריגס־פלאַט און פונעם מאָסקווער גאַרני־זאָן — דער פאראד פון נצחון. אהער, צום רויטן פלאץ, האָט די סאָוועטישע ארמיי געבראכט די פאָנען פון די דורך איר צע־קלאפּטע און פארניכטעטע דייטשיש־פאשיסטישע ארמייען און דיוויזיעס. די דאָזיקע פאָנען זיינען געוואָרפן געוואָרן צו די פיס פונעם זיגרייכן סאָוועטישן פאָלק, צופוסנס פונעם לענין־מאַוו־זאָליי, וואָס אויף זיין טריבונע איז געשטאנען דער גרויסער מיליטער־פירער — סטאלין.

אויסדריקנדיק דעם ווילן פונעם גאנצן סאָוועטישן פאָלק, האָט דער פרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר דעם 26 יוני 1945 יאָר פאר די אויסשליסלעכע פארדינסטן אינעם אָרגאַניזירן אלע באוואָפנטע קרעפטן פונעם סאָוועטן־פארבאנד און פאר דער מייסטערהאפטער אָנפירונג מיט זיי אין דער גרוי־סער פאָטערלענדישער מלחמה, וועלכע האָט זיך געענדיקט מיטן פולשטענדיקן זיג איבערן היטלערישן דייטשלאנד, בא־לוינט דעם מארשאל פונעם סאָוועטן־פארבאנד יאָסיף וויסאריאָ־נאָוויטש סטאלין מיטן צווייטן אָרדען „נצחון“.

דער מארשאל פונעם סאָוועטן־פארבאנד יאָסיף וויסאריאָנאָ־וויטש סטאלין, וואָס איז געשטאנען אין דער שפּיץ פון דער רויטער ארמיי אין די שווערע טעג פון פארטיידיקן אונדזער היימלאנד און זיין הויפּט־שטאָט מאָסקווע, וואָס האָט מיט אוי־סערגעוויינלעכן מוט און אנטשלאָסנקייט אָנגעפירט מיטן קאמף קעגן היטלערישן דייטשלאנד, האָט באקומען דעם טיטל העלד פונעם סאָוועטן־פארבאנד און דערביי א לענין־אָרדען און א מעדאל „גאָלדענער שטערן“.

דעם 27 יוני 1945 יאָר איז דעם אויבער־הויפּט־קאָמאנדיר



גענעראַליסימוס פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד י. וו. סטאַלין אין א גרופּע מאַרשאַלן,
גענעראַלן און אַדמיראַלן — דעפּוטאַטן פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר.
פאָטאָ.

איבער אלע באוואָפנטע קרעפטן פון פססר יאָסיף וויסאריאָנאָ־וויטש סטאלין געגעבן געוואָרן דער העכסטער מיליטערישער טיטל — גענעראליסימוס פונעם סאָוועטן־פארבאנד.

דעם 16 יולי 1945 איז י. וו. סטאלין אָנגעקומען קיין בערלין, וואו עס איז פונעם 17 יולי ביזן 2 אויגוסט אָפּגע־האלטן געוואָרן א קאָנפערענץ פון דריי מלוכות — פססר, פשא און גרויסבריטאניע. די בערלינער קאָנפערענץ האָט אָנגענומען וויכטיקע באשלוסן, וואָס האָבן געהאט דעם ציל צו פארפעס־טיקן דעם דערגרייכטן נצחון, דערונטער באשלוסן וועגן דייטשלאנד, וועגן עסטרייך און פוילן.

זיגרייך פארענדיקט די מלחמה קעגן היטלערישן דייטש־לאנד, איז דאָס סאָוועטן־לאנד צוגעטראָטן צו אָנגעשטרענגטער ארבעט אויפצושטעלן די ווירטשאפט, וואָס די דייטשישע פאר־כאפער האָבן חרוב געמאכט, בויען נייע פאבריקן און זאוואָדן.

דאָס סאָוועטן־לאנד האָט זיך אָבער ניט געקאָנט פילן בא־וואָרנט פון געפאר, כל־זמן עס האָט נאָך עקזיסטירט די צווייטע נעסט פון מלחמה — די אימפעריאליסטישע יאפּאָניע, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן די פאָדערונגען פון פשא, גרויסבריטאניע און כינע וועגן באדינגלאָזער קאפּיטולאציע. די פארבינדעטע האָבן זיך געווענדעט צו דער סאָוועטן־רעגירונג מיט א פאָרשלאָג איינשליסן זיך אין דער מלחמה קעגן דער יאפּאָנישער אגרעסיע. טריי דעם חוב פון א פארבינדעטן, האָט די סאָוועטן־רעגירונג אָנגענומען אָט דעם פאָרשלאָג פון די פארבינדעטע און האָט דערקלערט קריג יאפּאָניע.

דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט דעם דאָזיקן באשלוס באַווי־ליקט און אונטערגעהאלטן, אלס דעם איינציק ריכטיקן שריט,

וואָס איז אימשטאַנד צו באַוואָרענען אונדזער לאַנד פון געפאַר ניט בלויז אין מערב, נאָר אויך אין מזרח, אימשטאַנד צו דער־נענטערן דעם סוף פון דער מלחמה און מיטהעלפן אַמשנעלסטן אויפצושטעלן דעם אַלגעמיינעם שלום.

דעם 9 אויגוסט 1945 יאָר אינדערפרי האָבן דאָס סאָוועטישע מיליטער, די שיפן און טיילן פונעם שטיל־אָקעאַנישן פלאָט אָנגעהויבן קריגס־אָפּעראַציעס קעגן דעם יאַפּאַנישן מיליטער אויפן ווייטן מזרח.

די קוואַנטונער אַרמיי פון די יאַפּאַנער איז, נאָך פאַרצווייפלטע, אָבער דערפאָלגלאָזע קאָנטראַטאַקעס, געצוואונגען געווען אָפּצושטעלן דעם ווידערשטאַנד, זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס געווער און האָט זיך איבערגעגעבן דעם סאָוועטישן מיליטער אין געפאַנגענשאַפט. די סאָוועטישע אַרמיי האָט באַפרייט פון די יאַפּאַנער מאַנטשזשוריע, דרום־סאַכאַלין, צפון־קאָרייע און די קורילישע אינדזלען.

דאָס אַריינטרעטן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דער מלחמה קעגן יאַפּאַניע, דער דראַנגפולער אָנגריף פון די טיילן פון דער רויטער אַרמיי, וואָס האָבן צעשמעטערט אַ באַדייטנדיקע צאָל יאַפּאַניש מיליטער, האָט געצוואונגען יאַפּאַניע צו קאַפּיטולירן. דעם 2 סעפּטעמבער 1945 יאָר האָבן די מלוכהשע און מיליטערישע פאָרשטייער פון יאַפּאַניע אונטערגעשריבן אין טאָקיאָ דעם אַקט וועגן באַדינגלאָזער קאַפּיטולאַציע.

אינעם טאָג פון נצחון איבער יאַפּאַניע איז חבר סטאַלין אַרויסגעטראָטן דורך ראַדיאָ. אַ פריידיקע בשורה האָט דער פירער אָנגעזאָגט דעם סאָוועטישן פאָלק:

„פון היינט אָן קאָנען מיר האַלטן, אַז אונדזער פאָטערלאַנד־

איז פרײַ פון דער געפאר פון א דײַטשישער אינוואזיע אין מערב און פון א יאפּאַנישער אינוואזיע אין מזרח. עס איז גע־קומען דער לאנג געגארטער שלום פאר די פעלקער פון גאַר דער וועלט"[1].

עס האָט געזיגט די סאָוועטישע געזעלשאפטלעכע אָרדע־נונג, עס האָט געזיגט די סאָוועטישע מלוכה־אָרדענונג, עס האָבן געזיגט די סאָוועטישע באוואָפנטע קרעפטן, עס האָט געזיגט די קלוגע פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פארטיי באָלשע־וויקעס.

אין די יאָרן פון דער פאָטערלענדישער מלחמה האָט דאָס סאָוועטישע פאָלק נאָך טיפער אָפּגעשאצט די גרויסקייט פון זײַן פירער, לערער, סטראטעג און פרײַנט — יאָסיף וויסאריאָ־נאָוויטש סטאלין, זײַן מסירת־נפשדיקן דינען דעם סאָוועטישן היימלאנד, זײַן אומדערמידלעכע זאָרג פארן וואוקס און אויפבלי פון דער סאָציאליסטישער מלוכה.

סטאלין האָט באגײַסטערט דאָס סאָוועטישע פאָלק צום ווי־דערשטאנד קעגן שונא, סטאלין האָט געבראכט דאָס סאָוועטישע פאָלק צום זיג.

אָנפירנדיק מיט די קריגס־אָפּעראציעס פון די סאָוועטישע באוואָפנטע קרעפטן און מיט דערווירטשאפטלעך־אָרגאניזאטאָ־רישער ארבעט אין הינטער־לאנד, האָט חבר סטאלין מלחמה־צײַט פארגעזעצט זײַן קאָלאָסאלע טעאָרעטישע טעטיקייט, ער האָט פאנאנדערגעארבעט און באוועגט פאָראויס די מארקסיס־טיש־לענינישע וויסנשאפט.

[1] י. סטאלין. וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן־פארבאנד, 5־טע אויפלאגע, ז. 206.

אין חבר סטאלינס ארויסטרעטונגען און באפעלן, פון וועל־כע עס באשטייט דער בוך „וועגן דער גרויסער פאַטערלענדי־שער מלחמה פונעם סאָוועטן־פארבאנד", האָט געקראָגן איר ווייטערדיקע אנטוויקלונג די סאָוועטישע קריגס־וויסנשאפט, די טעאָריע וועגן דער סאָוועטישער סאָציאליסטישער מלוכה, וועגן אירע פונקציעס און די קוואלן פון איר קראפט. חבר סטאלין האָט פאראלגעמיינערט די דערפארונג פון דער טעטיקייט פון דער סאָוועטן־מלוכה אין די באדינגונגען פון מלחמה און האָט אָנגעוויזן די וועגן פון דער ווייטערדיקער פארפעסטיקונג פון דער עקאָנאָמישער און מיליטערישער מעכטיקייט פון דער סאָוועטן־מלוכה.

אין זיין פאָרטראָג וועגן דעם 26־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט חבר סטאלין באוויזן, ווי גרויס עס איז די באדייטונג פון דער פארטיי באָל־שעוויקעס, פון דער סאָוועטישער אָרדענונג, פון דער פעלקער־פריינטשאפט אינעם סאָוועטן־פארבאנד און פונעם פאטריאָטיזם פון די סאָוועטישע מענטשן פארן נצחון איבער די פאשיסטישע פארכאפער.

„אין די טעג פון דער פאַטערלענדישער מלחמה האָבן מיר אין דער פארטיי געהאט פאר זיך א באגייסטערטער און אָרגא־ניזאטאָר פונעם קאמף פונעם גאנצן פאָלק קעגן די פאשיסטישע פארכאפער. די אָרגאניזאטאָרישע ארבעט פון דער פארטיי האָט פאראייניקט אין איין גוס און געריכטעט צו איין געמיינזאמען ציל אלע אָנשטרענגונגען פון די סאָוועטישע מענטשן דערמיט, וואָס זי האָט אונטערגעוואָרפן אלע אונדזערע קרעפטן און מיט־לען דער זאך פון צעשמעטערן דעם שונא. פאר דער צייט פון דער

מלחמה האָט די פּאַרטיי נאָך מער זיך באַהעפטעט מיטן פאָלק, זי האָט נאָך ענגער זיך פאַרבונדן מיט די ברייטע מאַסן אַרבעטנ־דיקע.

דערין איז דער קוואַל פון דער קראַפט פון אונדזער מלוכה" [1].

דער קוואַל פון דער קראַפט פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע אָרדענונג.

„די דערפאַרונג פון דער מלחמה לערנט אונדז, אַז די סאָוועטישע אָרדענונג האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט בלויז פאַר דער בעסטער פאָרם פון אָרגאַניזירן דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן אויפשטייג פונעם לאַנד אין די יאָרן פון פרידלעכער בויאונג, נאָר אויך פאַר דער בעסטער פאָרם פון מאָביליזירן אַלע קרעפטן פונעם פאָלק צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם שונא אין מלחמה־צייט" [2].

„די סאָציאַליסטישע אָרדענונג, געבוירן דורך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט געגעבן אונדזער פאָלק און אונדזער אַרמיי אַ גרויסע און אומבאַזיגבאַרע קראַפט" [3].

די מלחמה איז געווען אַ האַרבער עקזאַמען פון אַלע מאַטעריעלע און גייסטיקע קרעפטן פון דער סאָוועטן־מלוכה, אַן אויספּרואוו פון איר פעסטקייט און לעבנספעיִקייט. די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע מלוכה האָט מיט ערע אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און איז אַרויס פון דער מלחמה אַ נאָך מער קרעפ־

[1] י. סטאַלין. וועגן דער גרויסער פאַטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, 5־טע אויפלאַגע, ז. 119.
[2] דאָרט, ז. 120.
[3] דאָרט, ז. 158—159.

טיקע, שטאַרקע און פעסטע, אַזוי ווי דאָס האָט פאָראויסגעזען דער חבר סטאַלין.

נײַע אויספירן און פאַראַלגעמיינערונגען האָט חבר סטאַלין געמאַכט וועגן דער באַדײַטונג פון דער עקאָנאָמיק פון דער סאָוועטן־מלוכה. די מלחמה־דערפאַרונג, האָט געזאָגט חבר סטאַלין, האָט באַוויזן, אַז „די עקאָנאָמישע באַזע פון דער סאָוועטן־מלוכה האָט זיך אַרויסגעוויזן אָן אַן ערך לעבנספּעיִקער, איידער די עקאָנאָמיק פון די פײַנטלעכע מלוכות"[1].

בעת די עקאָנאָמיק פון די פײַנטלעכע לענדער איז אין גאַנג פון דער מלחמה געקומען צו אַ ירידה, האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זיך דערשלאָגן די מעגלעכקײַט ניט בלויז צו באַזאָרגן דעם פראָנט מיט אַ גענוגנדער צאָל באַוואָפענונג און קריגס־מאַטעריאַלן, נאָר אפילו אָנצוזאַמלען רעזערוון. די לעצטע דרײַ מלחמה־יאָרן האָט די סאָוועטישע טאַנקען־אינדוסטריע יעדן יאָר דורכשניטלעך פּראָדוצירט העכער 30 טויזנט טאַנקען, אויטאָ־האַרמאַטן און פּאַנצער־מאַשינעס; די אַוויאַציע־אינדוסטריע האָט פּראָדוצירט ביז 40 טויזנט עראָפּלאַנען; די אַרטילעריע־אינדוסטריע — ביז 120 טויזנט האַרמאַטן פון אַלע קאַליבערס, ביז 450 טויזנט האַנט־קוילנוואַרפער און געשטעל־קוילנוואַרפער, העכער 3 מיליאָן ביקסן און בײַ 2 מיליאָן אויטאָמאַטן; די מינענוואַרפער־אינדוסטריע — ביז 100 טויזנט מינענוואַרפער. לויט דער קוואַליטעט איז די סאָוועטישע באַוואָפענונג געווען ניט בלויז ניט קיין ערגערע פון דער דײַטשישער, נאָר זי איז געווען אַ בעסערע פון דער דײַטשישער.

1 י. סטאַלין, וועגן דער גרויסער פּאַטריאָטישער מלחמה פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, 5־טע אויפלאַגע, ז. 158.

אָפּשאַצנדיק די באַדײַטונג פונעם קאַמף פון די סאָוועטישע מענטשן קעגן די דײַטשיש־פאַשיסטישע פאַרכאַפּער, האָט חבר סטאַלין געמאַכט אַ ביז גאָר וויכטיקן אויספיר וועגן דעם גרויסן היסטאָרישן פאַרדינסט פונעם סאָוועטישן פאָלק פאַר דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט: „דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט מיט זײַן מסירת־נפשדיקן קאַמף געראַטעוועט פון די פאַשיסטישע פּאָגראָם־מאַכערס די ציוויליזאַציע פון אייראָפּע"[1].

חבר סטאַלין האָט אָפּגעשאַצט דאָס סאָוועטישע פאָלק, אַלס אַ העראָיִש פאָלק, וואָס איז פעִיק אויפטאָן וואונדער און אַרויסגיין אַ זיגער פון די שווערסטע נסיונות.

איינער פון די הויפּט־קוואַלן פון דער קראַפט פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט געזאָגט חבר סטאַלין, איז די פעלקער־פרײַנטשאַפט בײַ אונדז אין לאַנד, וועלכע האָט אויסגעהאַלטן אַלע שוועריקײַטן און נסיונות פון דער מלחמה און האָט זיך נאָך מער פאַרהאַרטעוועט אינעם געמיינזאַמען קאַמף פון אַלע סאָוועטישע מענטשן קעגן די פאַשיסטישע פאַרכאַפּער. די גרויסע און פעסטע פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער פון אונדזער לאַנד האָט זיך אויסגעבילדעט אויף דער פעסטער באַזע פון דער לענינישע־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק און איז אַ מוסטער פון יושרדיקן לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע, אַזאַ, וואָס איז נאָך ניט געזען געוואָרן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט.

די היטלעריסטישע אידעאָלאָגיע פון חיהשן נאַציאָנאַליזם און ראַסן־האַס איז באַזיגט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער אידעאָלאָגיע פון גלײַכבאַרעכטיקונג פון אַלע ראַסן און נאַציעס, דורך

[1] י. סטאַלין. וועגן דער גרויסער פּאַטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, 5־טע אויפלאַגע, ז. 162.

דער אידעאָלאָגיע פון פעלקער־פרייַנטשאַפט. דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט אָפּגעהאַלטן איבערן היטלערישן דייַטשלאַנד ניט בלויז א מיליטערישן און עקאָנאָמישן זיג, נאָר אויך א מאָראַליש־פּאָליטישן זיג.

א ביז גאָר וויכטיקע באַדייַטונג האָט דער טעזיס, וואָס חבר סטאַלין האָט אַנטוויקלט, וועגן דעם סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם — דעם קוואַל פון די אַרבעטס־העלדנטאַטן פון די סאָוועטישע מענטשן אין הינטער־לאַנד און פון די קריגס־העלדנטאַטן פון די סאָוועטישע קריגער אויפן פראָנט. „די קראַפט פונעם סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם, — זאָגט דער חבר סטאַלין, — באַשטייט דערין, וואָס אין זייַן יסוד ליגן ניט קיין ראַסעווע אָדער נאַציאָנאַליסטישע פאָראורטיילן, נאָר די טיפע איבערגעגעבנקייַט און טרייַהייַט פונעם פאָלק צו זייַן סאָציאַליסטישן היימלאַנד, די ברידערלעכע פרייַנטשאַפט פון די אַרבעטנדיקע פון אַלע נאַציעס פון אונדזער לאַנד. אינעם סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם באַהעפטן זיך האַרמאָניש די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס פון די פעלקער און די געמיינזאַמע לעבנס־אינטערעסן פון אַלע אַרבעטנדיקע פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד... גלייַכצייַטיק אַכטן די פעלקער פון ססר די רעכט און אומאָפּהענגיקייַט פון די פעלקער פון אַנדערע לענדער און האָבן שטענדיק אַרויסגעוויזן גרייטקייַט צו לעבן אין שלום און פרייַנטשאַפט מיט די שכנישע מלוכות. דערין דאַרף מען אייַנזען דעם יסוד פון די וואַקסנדיקע און אַלץ שטאַרקער ווערנדיקע פאַרבינדונגען פון אונדזער מלוכה מיט די פרייַהייטס־ליבנדיקע פעלקער" [1].

[1] י. סטאַלין. וועגן דער גרויסער פּאַטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, 5־טע אויפלאַגע, ז. 160—161.

חבר סטאלין האָט אנטוויקלט ווײַטער די פאָרגעשריטענע סאָוועטישע קריגס־ווּיסנשאפט. חבר סטאלין האָט פאנאנדערגעארבעט די הנחה וועגן די שטענדיק ווירקנדיקע פאקטאָרן, וואָס אנטשיידן דעם גורל פון דער מלחמה, וועגן אקטיווער שוץ און וועגן די געזעצן פון קאָנטער־אָנגריף און אָנגריף, וועגן דער קאָאָרדינירונג פון די אָפּעראציעס פון פארשיידענע מינים מיליטער און קריגס־טעכניק אין די הײַנטצײַטיקע מלחמה־באדינגונגען, וועגן דער ראָליע פון גרויסע מאסן טאנקען און אוויאציע אין דער הײַנטצײַטיקער מלחמה, וועגן דער ארטילעריע, אלס דעם מעכטיקסטן מין מיליטער. אויף פארשיידענע עטאפּן פון דער מלחמה האָט דער סטאַלינישער געני געפונען ריכטיקע לייזונגען, וואָס האָבן פולשטענדיק דיסקאָנטירט די ספּעציפיק פון דער סיטואַציע.

די סטאלינישע קריגס־קונסט האָט זיך אנטפּלעקט סײַ אין שוץ, סײַ אין אָנגריף. לויט חבר סטאלינס אָנווײַזונג איז בײַם סאָוועטישן מיליטער די אקטיווע שוץ געגאנגען באנאנד מיט דער צוגרייטונג צו א קאָנטער־אָנגריף. דער אָנגריף איז געגאנגען באנאנד מיט פעסטער שוץ. חבר סטאלין האָט מײַסטערהאפט פאנאנדערגעארבעט און אָנגעווענדעט די נײַע מאנעווריר־טאקטיק, די טאקטיק פון דורכרײַסן דעם קעגנערס פראָנט גלײַכצײַטיק אין עטלעכע ערטער, א טאקטיק, וועלכע איז אויסגערעכנט אויף ניט געבן דעם קעגנער די מעגלעכקײַט צונויפקלײַבן זײַנע רעזערוון אין א שלאָג־פויסט; די טאקטיק פון דורכרײַסן דעם שונאס פראָנט אין עטלעכע ערטער אין א פארשיידענער צײַט (דאָס הייסט, ווען איין דורכרײַס גייט נאָכן אנדערן), וועלכע איז אויסגערעכנט אויף צו צווינגען דעם קעגנער פארלירן

צייט און קרעפטן אויף איבערגרופּירן זיין מיליטער; די טאַקטיק פון דורכרייסן דעם קעגנערס פלאַנגען, פאַרגיין אים אין רוקן, אַרומרינגלען און פאַרניכטן גרויסע פייַנטלעכע מיליטער-גרופּעס. מיט געניאַלער שאַרפזיכטיקייט האָט חבר סטאַלין כסדר אויפגעדעקט דעם שונאס פּלענער און געמאַכט זיי צו נישט. די שלאַכטן, אין וועלכע חבר סטאַלין האָט אָנגעפירט מיטן סאָוועטישן מיליטער, זיינען גלענצנדיקע מוסטערן פון אָפּעראַטיווער קריגס-קונסט.

שעפערישע אייגנאַרט, אָריגינעלקייט פון פאַרטראַכט — אָט וואָס עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע קריגס-אָפּעראַציעס, וואָס די סאָוועטישע אַרמיי האָט דורכגעפירט אונטער דער אָנפירונג פונעם גענעראַליסימוס סטאַלין.

חבר סטאַלין האָט באַוויזן מוסטערן פון ווויסנשאַפטלעכן לייזן די פראַגן פון די צווישנפעלקערלעכע באַציאונגען און פון דער אויסערן-פּאָליטיק פון פסס"ר בעת דער מלחמה און נאָך דער מלחמה. חבר סטאַלין האָט אַנטוויקלט אַ קאָנקרעטע פּראַקטישע פּראָגראַם פון טאַט און פּאָליטיק אויפן געביט פון אָרגאַניזירן און ווידער-אויפשטעלן דאָס מלוכהשע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע לעבן פון די אייראָפּעיִשע פעלקער נאָכן זיג איבערן פאַשיסטישן דייטשלאַנד.

נאָך אין סאַמע ברען פון דער מלחמה — אין 1942 יאָר האָט חבר סטאַלין פאָרמולירט די וויכטיקסטע פּרינציפּן פון דער טאַט-פּראָגראַם פון דער אַנטי-היטלערישער קאָאַליציע: פאַרניכטן די ראַסן-אויסנעמלעכקייט; גלייכבארעכטיקונג פון די נאַציעס און אומבארירלעכקייט פון זייער טעריטאָריע; באַפרייען די פאַרשקלאַפטע נאַציעס און אויפשטעלן זייערע סוווערענע

רעכט; דאָס רעכט פון יעדער נאַציע איינצואָרדענען זיך לויט איר ווּאונטש; אויפשטעלן די דעמאָקראַטישע פרייַהייַטן.

אינעם פאָרטראָג וועגן דעם 27-טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט חבר סטאַלין געזאָגט: „געווינען די מלחמה מיט דייַטשלאַנד הייסט פאַרווירקלעכן א גרויסן היסטאָרישן ענין. געווינען די מלחמה באַטייַט נאָך אָבער ניט גאַראַנטירן די פעלקער א פעסטן שלום און א זיכערע געפאַרלאָזיקייַט אין דער צוקונפט. די אויפגאַבע באַשטייט ניט בלויז דערין, אַז מען זאָל געווינען די מלחמה, נאָר אויך דערין, מען זאָל מאַכן פאַר אוממעגלעך, אַז עס זאָלן קאָנען אויפקומען א נייַע אַגרעסיע און א נייַע מלחמה, אויב ניט אויף שטענדיק, איז לכל-הפחות אין משך פון א דויערנדיקן פעריאָד" [1].

ריידנדיק וועגן דער נייטיקייַט צו באַוואָרענען די זיכערהייַט אין גאָר דער וועלט און צו שאַפן א צווישנפעלקערלעכע אָרגאַניזאַציע, האָט חבר סטאַלין געוואָרנט, אַז די מאָסמיטלען, וואָס די פאַראייניקטע נאַציעס נעמען צוליב דעם אָן, „וועלן זייַן עפעקטיוו, אויב די גרויסע מלוכות, וואָס האָבן אויף זייערע פלייצעס אויסגעטראָגן די הויפּט-לאַסט פון דער מלחמה קעגן היטלערישן דייַטשלאַנד, וועלן אויך ווייַטער האַנדלען אין גייַסט פון אייַנמוטיקייַט און אייַנפאַרשטענדעניש. זיי וועלן ניט זייַן עפעקטיוו, אויב עס וועט געבראָכן ווערן אָט דער נייטיקער באַדינג" [2].

---

[1] י. סטאַלין. וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה פונעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, 5-טע אויפלאַגע, ז. 165—166.

[2] דאָרט, ז. 168.

א הערלעך בילד פון די היסטאָרישע נצחונות, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אָפּגעהאַלטן אין דער פאַטערלענדישער מלחמה, און א גראַנדיעזע פּראָגראַם פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די קרעפטן פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט האָט חבר סטאַלין געגעבן אין זיין אַרויסטרעטונג אויף דער פאָרוואַל־פאַרזאַמלונג פון די וויילער פונעם סטאַלינער וואַלקרייז אין דער שטאָט מאָסקווע דעם 9 פעברואַר 1946 יאָר. חבר סטאַלין האָט גערעדט וועגן דעם נייעם, דעם פערטן פינפיאָר־פּלאַן פון אַנטוויקלען די פאָלקס־ווירטשאַפט, וואָס די גרונט־אויפגאַבן זיינע איז אויפשטעלן און איבערשטייגן דעם פאַרמלחמהדיקן ניוואָ פון דער אינדוסטריע און פון דער לאַנדווירטשאַפט.

חבר סטאַלין האָט גערעדט וועגן די צוקונפט־פּלענער, וועגן א נייעם מעכטיקן אויפשטייג פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט, פון דער וויסנשאַפט פונעם סאָוועטן־לאַנד, וועגן שאַפן די באַדינגונגען, וואָס זאָלן גאַראַנטירן אונדזער היימלאַנד פון כלערליי צופעליקייטן, וואָס זאָלן נאָך העכער און העכער אויפהייבן זיין עקאָנאָמישע און מיליטערישע מעכטיקייט, וואָס זאָלן זיכערן א נייעם אויפשטייג פון זיין קולטור און א וואוקס פונעם פאָלקס־וואוילשטאַנד.

אין פעברואַר 1946 יאָר האָט דאָס סאָוועטישע פאָלק אויפן גרונט פון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע דורכגעפירט נייע וואַלן צום אויבער־סאָוועט פון פססר. די וואַלן זיינען געוועזן אן אויסדריקלעכער און איבערציינגנדיקער באַווייז פון דער איבערגעגעבנקייט פונעם סאָוועטישן פאָלק דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס, דער סאָוועטן־רעגירונג, דעם באַליבטן סטאַלין. פאַר

די קאַנדידאַטן פֿונעם בלאָק פֿון די קאָמוניסטן און אומפּאַרטיי־אישע צום פֿאַרבאַנד־ראַט האָבן געשטימט 99,18 פּראָצענט, צום נאַציאָנאַליטעטן־ראַט — 99,16 פּראָצענט.

★

דאָס לעבן און די טעטיקייט פֿונעם חבר סטאַלין איז אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט דער טעטיקייט פֿון וו. אי. לענין, זײַן לערער און דערציִער, מיט דער געשיכטע פֿון אונדזער העראָישער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, מיט דער געשיכטע פֿונעם גרויסן סאָוועטישן פֿאָלק.

חבר סטאַלינס לעבן און טעטיקייט איז אויך פֿאַרבונדן מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און מיטן נאַציאָנאַלן באַפֿרײַאונגס־קאַמף פֿון די קאָלאָניאַלע פֿעלקער קעגן אימפּעריאַליסטישן יאָך. אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די גרויסע פֿירער לענין און סטאַלין איז געוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל. פּונקט ווי די געשיכטע פֿונעם I אינטערנאַציאָנאַל איז אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט די נעמען מאַרקס און ענגעלס, אַזוי איז די געשיכטע פֿונעם III, קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל פֿאַרבונדן מיט די נעמען לענין און סטאַלין. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָליע אין באַהעפֿטן דעם אַוואַנגאַרד פֿון די פּראָגרעסיטענע אַרבעטער אין עכטע אַרבעטער־פּאַרטייען. אויסגעפֿילט זײַן היסטאָרישע מיסיע, האָט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן. אין מײַ 1943 יאָר האָט דער פּרעזידיום פֿונעם אויספֿיר־קאָמיטעט פֿון קאָמינטערן אַרײַנגעטראָגן אַ פֿאָרשלאָג וועגן פֿאַנאַנדערלאָזן דעם קאָמינטערן אַלס אָנפֿירנדיקן צענטער פֿון

דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־באַוועגונג. די קאָמינטערן־סעקציעס האָבן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג באַשטעטיקט.

די מיליאָנען ארבעטער פון אלע לענדער זעען איין אין סטאַלינען זייער לערער, וואָס אויף זיינע קלאַסישע ווערק האָבן זיי זיך געלערנט און לערנען זיך, ווי אַזוי מען דאַרף מיט דער־פאָלג קעמפן קעגן דעם קלאַסן־שונא, ווי אַזוי מען דאַרף גרייטן די באַדינגונגען פאַרן ענדגילטיקן זיג פונעם פּראָלעטאַריאַט. סטאַלינס אײַנפלוס — דאָס איז דער אײַנפלוס פון דער גרויסער, רומפולער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, אין וועלכער די ארבעטער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זעען איין א מוסטער־האַפט־פּאַרטיי פונעם ארבעטער־קלאַס, וועלכע איז ווערט, מען זאָל גיין אויף אירע וועגן. אונטער דער אָנפירונג פון דער דאָזיקער פּאַרטיי איז ניט נאָר געשטירצט געוואָרן דער קאַפּיטאַליזם און איז אײַנגעשטעלט געוואָרן די סאָוועטן־מאַכט — די מאַכט פון די ארבעטנדיקע, נאָר עס איז אויך אויסגעבויט געוואָרן דער סאָציאַליזם אין פססר.

די ארבעטער פון אלע לענדער ווייסן, אַז יעדעס וואָרט, וואָס סטאַלין זאָגט, — דאָס איז דאָס וואָרט פונעם סאָוועטישן פאָלק, אַז נאָך יעדן וואָרט זײַנעם קומט טאַט. די ארבעטנדיקע מאַסן פון גאָר דער וועלט האָבן אויף דער דערפאַרונג פון דער זיגרײַכער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, אויף דער דערפאַרונג פונעם אויפבוי פונעם סאָציאַליזם אין פססר און אויף דער דער־פאַרונג פונעם זיג פונעם סאָוועטישן פאָלק אין דער פאָטער־לענדישער מלחמה זיך איבערצייגט אין דעם טיפן לעבנס־אמת פון דער זאַך פון לענין—סטאַלין. אלע פרײַהייטס־ליבנדיקע פעלקער זעען איצט אין סטאַלינען א טרײַען און פעסטן פאַר־

טיידיקער פונעם שלום, פון דער זיכערהײַט און פון די דעמאָ־קראַטישע פרײַהײַטן.

י. וו. סטאַלין איז דער געניאַלער פירער און לערער פון דער פּאַרטיי, דער גרויסער סטראַטעג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, דער אָנפירער פון דער סאָוועטן־מלוכה און מיליטער־פירער. אומקאָמפּראָמיסלעכקײַט צו די שונאים פונעם סאָציאַליזם, טיפסטע פּרינציפּיעלקײַט, די פאַראייניקונג — אין זײַן טעטיקײַט — פון קלאָרער רעוואָלוציאָנערער פּערספּעקטיוו, קלאָרקײַט פון ציל מיט אויסשליסלעכער פעסטקײַט און פּאַרעקשנטקײַט אינעם דערגרייכן דעם ציל, חכמה און קאָנקרעטקײַט פון אָנפירונג, ענגסטע פאַרבינדונג מיט די מאַסן — אָט דאָס זײַנען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פונעם סטאַלינישן אַרבעט־סטיל. נאָך לענינען איז קיין איין פירער אין דער וועלט נאָך ניט אויסגעקומען אָנצופירן מיט אַזוינע ריזיקע מיליאָנען־מאַסן פון אַרבעטער און פּויערים, ווי י. וו. סטאַלינען. י. וו. סטאַלין קען, ווי קיין שום אַנדערער, פאַראַלגעמיינערן די רעוואָלוציאָנערע, שעפערישע דערפאַרונג פון די מאַסן, אויפכאַפּן און אַנטוויקלען זייער איניציאַטיוו, לערנען זיך בײַ די מאַסן און לערנען די מאַסן, פירן זיי פאָראויס צום זיג.

די גאַנצע טעטיקײַט סטאַלינס ווײַזט אונדז אַ מוסטער פון צונויפגעפּאָרן קאָלאָסאַלע טעאָרעטישע קראַפט מיט אומגעהייערן לויטן מאַסשטאַב און שוואונג פּראַקטישער דערפאַרונג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

סטאַלין, צוזאַמען מיט זײַנע נאָענטסטע מיטקעמפער, די אויסגעפּרואווטע לענינצעס, בראש פון דער גרויסער פּאַרטיי באָלשעוויקעס, פירט אָן מיט נאָך אין דער געשיכטע ניט געזעע־

נער פילנאציאָנאַלער סאָציאַליסטישער מלוכה פון ארבעטער און פויערים. אויף אלע געביטן פון דער סאָציאַליסטישער בוי־אונג דינען זײַנע אָנווײַזונגען פאר א ריכט־ליניע צו טאט. חבר סטאלינס טעטיקײַט איז ביז גאָר פילזײַטיק; זײַן ענערגיע איז באמת צו באוואונדערן. דער קרײַז פראגן, צו וועלכע ס'איז געווענדעט סטאלינס אויפמערקזאמקײַט, איז אויסערגעוויינלעך ברייט: קאָמפּליצירטסטע פראגן פון דער מארקסיסטיש־לעניני־שער טעאָריע — און לערן־ביכער פאר קינדער; פּראָבלעמען פון דער אויסערן־פּאָליטיק פונעם סאָוועטן־פארבאנד — און טאָג־טעגלעכע זאָרג וועגן דער וואויל־אײַנאָרדענונג פון דער פּראָלעטארישער הויפּט־שטאָט; פראגן וועגן שאפן דעם גרויסן צפונדיקן ים־וועג — און וועגן אויסטריקענען די זומפּן פון קאָל־כידע; פּראָבלעמען פון דער אנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראטור און קונסט — און דאָס רעדאגירן דעם סטאטוט פונעם קאָלווירטישן לעבן; און, ענדלעך, די לייזונג פון די קאָמ־פּליצירטסטע פראגן פון דער טעאָריע און פּראקטיק פון דער קריגס־קונסט.

אלע וויסן די אומבאזיגבארע אײַזערנע קראפט פון דער סטאלינישער לאָגיק, די קרישטאָלענע קלאָרקײַט פון זײַן שׂכל, זײַן שטאָלענעם ווילן, זײַן איבערגעגעבנקײַט דער פּארטיי, זײַן הייסן גלויבן אין פאָלק און ליבע צום פאָלק. ס'איז אלעמען באַקאנט זײַן באשיידנקײַט, פּשוטקײַט, זײַן טיפע אויפמערקזאמ־קײַט צום מענטשן און אומדערבארעמקײַט צו די שונאים פונעם פאָלק. ס'איז אלעמען באקאנט, ווי ער פארטראָגט ניט קיין הו־הא, קיין פראזן־טרײַבער און פלאפּלער, קיין קלאָג־מוטערס און פּאניק־מאכער. סטאלין איז פול מיט חכמה, ער איז ניט־אײַלעוו־

דיק בײַם לײַזן קאָמפּליצירטע פּאָליטישע פראגן, דאָרט, וואו עס איז נייטיק אן אלזײַטיקער דיסקאָנט פון אלע פּליוסן און מינוסן. און באגלײַך דערמיט איז סטאלין דער גרעסטער מײַסטער פון דרייסטן רעוואָלוציאָנערן באשלוס און שארפן קער.

סטאלין איז דער ווירדיקער פּאָרזעצער פון לענינס ווערק, אָדער, ווי מען זאָגט בײַ אונדז אין דער פּארטיי, סטאלין — דאָס איז לענין הײַנט.

ענטפערנדיק די אָרגאניזאציעס און די חברים, וואָס האָבן אים באגריסט אין 1929 יאָר צו זײַן 50-טן געבורטס-טאָג, האָט סטאלין געשריבן: „אײַערע גראטולירונגען און באגריסונגען נעם איך אָן אויפן חשבון פון דער גרויסער פּארטיי פונעם ארבעטער-קלאס, וועלכע האָט מיך געבוירן און דערצויגן לויט איר אייגענעם געשטאלט... איר מעגט ניט צווייפלען, חברים, אז איך בין גרייט אויך ווײַטער אָפּגעבן דער זאך פונעם ארבעטער-קלאס, דער זאך פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע און פונעם וועלט-קאָמוניזם אלע מײַנע כוחות, אלע מײַנע פעיִקייטן און, אויב ס'וועט זיך פאָדערן, דאָס גאנצע בלוט מײַנס, טראָפּן נאָך טראָפּן" [1].

אין סטאלינען זעען די פעלקער פון פססר די פארקערפּערונג פון זייער העראָיִזם, פון זייער ליבע צום היימלאנד, פון זייער פּאטריאָטיזם. „פאר סטאלינען! פארן היימלאנד!" — מיט דעם דאָזיקן לאָזונג האָבן די קריגער פון דער רומפולער סאָוועטישער ארמיי צעקלאפּט דעם פארביסנסטן און נידערטרעכטיקסטן שונא זייערן — דאָס פאשיסטישע דײַטשלאנד און אופגעהויבן איבער בערלין די פאָן פון נצחון.

---

[1] „פּראוודא" נומ׳ 302, 22 דעצעמבער 1929 י׳.

„פאַר סטאַלינען! פאַרן היימלאַנד!" — מיט דעם דאָזיקן לאָזונג האָבן די קריגער פון דער סאָוועטישער אַרמײ און פונעם קריגס-פלאָט צעקלאַפּט די אימפּעריאַליסטישע יאַפּאַניע און גע-שטעלט אויסער געפאַר די גרענעצן פון דער סאָוועטן-מלוכה אויפן ווײַטן מזרח.

מיטן נאָמען סטאַלין איז דער אַרבעטער-קלאַס פונעם סאָ-וועטן-פאַרבאַנד באַגאַנגען אַ בײַשפּיללאָזן אַרבעטס-העלדנטאַט אין דער גרויסער פּאַטעראַלענדישער מלחמה, — ער האָט באַ-זאָרגט די רויטע אַרמײ מיט ערשטקלאַסיקער קריגס-טעכניק און קריגס-מאַטעריאַלן.

מיטן נאָמען סטאַלין האָט דאָס קאָלווירטישע פּויערטום מסירת-נפשדיק געאַרבעט אויף די פעלדער, באַזאָרגנדיק די רויטע אַרמײ און די שטעט מיט דערנערונג און די אינדוסט-ריע — מיט רויוואַרג.

מיטן נאָמען סטאַלין האָט די סאָוועטישע אינטעליגענץ געטרײַ געאַרבעט פאַר דער לאַנדשוץ, פאַרפולקומט די באַוואָ-פענונג פון דער רויטער אַרמײ, די טעכניק און די אָרגאַניזאַ-ציע פון דער פּראָדוקציע, באַוועגט פאָרויס די סאָוועטישע וויסנשאַפט און קולטור.

מיטן נאָמען סטאַלין פאַרהיילט דערפאָלגרײַך דאָס גאַנצע סאָוועטישע פאָלק די וואונדן, וואָס די מלחמה האָט פאַרשאַפט, און קעמפט פאַר אַ נײַעם מעכטיקן אויפשטײַג פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט און פון דער סאָוועטישער קולטור.

דער נאָמען סטאַלין — דאָס איז דער סימבאָל פון מוט, דער סימבאָל פון רום פונעם סאָוועטישן פאָלק, אַ רוף צו נײַע העל-ראָישע טאַטן פאַר אונדזער גרויסן היימלאַנד.

דעם נאָמען סטאַלין טראָגן אין זייער האַרץ די בחורים און מיידלעך פונעם לאַנד פון סאָציאַליזם, די פּיאָנערן און פּיאָנער־קעס. זייער שענסטער טרוים איז — צו זײַן, ווי לענין, ווי סטאַלין, צו זײַן פּאָליטישע טוער פון לעניניש־סטאַלינישן טיפּ. לויטן רוף פון דער פּאַרטיי, פונעם חבר סטאַלין האָט די סאָ־וועטישע יוגנט געבויט גיגאַנטן פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע, געשאַפן שטעט אין דער טײַגע, געבויט און בויט וואונדערלעכע שיפן, דעראָבערט די אַרקטיק, באַהערשט די נײַע טעכניק אין דער אינדוסטריע און אין דער לאַנדווירטשאַפט, פעסטיקט די שוץ פון אונדזער היימלאַנד, אַרבעט שעפעריש אין דער וויסנשאַפט, אין דער קונסט, האָט באַוויזן העראָיזם און מוט אויף די שלאַכט־פעלדער אין דער פאָטערלענדישער מלחמה און מוסטערן פון מסירת־נפשדיקער אַרבעט אין הינ־טער־לאַנד צוליבן זיג פון דער סאָוועטישער אַרמיי. דער קאָמו־ניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד, דערצויגן פון לענינען און סטאַלינען, איז אַ טרײַער געהילף פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, אַ זיכערער פאַרבײַט פונעם עלטערן דור קעמפער פאַרן קאָמוניזם.

אין פיל שפּראַכן שאַפן די פעלקער פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד לידער וועגן סטאַלינען. אין די דאָזיקע לידער איז אויסגעדריקט די גוואַלדיקע ליבע און גרענעצלאָזע איבערגעגעבנקײַט פון די פעלקער פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד צו זייער גרויסן פירער, לע־רער, פרײַנט און מיליטער־פירער.

דער נאָמען סטאַלין גיסט זיך צונויף אין דער פאָלקס־שאַ־פונג מיטן נאָמען לענין. „מיר גייען מיט סטאַלינען ווי מיט לענינען, מיר ריידן מיט סטאַלינען ווי מיט לענינען, ער ווייסט אַלע אונדזערע געדאַנקען און רעיונות, דאָס גאַנצע לעבן זײַנס

זאָרגט ער וועגן אונדז", — אזוי ווערט געזאָגט אין איינער א פּראַקטיקער רוסישער פאָלקס־מעשה.

דער נאָמען סטאלין איז דער סימבאָל פון דער מאָראלישער און פּאָליטישער איינהייט פון דער סאָוועטישער געזעלשאפט.

מיטן נאָמען סטאלין פאַרבינדן די גאַנצע פּראָגרעסיווע מענטשהייט, אַלע פרייהייטס־ליבנדיקע דעמאָקראַטישע פעלקער זייערע האָפענונגען אויף א דויערהאפטן פעסטן שלום און זיכערהייט.

„ס'איז אונדזער גליק, וואָס אין די שווערע יאָרן פון דער מלחמה האָט די רויטע ארמיי און דאָס סאָוועטישע פאָלק געפירט פאָראויס דער געניאלער און אויסגעפּרואווטער פירער פונעם סאָוועטן־פארבאנד — דער גרויסער סטאלין. מיטן נאָמען פונעם ־גענעראליסימוס סטאלין וועלן אין דער געשיכטע פון אונדזער לאנד און אין דער וועלט־געשיכטע אריין די רומפולע נצחונות פון אונדזער ארמיי. אונטער דער אָנפירונג פון סטאלינען, דעם גרויסן פירער און אָרגאַניזאטאָר, זיינען מיר איצט צוגעטראָטן צו דער פרידלעכער בויאונג, כדי צו דערשלאָגן זיך אַן עכטן אויפבלי פון די קרעפטן פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט און באַרעכטיקן די בעסטע האָפענונגען פון אונדזערע פריינט אין גאָר דער וועלט"[1].

★

---

[1] וו׳ מ׳ מאָלאָטאָוו׳ דער 28־טער יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, 1945 י׳, ז׳ 18—19.

Printed in the Union of Soviet Socialist Republics

2